№ 4 RADOMER EXPRESS ראדאמער 16 זייטן פרייז 25 גר. ו-טער יאהרגאנג

עקספרעס

Adres redakcji i administracji Radom, Żeromskiego 7 25 sierpnia 1933 r. ראדאם פרייטאג פ׳ שופטים ג׳ אלול תרצ״ג

דאס גיהנום פון די דייטשע יודען

געשילדערט דורך נחום סאקאלאוו און ד״ר רופין

אין דער נעכטיגער זיצונג פון ציוניסטישן קאנגרעס.

פראג, 24 (יט״א). אויף דער היינטיגער נאכמי-טאג-זיצונג פון ציוניסטישן קאנגרעס איז גע-וועהלט געווארען א סעניארען-קאנווענט, אין וועל-כען עס זענען אריין פארשטעהער פון אלע פאר-טייען. דער סעניארען קאנווענט האט אלס אויפגא-בע איינצוהאלטען דעם קאנטאקט מיט אלע פאר-טייען, מחמת אין קאנגרעס-פרעזידיום זענען נישט אלע פראקציעס פארטרעטען.

דאן וועהלט דער קאנגרעס 4 קאמיסיעס.

א) א פאליטישע קאמיסיע, וועלכע האט אויך די אויפגאבע צו באטראכטען זיך איבער דער לאגע פון די יודען אין דער גאנצער וועלט. די דאזיגע קאמיסיע וועט זיך פרעזירען די שטעלונג פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע צום פראיעקטיר-טען יודישען וועלט-קאנגרעס.

ב) א קאמיסיע פאר ארגאניזאציע און פרא-פאגאנדע. די דאזיגע קאמיסיע וועט אויך בעהאנדלען די פראגע פון דער פארטרייטערער יודישער אגענץ. (רעגולירונג פון דער נישט-ציוניסטען פראגע).

ג) א קאמיסיע פאר א״י-ארבייט. די דאזיגע קאמיסיע וועט בעטראכטען דעם גאנצען קאמ-פלעקס פון א״י-פראגען — עליה, אינדוסטריע, האנ-דעל, געזונדהייטס-וועזען א. א. וו.

ד) א קאמיסיע פאר תרבות און ערציהונגס-וועזען.

נאכ'ן וועהלען דעם סעניארען-קאנווענט און די קאמיסיעס האט פרעזידענט נחום סאקאלאוו גע-האלטען זיין רעפעראט וועגען דער לאגע פון יודען אויף דער גאנצער וועלט. דער רעדנער שטעלט זיך אב אויספיהרליך אויף דער לאגע פון די יודען אין פוילען און הערט ברייט ארום דאן דאר פראב-לעם פון די דייטשע יודען. (דעם פולען טעקסט פון סאקאלאוו'ס רעדע געבען מיר בעזונ-דער).

פראג 24 (יט״א) פרעזידענט סאקאלאוו'ס רע-דע וועגען דער לאגע פון די יודען אויף דער וועלט, וועלכע איז געהאלטען געווארען אין יודיש, האט איבערגעלאזט א שטארקען רושם, די רעדע איז אויס געהערט געווארען מיט שפאנונג. דורך דעם בעזונ-דערס שטארק בעזעצטען קאנגרעס ביי איבערפול-טע באלקאנען, גאלעריען און לאזשעס.

נאך נחום סאקאלאוו'ס רעדע האט אויפ'ן קאנ-גרעס פלענום געהאלטען א רעפעראט דר. ארטור רו-פין א. ד. ט. „די ציוניסטישע לעזונג פון דער יו-דען-פראגע". דר. רופין רעדט דייטש.

דער רעפערענט קומט איצט דירעקט פון דייטש-לאנד, וואו ער האט א לענגערע צייט שטודירט דעם מצב פון די דייטשע יודען און אויפ'ן יסוד פון זיינע בעאבאכטונגען, און די געזאמעלטע סטא-טיסטישע מאטעריאלען בעארבייט די אויספיהרונ-גען פון זיין רעפעראט.

דר. רופינס רעפעראט איז א הילפס-רוף צו דער וועלט צו העלפען לעזען דאס טראגישע פראב-לעם פון אונטערגעהענדן יודישן קבוץ אין דייטש-לאנד,

אין דער איצטיגער טראגישער שווערער שעה, ערקלערט דר. רופין, איז א״י דער איינציגער ליכ-טיגער פונקט פאר'ן דייטשען יודענטום, וואס זוכט און קען נישט געפינען קיין לאנד, וואו איינצוואנ-דערען. דאס איינציגע לאנד, וואס האט נישט פער-מאכט זיינע טויערען פאר די געטריבענע דייטשע יודען, איז ארץ-ישראל.

דר. רופין בערעכענט די צאהל דייטשע יודען אויף 450 טויזנט און קומט צום אויספיהר, אז אנ'ערך א העלפט פון דער דאזיגער צאהל איז גע-ווארען איבריג אין דייטשלאנד און וועט מוזען אין משך פון א 5-10 יאהר אויסוואנדערען און זו-כען א לעבענס-מעגליכקייט אין אנדערע לענדער.

א״י וועט קענען אויפנעהמען א העלפט פון די יודען, וואס וועלען מוזען פארלאזען דייטשלאנד, אויב עס וועלען הערצו געשאפען ווערען די גינסטי-גע מיטלען.

אמעריקא, האלט דר. רופין, וועט וואהרשיינ-ליך לינדערען די אימיגראציע-בעגרענצונגען און וועט ערמעגליכען די אימיגראציע פון א געוויסער צאהל דייטשע יודען.

דער רעפערענט האפט, אז דאס גלייכען וועלען אנדערע שטאטען אין אייראפא און מעבר-לים טיילווייז פערלייכטערען די אימיגראציע-בעדינ-גונגען פאר דייטשע יודען אין הינזיכט פון דעם פראיעקטירטען אפצאל פון פעלקער-בונד. מען דארף רעכענען, מיינט דר. רופין, אז אין די לענדער מחוץ א״י וועלען קענען געפינען א מקום-מקלט ווייניגסטענס 50 טויזענד דייטשע יודען.

דר. רופין האפט, אז די גאנצע יודישע וועלט וועט נישט בלייבן מיט ווערטער, נאר מאכן מיט מעשים זיך נעהמען צום האריצען די טראגישע-פע-רע לאגע פון דייטשען יודענטום און עס וועט אינ-טער'ן פאראל פון האטעווען די דייטשע יודען דורכ-געפיהרט ווערען א גרויסע איינהייטליכע אקציע צו געפינען דעם אויסוועג פון דער פריהערדיגע לאגע.

מיר קענען נאך נישט, ערקלערט דר. רופין, די גאנצע שוידערליכקייט פון דער יודישער לאגע אין דייטשלאנד. די אינדירעקטע ווירטשאפטליכע קאנ-סעקווענצען פון דער אנטי-יודישער פאליטיק זענען נאך פיל פאטאלערע ווי די דירעקטע. אין א גע-וויסער צאהל הרשים ארום וועט די וועלט ערשט קענען דערזעהען די גאנצע גרוים פון אומגליק.

א טייל דייטשע יודען קען נאך א געוויסע צייט לעבען פון די רעזערווען פון אמגעשפארטע געשעפטן און פון אויספערקויפען דאס איינענטום.

א העלפט פון די דייטשע יודען האט אבער שוין פערלוירען אדער איז פערמושפט, אין דער נאך קורצער צייט פולשטענדיג צו פערלירען יעדע עקזיסטענץ-מעגליכקייט. דער האלבער טייל פון דייטשע יודענטום איז שוין געשטעמט. קאלעק-טיוועל דערנעהמערט זיך אין א זעהר שנעלען טעמ-פא צום בעטעל-פרויט.

עס זענען נאר פאראן אנ'ערך 200 טויזענד ראוינירטע האלב-יודען, די קינדער פון געמישטע חתונות. אבער זיי צו העלפען קען שוין נישט זיין אונזער אויפגאבע. פאר זיי דארפען זארגען די קריסטליכע — קאטוילישע און פראטעסטאנטישע — געמיינדעס, וועלכע האבען די דאזיגע האלב-יודען גענומען אונטער זייער גייסטיגער שוץ.

מיט'ן פרובען ראטעווען א טייל פון דעם שווער-געפרובטען דייטשען יודענטום ערקלערט דר. רו-פין, פראטעסטירען מיר גלייכצייטיג געגען דער האנדלונג פון דער דייטשער רעגירונג, וועלכע צווינגט א העלפט פון א גרויסער געמיינשאפט צו נעהמען זיך צום וואנדער-שטעקן.

פראטעסטען אליין זענען אבער ווייניג. מען טאר נישט זיין בלינד אויפ'ן פאקט, אז די נייע בעציהונג צו יודען איז א פרינציפ, איינער פון די עיקרים, אנ'אינטערגראלער טייל פון פראגראם פון דער דייטשער רעגירונג, כמעט ווי א רעליגיעזער אני-מאמין. מען מוז געגען דעם פראטעסטירען, אבער דער גרעסטער פראטעסט בעשטעהט אין שאפען א מהאט, וואס ראטעוועט.

די אויסוואנדערונג פון די דייטשע יודען איז וואהרשיינליך דער וואונש פון דער דייטשער רעגי-רונג. די דייטשע רעגירונג קען נישט זיין און איז נישט פעראינטערעסירט, אז אין לאנד זאל פער-בלייבען א מאסע פון הונדערטער טויזענדער פאר-פעריזירטע מענשען. די דייטשע רעגירונג וועט דע-ריבער וואהרשיינליך נישט מאכען קיין מניעות דער ארגאניזירטער אויסוואנדערונג און וועט די אויסוואנדערער טיילווייז ערלויבען מיטצונעהמען זיי-ער פערמעגען.

דר. רופין גיט דאן איבער וועגען דעם אבמאך, וואס איז געשלאסען געווארען מיט דער דייטשער רעגירונג וועגען ערלויבען די קיין א״י עמיגרירענ-דע דייטשע יודען מיטצונעהמען חוץ צו צוויזענד פונט, אויך סחורות אויף א סכום פון 3 מיליאן מארק. דעריבער קען דער אבמאך, וואס איז נישט בעגרענעצט מיט קיין שום טערמין, בעגייט ווערען נאכ'ן אויסשעפען דעם ערשטען הרייטמיליאן-קאנ-טינגענט.

אי זרעם האגינען פראצעס וועט זיכער איינ-טרעטען א געוויסע ענדערונג אין די רייהען פון די דייטשע יודען נתפא. איין טייל וועט פריהער אדער שפעטער מוזען עמיגרירען. דער צווייטער, וועלכער פערבינדט אויף לעבען און טויט זיין גורל מיט דייטשלאנד, וועט זיך זוכען צו סטאביליזירען

אין אנ'אנדער עקאנאמישער לעבענס-באזיס. דאס מיט זענען פערבונדען די אומשיכטונגס-פראבלע-מען פון יודישען קבוץ אין דייטשלאנד.

דר. רופין אילוסטרירט זיין רעפעראט מיט אויספיהרליכע סטאטיסטישע דאטען.

אין די פרייע בערופען האבען פולשטענדיג פערלוירען זייערע לעבענס-מעגליכקייטען אנ'ערך 8.000 יודישע דאקטוירים, 4.000 אדוואקאטען, 3 טויזענד דענטיסטען און צאהן-טעכניקער און טוי-זענדער יודען אין אנדערע פרייע בערופען.

הערשנדיג וועגען די אויסזיכטען צו בעזעצען דייטשע יודען אין אנדערע פרייע בערופען.

רעדענדיג וועגען די אויסזיכטען צו בעזעצען דייטשע יודען אין א״י, ערקלערט דר. רופין, אז אין איצטיגען מאמענט קען א״י אריינגעהמען טוי-זענד יודישע משפחות פון דייטשלאנד. 400 משפ-חות קענען שוין תיכף קאלאניזירט ווערען. די קא-לאניזאציע-קאסטען ווערען בערעכענט פון 400 ביז 600 פונט אויף דער בעזעצונג פון א משפחה. וויי-טערע קאלאניזאציע (מעהר ווי 1000 פאמיליעס) וועט קענען אונטערגענומען ווערען, אויב עס וועט זיין געגעבן לאנדווירטשאפטליכער באדען.

זיין רעפעראט ענדיגט דר. רופין מיט'ן רוף צו טהון אלעס מעגליכע, כדי צו שאפען א מקום-מקלט פאר די געיאגטע דייטשע יודען.

פראג, 24 (יט״א). דער היינטיגער טאג אויפ'ן ציוניסטישען קאנגרעס איז געווען געווידמעט דעם דייטשען פראבלעם.

גלייכצייטיג מיט דער פלענאר-זיצונג פון קאנ-גרעס, וועלכע איז געווען אויסגעפילט מיט די רעד-פעראטען פון נחום סאקאלאוו און דר. רופין, איז פארגעקומען א זיצונג פון דער קאנגרעס-קאמיסיע פאר דער דייטשער פראגע, וועלכע האט זיך צוזא-מען מיט'ן קאנגרעס-פרעזידיום בעראטען וועגען דער ווייטערער בעהאנדלונג פון דייטשען פראבלעם. עס האט זיך געהאנדעלט וועגען דעם, צי עס זאל פערברייטערט ווערען די בעהאנדלונג פון דעם פראבלעם דורכ'ן קאנגרעס.

די רעוויזיאניסטען האבען בעשלאסען אריינצו-טראגען א הריינגליכען פארשלאג, אז דער קאנ-גרעס זאל עפענען איבער דער דייטשער פראגע א דעבאטע. אלס ערשטען רעדנער אין דער דע-באטע רוקען די רעוויזיאניסטען ארויס וול. זשא-באטינסקי'ן.

קיין בעשלוס פון דער בעראטונג וועגען דעם דייטשער פראגע איז נאך נישטא.

ווייטערדיגער פערהער פון סטאווסקי, ראזענבלאט, אחי-מאיר

יהודה מינץ ארויסגעלאזט פון תפיסה

יפו 24 (יט״א) היינט איז פאר'ן יפו'ער גע-ריכט פארטגעזעצט געווארען דער פערהער פון סטאווסקי, ראזענבלאט און אחי-מאיר אין צוזא-מענהאנג מיט'ן ארלאזאראוו-מארד.

ביים אנהויב פון פערהער האט דער פראקו-ראר שיפרים אנגעגעבען א סענסאציאנעלע ער-קלערונג, אז נעהמענדיג אין אכט די נייע פאקטען און דעם מאנגעל פון בעווייזען, ציהט צוריק דער פראקוראר איהר אנקלאגע געגען יהודה מינץ אלס מיטבעשולדיגטען אין אויספיהרען דעם מארד אי-בער דר. ארלאזאראוו.

יהודה מינץ הריקט די האנד פון סטאווסקי, אחי-מאיר און ראזענבלאט און פערלאזט גלייך, שטראהלענדיג מיט פרייד, דעם געריכטס-זאל.

יהודה מינץ שטאמט, ווי בעקאנט, פון לאדז און איז אלט 17 יאהר. נאכדעם זעצט פאר דער פראקוראר שיפריש זיינע ערקלערונגען און לעזט פאר דעם בעשולדיגונגס-מאטעריאל געגען אבא אחי-מאיר און ראזענבלאט און פערלאזט גלייך,

לען ווערט אחי-מאיר בעשולדיגט אין בעטייליגען זיך צוזאמען מיט סטאווסקי'ן און ראזענבלאט'ן אין דער מארד-פערשווערונג און העלפען די 2 מיטבעשולדיגטע מיט ראט, ווי אזוי דער מארד זאל אויסגעפיהרט ווערען.

100.000 פונט אויף יודישע וואוילטעטיגע צוועקען

לאנדאן, (יט״א). דער פערשטארבענער סער עדוואַרד דוד שטערן, וועלכער האט איבערגעלאזט א ירושה פון העכער 640.000 פונט, האט פער-

שריבען אין זיין צוואה קרוב 100.000 פונט לטו-בת פערשידענע יודישע וואוילטעטיגע אינסטיטו-ציעס און ערציהונגס-אנשטאלטען.

וולאדימיר זשאבאטינסקי

האט אויפגענומען אין פראג אונזער ספעציעלען שליח צום ציוניסטישען קאנגרעס און איהם געגעבען ספעציעל פאר „אונזער עקספרעס"

א נייעס, גרויסען געשפרעך וועגען איצטיגען קאנגרעס

לייענט דעם געשפרעך מיט זשאבאטינסקי'ן אויף זייט 4!

די טעטיגקייט פון עקאנאמישן דעפארטאמענט ביי דער עקזעקוטיווע פון דער יודישער אגענץ

רעפעראט פון עקזעקוטיוו-מיטגליד עמנואל נוימאן

פראג, 23 (יט"א). אויף דער היינטיגער פלענאר-זיצונג פון קאנגרעס האט דער מיטגליד פון דער ירושלים'ער עקזעקוטיווע ה' עמנואל נוימאן געהאלטן א רעפעראט וועגן דער טעטיגקייט פון עקאנאמישן דעפארטאמענט ביי דער עקזעקוטיווע. ה' נוימאן האט מיטגעטיילט צווישן אנדערן:

אויף דעם 17-טן קאנגרעס איז אנגענומען געווארן דער פארשלאג צו גרינדן אן עקאנאמישן דעפארטאמענט. דער דאזיגער פארשלאג איז געווען אויסגעארבייט געווארן אין יולי 1932 אויף דער לאנדאנער א. ק.-סעסיע. צוליב זערישדענע טעמים פון בודזשעטאלער און ארגאניזאציאנעלער נאטור איז אבער דער דעפארטאמענט פאקטיש געגרינדעט געווארן ערשט אין הערבסט 1932. דער דעפארטאמענט פונקציאנירט אלזא זייט ערשט נישט לאנג.

אונטער דער אויפזיכט פון דעפארטאמענט זענען געגרינדעט געווארן א גאנצע רייהע קאָנטאָ-שאפטן און קאמיטעטן פאר דער ווירטשאפטליכער ענטוויקלונג פון א"י. א בעזונדער ארט פערנעהמט צווישן זיי די „אמעריקען עקאנאמיק קאמיטע פאר פאלעסטיין", וואס איז געגרינדעט געווארן אין 1932.

דורך קארעספאנדענץ און פערזענליכע רייזעס פון עמנואל נוימאן זענען געמאכט געווארן כסדר'דיגע באמיהונגען צו שטיצן די בעוועגונג פון פריוואטער אונטערנעהמערישקייט און אינסטיטוציעס אין א"י. די דאזיגע באמיהונגען זענען זיך צונויפגעפאלען פון איין זייט מיט דער פארבעסערונג פון די בעדינגונגען אין א"י און מיט דער פערטיפונג פון עקאנאמישן קריזיס אויף דער וועלט — פון דער אנדערער זייט.

דער עקאנאמישער דעפארטאמענט האט חוץ דער שטיצע פון פריוואטער אונטערנעהמערישקייט, נאך געהאט אלס אויפגאבע צו דינען אלס קאארדינאציאנס-קערפערשאפט פאר פערשידענע אינסטיטוציעס. כדי די דאזיגע ארבייט זאל זיין שאפטן און קאמיטעטן פאר דער ווירטשאפטליכער ענטוויקלונג...

אן'ענטשפרעכענדע, וואלט די עקזעקוטיווע געדארפט אנשטעלן א גאנצן שטאב בעאמטע, וואס עס איז אבער נישט געווען מעגליך צוליב דעם שווערן פינאנציעלן קריזיס, וועלכן די עקזעקוטיווע האט דורכגעמאכט. דער דעפארטאמענט האט דעריבער געפיהרט זיין ארבייט מיט די מינימאלסטע אויסגאבען.

איינע פון די הויפט-אויפגאבען פון דעפארטאמענט איז געווען צו האלטן א שטענדיגען קאנטאקט מיט די גלות-לענדער.

א דאנק די דאזיגע שריט איז מעגליך געווארן א בעדייטענדע עליה פון אמעריקאנער יודען, וועלכע פלעגען פריהער בלויז אין א קליינער צאהל קומען קיין א"י. עס פעהלען דערווייל סטאטיסטישע דאטען וועגן די קאפיטאל-אימפארטן פון די אמעריקאנער יודען אין א"י. אין רעזולטאט פון דער דאזיגער עליה, עס איז אבער זיכער, אז די דאזיגע אינוועסטיציעס זענען זעהר בעדייטענדע.

עהנליכע, ווי אין אמעריקא, זענען געשאפן געווארן ווירטשאפטליכע קאמיטעטן אין ענגלאנד און דייטשלאנד.

א שטארקע אינפארמאציאנס-טעטיגקייט האט געפיהרט די פויליש-פאלעסטינישע האנדעלס-קאמער אין ווארשא און די לעצטענס געגרינדעטע קאמער אין קאוונא.

א גרעסערע אויפמערקזאמקייט דער נייער פאזע פון ציוניסטישער טעטיגקייט האבען אויך געווידמעט די ציוניסטישע פעדעראציעס און גרופען אין אנדערע לענדער, איינגעשלאסען דרום-אפריקע, קאנאדע, רומעניע, טשעכאסלאוואקיי, בולגאריען, יוגאסלאוויען, שווייץ, האלאנד, בעלגיען, לעטלאנד, עגיפטען און ארגענטינע.

לסוף האט ה' נוימאן רעפערירט די פערספעקטיווען פון דעם דעפארטאמענט אויף דער צוקונפט, אנגעוויזען אויף די אויפגאבען, וועלכע ער דארף און קען אויספיהרען און פארענדיגט מיט'ן אויסרוף: „היום קצר והמלאכה מרובה".

ערלויבט עולים ארויסצופיהרען פון דייטשלאנד פאר 3 מיליאן מארק סחורות קיין ארץ-ישראל

פראג, 23 (יט"א). ווי יט"א ווערט געוואהר, וועט הר. ארטור רופין אין זיין מארגנדיגען רעפעראט וועגן דער לאגע פון די דייטשע יודען און וועגן די אויסוואנדערונג און בעמיהונגען צו בעזעצען וואס מעהר דייטשע יודען אין א"י, אבגעבען אויך די פאלגענדע סענסאציאנעלע ערקלערונג:

אין דער ערב-קאנגרעס-וואך איז געשלאסען געווארן אן אבמאך מיט דער דייטשער רעגירונג, לויט וועלכען עס ווערט ערלויבט די עולים קיין א"י פון דייטשלאנד מיטצונעהמען א חוץ צו 1000 פונט, ווי ביז איצט, וועלכע זענען, ווי בעקאנט, נויטיג, כדי אריינגעלאזען צו ווערען קיין א"י, אויך סחורות אין ווערט פון 3 מיליאן דייטשע מארק.

דער אבמאך איז נישט בעגרעניצט מיט קיין שום טערמין און די סחורות אויף דער דערמאנטער סומע קאנען דעריבער ארויסגעפירט ווערען פון דייטשלאנד אפילו אין משך פון איין חודש, אדער מעהר.

גלייך נאכדעם ווי עס וועט אויסגעשעפט ווערען דער קאנטינגענט פון 3 מיליאן מארק סחורות, קאן דער אבמאך בענייט ווערען אויף ווייטערע 3 מיליאן אדער א נאך גרעסערען סכום סחורות.

עס ווערט דערביי געשטעלט דער בעדינג, אז די סחורות קאנען דורך די עולים ארויסגעפיהרט ווערען אויסשליסליך קיין א"י.

די דייטשע רעגירונג וועט האבען די אויפזיכט איבער דער פערטיילונג פון ארויספיהרען דעם סחורות-קאנטינגענט צווישען די איינצעלנע עולים.

דער אבמאך איז געשלאסען געווארן צווישען דער דייטשער רעגירונג פון איין זייט און א צענטראלער יודישער קערפערשאפט, וועלכע רעפרעזענטירט די פראנומערעסירטע ווירטשאפטליכע ארגאניזאציעס אין ארץ-ישראל.

ביז עס וועט געשאפען ווערען די ענטשפרעכענדע געמיינשאפטליכע קערפערשאפט, וואס וועט רעגולירען די טראנזאקציעס, האט די ערלעדיגונג פון דעם ענין איבערגענומען די „אנגלא-פאלעסטינא".

געוועהלט דאס פרעזידיום פון קאנגרעס

רעוויזיאניסטען און מזרחי נישט בעטייליגט אין ניי-געוועהלטען פרעזידיום

פראג, 23 (יט"א). אויף דער היינטיגער נאכמיטאג-זיצונג פון קאנגרעס זענען דורכגעפיהרט געווארן די פערסאנאל-וואהלען צום פרעזידיום פון קאנגרעס.

אלס פרעזידענט פון קאנגרעס איז געוועהלט געווארן ה' לעא מאצקין, אלס וויצע-פרעזידענטען — מ. מ. אוסישקין, דר. רופאייזען, קאפלאנסקי, שפרינצאק, קאפלאן און י. גרינבוים.

מזרחי און די רעוויזיאניסטען זענען אין קאנגרעס-פרעזידיום נישט אריין און האבען געשטימט געגען דעם פארגעלעגטען פרעזידיום-צוזאמענשטעל.

פאר דער אבשטימונג האט א פארשטעהער פון „מזרחי" אבגעגעבען אן ערקלערונג, דאס „מזרחי" וועט שטימען געגען דעם פארגעלעגטען פרעזידיום, ווייל זיי זעהען איין דערין א בולט'ע פערלעצונג פון פרינציפ פון גלייכבערעכטיגונג פון אלע פראקציעס.

שוין נאך דער אבשטימונג האט גענומען דאס ווארט מאיר גראסמאן, וועלכער האט אויסגעדריקט זיין שארפען פראטעסט געגען דעם ברוך פון די ביז-איצטיגע קאנגרעס-טראדיציעס, וואס איז געקומען צום אויסדרוק אין די איצטיגע פרעזידיום-וואהלען.

דר. שעכטמאן (רעוויזיאניסט) האט אבגעגעבען א שארפע ערקלערונג, אין וועלכער ער האט פעסטגעשטעלט, דאס די רעוויזיאניסטען אנערקענען נישט די ניי-געוועהלטע קערפערשאפט פאר א פרעזידיום פון קאנגרעס, נאר בלויז אלס א רעפרעזענטאנץ פון צוויי פארטייען (לינקע און אלגעמיינע ציוניסטען). די רעוויזיאניסטען האבען נישט קיין צוטרוי צו דעם דאזיגען פרעזידיום.

די בעהאנדלונג פון דער לאגע פון די דייטשע יודען — די רעפערענטען פון פרעזידענט סאקאלאוו און דר. ארטור רופין — זענען אבגעלעגט געווארן ביז מארגען.

ווי מען ערווארט וועלען אויף דער היינטיגער אוונט-זיצונג פארקומען די וואהלען פון פערמאנענץ-אויסשוס און פון די קאנגרעס-קאמיסיעס.

אויף היינט אין אוונט איז אויך פאראויסגעזעהען א פייערליכע זיצונג פון קאנגרעס געווידמעט דעם 70-יעהריגען געבורטס-טאג פון פרעזידענט פון יודישען נאציאנאל-פאנד מ. מ. אוסישקין.

די רעפרעסיעס געגען די קאמוניסטען אין דייטשלאנד הערען נישט אויף

בערלין, 23 (פאט). אין היידעלבורג און אין דער אומגעגנד האט מען ארעסטירט 40 פערזאן, וואס ווערען בעשולדיגט אין אנטי-מלוכה'שער טעטיגקייט. אין ברעסלוי האט מען דורכגעפיהרט 100 רעוויזיעס און צוגענומען א סך געוועהר. אין נירענבערג האט די פאליציי פערכאפט צוויי קויפלעגווארפערס מיט אמוניציע.

אין בערלין האט די פאליציי דורכגעפיהרט א רעוויזיע אין דיר ייטשע ווארשטאטען פון טעלעפאנען-בוי און ארעסטירט 20 ארבייטער, ביי וועלכע מען האט געפונען קאמוניסטישע ליטעראטור. מען האט זיי אבגעשיקט און קאנצענטראציע-לאגער. מען האט אויך ארעסטירט א קאמוניסטישען רייכסטאג-דעפוטאט.

א מיליאן, א מיליאן א מיליאן...

און אזוי ארום וועט אין סעפטעמבער צוקומען אין פוילען צום צווייטען מאל און דעם יאהר א נייער מיליאנער פון די געווינסטען פון דער מלוכה-לאטעריע. נעמליך אין סעפטעמבער וועט פארקומען די ציהונג פון דער 5-טער קלאס פון דער 27-טער מלוכה-לאטעריע און איהר הויפט-געווינס איז א מיליאן זל. לויט'ן פלאן פון שפילען מוז עמיצער דעם מיליאן געווינען. בעקומען איהם וועט דער, וואס אויף זיין לאס וועט דעם לעצטען טאג פון דער ציהונג פאלען דער ערשטער קלענסטער געווינס. די אמאליגע א. ג. „סטאטיקע". ווער עס וועט אלזא האבען דעם דאזיגען גאנצען לאס, וועט ווערען אמ ילי אנער, ווער עס וועט האבען א האלבען — וועט ווערען א האלבער מיליאנער ווער א פירטעל — א פירטעל מיליאנער.

עס קאן אבער געשעהען נאך א גרעסערע איבערראשונג. אויב עמיצער האט א לאס, וואס האט שוין געוואונען ביי איינעם פון די פריהערדיגע קלאסען, דאמאלט וועט דער געווינער בעקומען נישט א מיליאן, נאר די קאראסאלע סומע פון צוויי מיליאן זלאטעס. ער וועט אלזא ווערען א מאפעלטער מיליאנער, אויב ער האט א גאנצען לאס; א מיליאנער — אויב ער האט א האלבען לאס; א האלבער מיליאנער — אויב ער האט א פירטעל לאס.

מען דארף מודה זיין, אז קיין שום שפיל אויף דער וועלט גיט נישט אזויפיל מעגליכקייטען און אזעלכע שאנסען, ווי די פוילישע מלוכה-לאטעריע. א חוץ דעם הויפט-געווינס קאן מען דאך געווינען אין דער 5-טער קלאס ארום 50.000 אנדערע סומען, קליינע, גרעסערע און גאנץ גרויסע.

די לאסען פון דער 5-טער קלאס פון דער 27-טער לאטעריע זענען שוין פארהאן צום פערקויפען ביי די קאלעקטארען.

לייענט דעם

יודישען קוריער

ערשטע מאסען-פארשטעלונג פון 30 גר. ביז 1.50

מנחם רובין אין דער פארשט. מאן מענש און פאטער

טעאטער צענטראל דזיקא 11-9

היינט 9 אווענט

אירווינג דזשייקאבסאן און מעי שיינפעלד

אוי אמעריקא

בילעטען אין באר „צענטראל" לעשנא 2 און אין קאסע

טעאטער קאמינסקי אבאושנא 1—3

שוואנגערשאפט

אין איהר פריהסטער צייט ווערט פעסטגעשטעלט דורך אנ'אנאליז פון אורין אין דעם ביאכעמישען און הארמאנאלאגישען לאבאראטאריום פון

אינזש. כעמ. ארטור לעווא,

געוו. מיטארבייטער פון פראפ. פינק און אסיסטענט פון פראפ. ווינדאוס ביים געטינגענער אוניווערסיטעט

Niecała 4 m. 7 Tel. 298-24

D-r Józef Kornberg

ווענערישע מענער-שוואכע

הויט- און האר-קראנקהייטען, קינדער לאזיגקייט. אנאליזען פון בלוט, טריפער און זרע. קווארץ-לאמפ

גרינדליכע היילונג פון נישט ריינע געזיכטער

סענאטארסקא 24, ביי ביעלאנסקא

עצות פאר חתן-כלה.

טעלעפאן 239-97

נעהמט אן ביז 10 פריה און פון 4—9 אוונט

אוויזיט 4 זל.

ענערגישע פערזאנען קענען פערדינען ביז 1000 זלאטעס א מאנאט. אינפארמאציעס ערטיילט

T-wo Bankowe w Grodnie, Hoowera 9

גיבע מעדיצינישע הילף

אגאנצען מעת לעת אויך איבערפיהרען קראנקע



ביי דער לעטשניצע

„לינת הצדק השלישית"

פאוויא 24. טעל. 111-444

לעצטע 5 פארשט. היינט 9.15 גרויסע פאפ. פארשטעלונג פרייזען פון 49 גר.

ר. שושנה, מאריס לאמפע, אלעקס שטייל

דער אורטייל

שבת און זונטאג 4 נאכמ. ספעציעלע מאסען-פארשטעלונג צו ביליגע פרייזען

סקאלא דזיעלנא 1 טעל. 11-99-97

אנאנסען-פרייז:

1 מ"מ-שורה נאכ'ן טעקסט 30 גר. פרייטאג 40 גר. פאר'ן טעקסט 40 גר. פרייטאג 50 גר. אין טעקסט 1.25 זל., פרייטאג 1.62½ זל. גראטולאציעס פאר'ן טעקסט 20 גר., פרייטאג 30 גר., נעקראלאגען פאר'ן טעקסט 25 גר.

ערב יו"ט — ווי פרייטאג. די ערשטע און לעצטע זייטען ענטהאלטען 10 שפאלטען. פאר'ן אינהאלט און טערמין פון די אנאנסען איז די רעדאקציע נישט פעראנטווארטליך. דער פרייז פון קליינע אנאנסען איז פון 1 זל.

אבאנאמענטס-פרייז: אין לאנד—4 זל. א חודש; אין אויסלאנד — 1 דאלאר

אלבאמען „JOWAR"

מיט גאלדענע נאקלאדקעס און מיט וויזיטקעס צו מאנאגראמען אמביליגסטען אין די פאבריק ביי

J. Ostrowski, Warszawa Nalewki 19.

ווענערישע

מענער-שוואכע

אנאליזען פון בלוט, אורין און זרע

היילט ספעציאליסט

דר. מעד. י. אייזנשטאדט

מילא 5 ווי' 29.

פון 9 פריה ביז 9 אוו. א וויזיט 3 זל

אכטונג עלטערן!

די בעוואוסטע עלטסטע שולע, ניעמאנאוויטש, פאוויא 19 נעהמט אן אייגשרייבונגען פון שילער און שילערינס יעדען טאג ביז 2. ס'וועט געלערנט ווערען העברעאיש, תנ"ך. פרייזען ביליגע.

פאוויא 50 ווי' 16

קליידער

אויף נויט געלד

ד"ר מעד. א. עלסאן

אנאליזען:

זעהר גענויע פון אורין, בלוט, פלעגמע שטול, מאגען-זאפט, אויספלוס און אנדערע

נידריגע פרייזען

לעשנא 6 טעל. 11-08-83

אבצושרעטען אויף בעקוועמע בעדינגונגען א מאדערנעם קאמפארט איינגעארדענטען פריזיר-אינשטאלט, וואס עקזיסטירט פון יאהר 1923. ערק. טעלעפאניש ביים ווירט אין ווארשא 11-77-27

פון פוילען קיין ארץ-ישראל

שיקט אייערע זאכען נאר דורך

N. Adelberg, Warszawa Nowolipki 16

די איינציגע אינסטאנץ. עקספעדיציע, וואס בעזיצט צווייגע אין ארץ-ישראל און ערלעדיגט יעדע זאך האגאנען ביליג, שנעל און געזיכערט.

פראפ. פעראיין פון צייטונגס-פערשפרייטער, ווארשא נאלעווקי 7.

אכטונג חברים!

זונטאג ד. 27-טען ת. ח. 8 אווענט, קומט פאר אין לאקאל פון פעראיין א פערזאמלונג.

שלעכט ה"ח וועלען געבעטען אויפגעפאדערט צו קומען פינקטליך.

די פערוואלטונג.

איצטיגע לאגע פון די יודען אויף דער וועלט

צווייטע גרויסע רעדע פון פרעז. נחום סאקאלאוו אויף נעכטיגער זיצונג פון ציוניסטישען קאנגרעס

וואס זאגט סאקאלאוו וועגן די יודען אין פוילען?

פראג 22 (יט"א) אויף דער היינטיגער זיצונג פון ציוניסטישען קאנגרעס האט פרעזידענט נחום סאקאלאוו געהאלטען פאלגענדע רעדע וועגען דער „איצטיגער לאגע פון די יודען אויף דער וועלט".

הויכגעעהרטער קאנגרעס! דאס אלטע ווארט, אז די „וועלט־געשיכטע חזר'ט זיך איבער" ווערט איצט מקוים. מיר זענען דא היינט פערזאמעלט, פנים־אל־פנים מיט דער היינטיגער לאגע פון יודישען פאלק אין דער וועלט פונקט ווי מיר זענען כמעט 36 יאהר צוריק געווען פערזאמעלט אין באזעל. די היינטיגע לאגע האט אויך עטוואס געמיינזאמעס מיט דער לאגע פון 36 יאהר צוריק: דאס איינציגע אונטערשייד בעשטעהט דערין, וואס דער מצב איז היינט אנ'ערגערער. צום היסטארישען ערשטען קאנגרעס האט אונזער בערימטער מייסטער חבר. מאקס נארדוי, געהאלטען זיין דענקווירדיגע רעדע וועגען דער לאגע פון די יודען אין דער וועלט, און דעם וויל איך אנקניפען.

דאס שטיק מענשען־געשיכטע, וואס מיר לעבען איצט דורך, שטעלט מיט זיך פאר א פיל מעהר פערוויקעלטען געוועב, ווי צו יענער צייט, ווען מאקס נארדוי האט געהאלטען זיין רעדע. יאהרען זענען פערביי — ביז דער וועלט־קריג איז געקומען, זייט דעמאלט זענען געשטירצט געווארען טראנען און נייע מלוכות זענען אויפגעבויט געווארען — אונטערגעטאנענע שטאטען זענען ווידעראויפגעריכט געווארען — די זיילען פון דער ערד האבען געציטערט. דניאל'ס נבואה איז מקוים געווארען. די וועלט האט זיך פערוואנדעלט אין א קאמפס־בילד. דאן איז געקומען די געוואלדיגע קארעקטור פון דער וועלט־קארטע. עס זענען פערשוואונדען צארען, סולטאנען און קייסארים. דער ציוניזם איז געווארען א שריפטליך פיקסירט פעלקער־רעכט. מינדערהייטס־רעכט זענען געזיכערט געווארען מיליאנען יודען. דאן איז געקומען דער קריטישער נאך־מלחמה־פעריאד, אין וועלכען מיר שטעקען נאך איצט. עס האבען נישט קיין צאהל די כסדר'דיגע, אלץ נייע, זיך בייטענדע און דורכלויפענדע בילדונגען — פאליטישע, ווירטשאפטליכע, געזעלשאפטליכע, נאציאנאלע און מלוכה'שע.

מען וואלט געהאט דארפט האבען די גרויסע ערפאהרונג און מענשען־קענטעניש, דעם שטענדיג זיכערען ווייטען און שארפען קוק פון א נארדוי, כדי צו שאפען א קלאר בילד וועגן דער איצטיגער לאגע. איך האב א צו גרויסע און איידעלע אויפפאסונג פון יענער נארדוי'שער רעדע, וועלכע איך האב געהערט און מיטגעלעבט, אז איך זאל מיך קענען וואגען אפילו צו א נאכאהמונג פון דער נארדוי'שער רעדע. סוף־כל־סוף איז, טראץ דער ענליכקייט, די יודישע לאגע היינט־צו־טאג אנ'אנדערע און איך וואלט נארנישט געקאנט געפינען די נויטיגע פארבען, כדי אויסצומאלען מיין סקיצע. מיין פערזוך איז א פיל בעשיידענער: אנ'אריענטירונגס־פערזוך געגרינדעט אויף בעאבאכטונגען פון די לעצטע יאהרען. נישט אנ'אוניווערסאל בילד מיט גראנדיעזע עפעקטען, בעשטימט פאר א וועלט־בילד, נאר א נישט־פרעטענציעזע בעשרייבונג, וועלכע שילדערט, וועלכען איינדרוק די איצטיגע יודישע וועלט — 36 יאהר נאך יענער נארדוי'שער רעדע פון 1897 — מאכט אויף א בעאבאכטענדען ציוניסט, און די ענטשפרעכענדע שלוס־פאלגערונגען פאר אונזער געגענווארטס פראגראם.

דאס יודענטום אין רוסלאנד

דאס רוסישע יודענטום, וואס איז אמאל געווען אזוי אקטיוו און אין יודישען אינטעלעקטועלען לעבען כמעט פיהרענד, איז אראבגעזונקען צו א טויטען פונקט. אונזער געפיהל בעטעוועט זיך נעגען די פערפאלגונגען, אויף וועלכע עס איז אויסגעזעצט דער ציוניזם. א געשריי פון שוידער הייבט זיך פון אונזער ברוסט נעגען דער זיגלאזער אויסשטויפונג פון דער העברעאישער שפראך פון דער יודישער ערציהונג און יודישען לעבען: די אנגריפען אויף דער יודישער רעליגיע דערמאנען די צייטען פון אדריאנוס און קענען באין אופן נישט געבראכט ווערען אין איינקלאנג מיט דעם פרינציפ פון געוויסענס־פרייהייט. מאכען פון אונז אויס־יודען בעדייט פאר אונז מאכען אונז פאר אויס־מענשען. מיר קענען נישט דערלאזען דעם געדאנק, אז דאס פערדינסטפולע רוסישע יודענטום זאל נאציאנאל און קולטורעל ארויסגעריסען ווערען פון ספר־החיים און זאל מאראליש אויסגעשלאסען ווערען אהן א געדעכעניש. די אויסראטונג פון דער עלטסטער שפראך פון דער קולטור־וועלט איז וואנדאליזם. פארוואס זאל דער ציוניזם זיין פערבאטען אין סאוויעט־רוסלאנד און פארוואס זאלען זיינע אנהענגער פערדעכטיגט, אנגעקלאגט און בעשטראפט ווערען? דורך דער „יעווסעקציע", דורך א גרופע פון אסימילאטאריש־קאמוניסטישע יודישע פראפאגאנדיסטען, איז פערשפרייט געווארען דער קלאנג, אז ציוניזם איז „אנטי־רעוואלוציאנער". מיר ווייסען נישט וועגען דעם. אדרבה, מיר ווייסען, אז דער ציוניזם טרייבט נישט קיין שום פאליטיק לגבי רוסלאנד, אז ער ליגט אויף א גאנץ אנדערען שטח, אז ער איז א גרויסע אידעע, וואס לעבט אין יודישען הארץ און דארף האבען בלויז די ארגאניזאציע, כדי צו דערגרייכען צו הערליכען פונאנדערבליה. ביי דער גאנצער אכטונג פאר'ן סאוויעטען־שטאט טאר מען דאך נישט פערגעסען, אז יעדער שטאט איז עטוואס אזוינס, וואס מען קען שאפען אדער אבשאפען. דער שטאט איז א געמאכטע ווירקליכקייט. א פאלק איז אבער א נאטירליכע ווירקליכקייט, א פאלק לאזט זיך נישט מאכען און אויך נישט פערניכטען. טראץ אלע רדיפות שטעהען אין רוסלאנד פעסט די גרונד־יסודות פון ציוניזם אין דער יודישער געזינונג. אויב מען גלויבט נישט אין דעם, זאל מען מאכען א קליינע פראבע. א קליין ביסעל פרייהייט פאר פערזאמלונג, שריפט און רעדע — און דאן וועט מען זעהן! אבער די דאזיגע פרייהייט ווערט נישט געגעבען און די דריי מיליאן רוסישע יודען זענען פערשטומט אין אונזער ליטעראטור, אין אונזער פרעסע און אין אונזערע קאנגרעסען. דאס איז א נייע נארדוי'שע יודען־נויט!

מיט רעכט האט נארדוי זיינער צייט געהויבען דעם שבט־מוסר געגען דער צאריסטישער רעגירונג פון רוסלאנד. באמת האט קיין פאלק אונטער יענע „מאכט פון פינסטערניש" נישט אזוי שטארק געליטען ווי דאס אונזעריגע. נישט בלויז פון פאגראמען — דאס איז נישט געווען דאס מעגליכע בייז — נאר פון טויזענדער פאראגראפען, וועלכע האבען אונז ארומגערינגעלט. מיר זענען געווען ארומגעשטעלט מיט אויסנאהם־געזעצען — יעדעס „געזעץ" איז געווען א שטייג. חיות־רעות האבען נישט קיין אהנונג, אין וויפיל אזעלכע שטייגען א מענש קען איינגעשלאסען ווערען. יעדער שריט האט זיך אנגעשטויסען אויף פערבאטען. און אט איז „בבל" געפאלען. די שעה פון בעצאהלונג האט אויסגעשלאגען. „סיק טראנזיט גלאריא מונדי"! א זעלטזאמעס געזעץ פון דער געשיכטע וויל עס, אז מיר זאלען תמיד זיין די פארקעמפער פון קולטור און פרייהייט. מען האט אונז פיל פארגעווארפען, אז מיר זאלען אבער אין דער אטמאספער פון עקסטרעמער פרייהייט ליידען אלס יודען און ציוניסטען, מיר, די קרבנות פון רעאקציע — דאס שטעהט אין סתירה מיט די עלעמענטארסטע געזעצען, נישט בלויז פון אבסטראקטען יושר, נאר אויך פון יעדער גוט־פערשטאנענעם שטאטס־זין.

מיר זענען דא נישט פערזאמעלט, כדי צו קריטיקירען: וועלכעס־עס־איז פאלק אדער שטאט. עס געהערט נישט צום פראגראם פון א ציוניסטישען קאנגרעס אדער פון א ציוניסטישער ארגאניזאציע צו בעאורטיילען די אדער יענע שטאטסבאו, דאס אדער יענע ווירטשאפטליך סיסטעם. עס איז אבער אונזער פליכט צו זאגען דא דעם אמת, דעם גאנצען אמת איבער דער לאגע פון אונזער פאלק, און די לאגע פון אונזער פאלק בעדייט נישט בלויז און נישט הויפטזעכליך אונזער מאטעריעל לעבען. עס בעדייט קודם־כל די אבהיטונג פון אונזערע גייסטיגע גיטער, אונזער רעליגיאנס־פרייהייט, אונזער ציוניסטישען אידעאל. מיר זענען נישט קיין מאטעריאליסטיש קרעמער־פאלק, וואס איז בעזארגט בלויז וועגען דעם מצרי'שען סיר־הבשר. מיר זענען דער עם־הספר, מיר פאדערען, וואס עס קומט אונז אלס אלטען קולטור־פאלק: אויטאנאמיע און פרייהייט פאר יודישען גייסט, ווי עס האט זיך ענטפלעקט אין די יאהר־טויזענדער פון ראנגלענישען און שטרעבען.

מיר האבען נאך א בעריהרונגס־פונקט מיט דער סאוויעט־רעגירונג — די בעמיהונגען פון דער דאזיגער רעגירונג צו קאלאניזירען יודען אויפ'ן באדען. מען האט געזאגט, אז דער ציוניזם קוקט קרום אויף די דאזיגע פרובען. דאס איז אומזין, אדרבה, מיר ווינשען דער דאזיגער התחלה דעם בעסטען ערפאלג. נאר איין זאך וועט מען ביי די דאזיגע פרובען לערנען: דער געדאנק בלויז צוריקצוקעהרען צום אקערבוי איז טויט און אומפרוכטבאר. בלאזען מיר אבער אריין אין דעם דאזיגען געדאנק היסטאריש לעבען, שטעלען מיר אויפ'ן לעצטען אלס ציל, וועלכען מיר וועלען דערגרייכען פאר אונזער פאלק, דאן קוועלט עס מעכטיג אין אונזער נשמה, דאן ברויזט ארויף צום הימעל די בעגייסטערונג דורך דער ברוסט פון פאלק, דאן ווערט דער געדאנק מעכטיג און ריזיג.

דאס יודענטום אין פוילען

א. די פאליטישע לאגע

נארדוי האט אין זיין רעדע פוילען גארנישט דערמאנט. נישט ווייל ער האט עס נישט געקענט. איז דאך זיין פאטער געווען א תלמיד פון דער ליסער ישיבה און האט דעם זוהן אפט דערצעהלט ישיבה־זכרונות פון יענעם גרויס־פוילישען שטעטעל און האט דען נישט נארדוי זיינערצייט ארויסגעגעבען דעם פלאמענדען אויפרוף נעגען דער אנטי־פוילישער פאליטיק פון פרייסען און געגען פערבאט צו געברויכען די פוילישע שפראך אין רעליגיאנס־אונטערריכט, — אנ'אויפרוף, וועלכען באלעסלאוו פרוס האט מיט אזוי פיל ליבע איבערזעצט אין זיין כראניק? ניין, דאס איז נישט געווען אומקענטעניש. עס איז געווען דערפאר, וואס פוילען איז דעמאלט געווען נאר א היסטאריש־געאגראפישער און נישט קיין פאליטישער בעגריף.

די צייטען האבען זיך, גאט צו דאנקען, געענדערט, אזוי פאר פוילען, ווי פאר די פוילישע יודען. פאר מאנכע אומגליקליכע איז א פוילישער פאס געווארען א קמיע, איז דאך פוילען געווארען א בעדייטענדער, זעלבסטשטענדיגער שטאט, וואס זיין יודישע בעפעלקערונג שטעהט נומעריש אב בלויז נאך פון די יודישע מאסען אין די פעראייניגטע שטאטען. עס זענען אויך דא גרויסע יודיש־פוילישע קהלות אין פערשידענע לענדער מחוץ־לפוילען, וועלכע שטעלען מיט זיך פאר מאנכמאל — און בעזונדערס אין א קריזיס — דעם גרעסטען טייל פון דער קליענטעל פון די פוילישע רעפובליק־פערטרעטער אין אויסלאנד. איך האב געקענט נעהנטער בעטראכטען די טעטיגקייט פון די דאזיגע פערטרעטער איידער די טעטיגקייט פון דער רעגירונגס־פערוואלטונג אין פוילען גופא, ווייל זייט פיל יאהרען לעב איך מחוץ פוילען, בין נאטוראליזירט אין ענגלאנד און בין נישט בערעכטיגט צו פערנעהמען זיך מיט דער אינערליכער פוילישער פאליטיק. און דאך פעררעכען איך מיך צו די „פוילישע יודען", ווייל איך בין דארט געבוירען געווארען, ווייל דארט איז געבוירען געווארען א לאנגע שורה פון מיינע אבות, ווייל איך האב דארט געלעבט פיל יאהרען. אפשר אויך דווקא דערפאר, ווייל „פוילישער יוד" איז געווען א שימפווארט.

אבער ביי דעם דאזיגען טעמא, וואס איז אזוי נאהענט מיין געפיהל, היט איך מיך צו ווערען ווייכליך־סענטימענטאל. איך וויל בלויז איינינגע דאטען און היסטארישע פאקטען פעסטשטעלען.

אלס יודען פערבינדען אונז מיט פוילען כמעט 1000־יעהריגע ערינערונגען און געמיינזאמע געשיכטע. מיר האבען אין פוילען געהאט וואהרהאנדלונגען פון מאטעריעלען און מאראלישען אויפשוואונג. מיר האבען איבערגעלעבט שווערע צייטען פערפאלגונגען און עלענד. אבער די צייטען פון וואוילשטאנד זענען אפשר געווען לענגער ווי די צייטען פון נויט. אין משך פון מאנכע יאהרהונדערטען איז פוילען לגבי אונז געווען פיל ליבעראלער ווי די שכנות'דיגע לענדער. פוילען האט איהר געשיכטע קיינמאל נישט בעפלעקט דורך א גרוש פון יודען. אדרבה, דורך אריינלאזען א צושטראם פון יודען פון אנדערע לענדער איז פוילען געווארען א מאסען־רעזערוואר פאר דער יודישער וועלט און האט דורך דעם פאזיטיוו געלייסטעט פאר דער ערהאלטונג פון אונזער נאציע מעהר ווי וועלכעס־עס־איז אנדער לאנד איז עס געווען ביכולת צו מהון. גרויסע קערנער פון א יודישער קולטורעלער אויטאנאמיע זענען אין פוילען מעהר ווי ערגיץ אנדערש געקומען צום אויסדרוק אין דעם „וועד ארבע ארצות".

די צעטיילונג פון פוילען איז אויך פאר'ן פוילישען יודענטום געווען א פונאנדערפאל אין אסימילאציע (פרייסיש געביט), פעראָרימונג (גאליציען), און דעספאטישע אונטערדריקונג (קאנגרעס פוילען). א פעראייניגט פויליש יודענטום, ווי עס איז געווען אמאל רעפרעזענטירט אין „וועד", וואלט אפשר געקענט ענטגעגענווירקען מאנכע צושטיקענדע קרעפטען.

איך מוז אנווייזען אויף דעם דאזיגען היסטארישען הינטערגרונד, ווייל א נישט קאן מען נישט פערשטעהן דאס איצטיגע פערהעלטניש פון יודען לגבי פוילען. דאס דאזיגע פערהעלטניש פלעגט תמיד געשטערט ווערען דורך אגיטאציע און בלייבט תמיד אויסגעזעצט אויף דער סכנה פון שטערונגען. איצט איז דאס דאזיגע פערהעלטניש רעלאטיוו גינסטיג. איך גלויב, אז דאס דאזיגע פאליטיש־גינסטיגע פערהעלטניש ענטשפרעכט די בעסערע טראדיציעס פון פוילען און אז עס האט טיפערע ווארצלען אין דער געשיכטע און אין פאלקס־געניוס איידער די ענטגעגענגעזעצטע מעטאדען פון רוידקייט, וועלכע געפינען איהר אויסדרוק אין דער קורצער פארמולע: „יודען זענען שולדיג אין אלעס בייז". אבער דער הימעל איז נאך נישט אינגאנצען לויטער, און די רעאקציע לויערט נאך כסדר.

די פוילישע רעגירונג האט מיר געגעבען אנ'ערקלערונג לטובת דעם ציוניזם, וואס שטעלט מיט זיך פאר א ווירדיגע זייטען־שטיק פון דער באלפור־דעקלאראציע. פוילען האט זיך מעהרערע מאל בעמיהט, אין די ראהמען פון געזעץ און אין א שלום־ליבען, צו העלפען אונז אין זשענעווע. דאס זענען פאקטען, וואס יעדער פערנינפטיגער פאליטיקער מוז הויך שאצען. מיר, ציוניסטען, זענען נישט קיין חונפים, וואס פאלען תיכף אריין אין עקסטאז ביי יעדער פריינדליך ווארט פון א נישט־יודישען פריינד. מיר זענען שטאלצע און הארטע מענשען. מיר זענען אבער אויך נישט קיין סיסטעמאטישע קלאג־מוטערס און אייביג־אומצופרידענע. מיר זענען טרייע פריינד.

וואס מיר ווילען דא פעסטשטעלען מיט מאניפעסטאציע, איז — אז די שטעלונג פון דער פוילישער רעגירונג איז געגען פאגראמען, פערפאלגונג און אנטיסעמיטישע אקציעס און פאר א פרידליכע ענטוויקלונג. דאס הייסט נישט, אז די פוילישע יודען דארפען נישט מעהר קעמפען פאר זייערע מינדערהייטס־רעכט און עמאנציפאציע. א גינסטיגע שטימונג פון הויבען בערעכטיגט צו גוטע האפנונגען, אבער נישט צו כימערישע ערווארטונגען. עס איז גראד א געבאט פון דער נויטווענדיגקייט, אז אונזערע ברידער אין פוילען זאלען ווייטער פיהרען זייער לעגאלען קאמף. עמאנציפאציע איז נעמליך נישט קיין בענקעניש צו א וועלט־ווייטען גן־עדן, נאר א בעוועגונג פון מיה און ארבייט, פון קאמף פאר'ן דאזיין, וועלכע שוועריגקייטען און שטערונגען דארפען אין פוילען איבערוואונדען ווערען. — די דאזיגע פראגע געהערט נישט אהער. דאס פוילישע יודענטום האט זיינע פאליטישע פיהרער, זיין עפענטליכע מיינונג, זיינע קהלות און אינסטיטוציעס, און מיר קאנען זיי מיט צוטרוי איבערלאזען די יודישע לאנד־פאליטיק. עס וואלט געווען הויכמוטיג, פון דער דאזיגער טריבונע צו געבען עצות די מאסגעבענדע יודישע פאקטארען. מיר איז קיינמאל נישט געווען צום הארצען די פראטעקציאניסטישע, פאטערליך־בעווארענטע פאזע, וואס געוויסע אויסלענדישע יחידים אדער גרופען פלעגען אננעהמען לגבי די פוילישע יודען. דאס דאזיגע קינדערשע פאראורטייל האט אויך געהערשט אין דער אלגעמיינער וועלט. איך דערמאהן מיך וועגען מאנכע „ציוויליזירטע אייראפעער", וועלכע זענען אין דעם נאך־מלחמה־פעריאד געפאהרען קיין ווארשא, האבען מיט זיך געבראכט צאפאסען קאנסערוועס און זייף, מיט א רעוואלווער צום שוץ געגען באנדיטען און — וועלף! ווי ערשטוינט האבען געמוזט זיין די דאזיגע סנאבען, ווען זיי האבען דערזעהן די ווארשעווער עלעגאנט־איינגעריכטעטע רעזידענצן אויף דער ווייסעל. פונקט אזוי נאאיוו איז די פארשטעלונג וועגן דער אומוויסענהייט אדער צוריקגעשטאנענקייט פון די פוילישע יודען און אז דער העתר פלוני אדער די דעלעגאציע אלמוני מוז אראפקומען פון [illegible] הויך, כדי אויפצוקלערען די דאזיגע יודען, וואס ווייסען נעבעך גארנישט. אין דער ווירקליכקייט זענען די פוילישע יודען אינפארמירט וועגען אלץ, אפשר אפילו צופיל אינפארמירט. נישט בלויז וואס זיי ווייסען אלץ, נאר זיי ווייסען אויך אלץ בעסער. דאס דאזיגע בעסער־וויסען ליגט אין א ווייטפערשפרייטען אינטעלעקטואליזם, אין א שטרעבונג צום אנאליז, אין א גרויסען וויסענדורשט און אין א שנעל־ארבייטענדען רעפלעקס־אפאראט. אלענפאלס איז שוין די העכסטע צייט צו מאכען א סוף צום מערב־אייראפעאישען און אמעריקאנישען סיסטעם צו פאטראניזירען די פוילישע יודען. די פוילישע יודען זענען געווארען פולעיעהריג. זיי וועלען מאכען פעהלער, ווייל א באלעבאס מאכט פעהלער, זיי וועלען בעגעהן מאנכע זינד, ווייל א פאלק בעגעהט זינד. זיי דארפען אנ'עקאנאמישען איבערשיכטונגס־פראצעס, א נייע און בעסערע ווירטשאפטליכע סטרוקטור און קודם־כל — געלד. דאס געלד קען אויך גוט דעפאנירט ווערען און ברענגען פרוכט.

דאס דארף מען נישט אויספאסען באמאל. די פעראָרימונג פון די פוילישע יודען, אנ'ערשיינונג פון די לעצטע יאהרען, האט איבערטראפען אלץ, וואס נארדוי האט בשעתו בעצייכענט אלס נויט. דאס איז א פראבלעם, וועלכען מיר מוזען ווידמען אונזער בעזונדערע אויפמערקזאמקייט נישט בלויז פון שטאנדפונקט פון גלות, נאר אויך פון שטאנדפונקט פון דער יודישער נאציאנאלער היים.

ב. די ווירטשאפטליכע לאגע

דאס פראבלעם פון יודישען מאסען־עלענד

פון דעם שרעקליכען ווירטשאפטליכען קריזיס זענען די יודען אין פוילען געטראפען געווארען שווערער ווי די נישט־יודען, 70 פראצ. פון די נישט־יודען לעבען פון אקערבוי. פאר די לעצטע איז דער קריזיס א רעזולטאט פון דער פרייזען־ירידה אויף באדען־פראדוקטען. א פויער, וואס האט, למשל, 30 מארג ערד, האט איצט פיל קלענערע הכנסות ווי אין נארמאלע צייטען. ער ליידט אבער נישט קיין הונגער, ער האט גענוג נאהרונגס־מיטלען פאר זיך און זיין פאמיליע. ער קען זיך נאר נישט קויפען קיין שיך און מוז ארומגעהן אין צעריסענע. אבער זיין בעזיץ געהט איהם נישט פערלוירען, זיין באדען בלייבט ביי איהם, ער ליידט און מוז פערצייכטען אויף דער בעפרידיגונג פון מאנכע בעדערפענישען.

7 פראצ. פון דער נישט־יודישער בעפעלקערונג שטעהט אין דינסט פון דער רעגירונג אויף אלע געביטען פון ביוראקראטיע און אלע אדמיניסטראטיווע צווייגען: זיי האבען קנאפע שכירות, זיי ערנעהרען זיך שפארזאם, אבער זיי ערהאלטען זיך. זיי געהערען כמעט אלע צו פערשידענע ווירטשאפטליכע פעראיינען און קאאפעראטיווען און א טייל פון זיי האט נאך געוויסע נעבען־הכנסות. זיי ליידען, אבער זיי געהען נישט צוגרונד.

עס איז אויך איבעריג צו זאגען, אז די גרויס־גרונד־בעזיצער האבען נישט פערלוירען זייער האב־און־גוטס. עס געהט זיי שלעכט, זאגאר זעהר שלעכט, זיי קענען שווערליך אויפהאלטען זייער בורזשועס־גלייכגעוויכט, אבער זיי ערהאלטען זיך.

(המשך אויף זייט 13)

ו. זשאבאטינסקי פאר „אונזער עקספרעס"

ספעציעלער געשפרעך מיט ו. זשאבאטינסקי פון אונזער שליח צום ציוניסט. קאנגרעס יוסף קלא-מאז

די ידיעה, אז מ'וויל זשאבאטינסקי'ן נישט געבען קיין וויזע, האט מען דא אין מאנכע קריי-זען גאנץ אנדערש אויסגעטייטשט: זשאבאטינ-סקי וויל מעהר נישט קומען צום קאנגרעס, ער האט זיך געש'גט מיט דער ציוניסטישער ארגאני-זאציע. איבערהויפט יעצט, ווען די לינקע האבען אבגעהאלטען אזא נצחון, האט ער „מורא" צו קו-מען.

די השערה האט זיך אבער נישט בעשטעטיגט; זשאבאטינסקי איז יא געקומען. די נייגעריגקייט צו דעם, וואס זשאבאטינסקי וועט זאגען אויפ'ן היינטיגען קאנגרעס, איז אויסערגעוויינליך גרויס.

אייער קארעספאנדענט איז געלונגען מיט איהם צו האבען א לענגערען געשפרעך און אט-וואס ער האט ערקלערט:

— מיר ווייסען, אז פון דעם קאנגרעס וועלען מיר נישט ארויס קיין זיגער, אזוי ווי מיר האבען דאס געוואוסט אויפ'ן 17טען קאנגרעס. דער אונטערשייד בעשטעהט אבער אין דעם, וואס פון 17-טען קאנגרעס זענען מיר אוועק ענטטויש-טע, דאס מאל אבער וועלען מיר מאכען דעם פרוב פון דער קאנגרעס-טריבונע צו פאדערען:

היות ווי די מאנדאטאר-מאכט ערפילט נישט איהרע פליכטען און היות ווי די לאגע פונ'ם יו-דישען פאלק האט זיך פיל פערערגערט מאך דער קאנגרעס נישט בלייבען גלייכגילטיג און עס מוז אונבעדינגט געמאכט ווערען א פאליטישע אפענ-סיווע אין דער פארם פון א פעטיציע פון גאנצען יודישען פאלק. דער פרעזידענט-בעריכט און דער חלוקה-פלאן מוז דורכ'ן קאנגרעס אבגעווארפען ווערען. דאס איצטיגע סערטיפיקאטען-סיסטעם מוז אבגעשאפט ווערען, ווארום רעכט אויף ארץ-ישראל האט דאס גאנצע יודישע פאלק. מ'טאר נישט דערלאזען דעם געדאנק פון א פארלאמענט, ווארום דאס וואלט געהייסען א סכנה פאר'ן א"י-אויפבוי. דער קאנגרעס מוז בכן בעפעליכטען יע-דען יוד, אז ער זאל באיקאטירען די וואהלען, ווען די פארלאמענט-פראגע וועט זיין אקטועל. די „יודישע אגענץ", וועלכע האט קיין שום נו-צען נישט געבראכט, מוז אבגעשאפט ווערען. דא-געגען זאל געגעבען ווערען יעדען יוד, אהן אויס-נאהם, וואהל-רעכט צום קאנגרעס.

— צי וועלען די רעוויזיאניסטען געהן אין א קאאליציע?

— אויב דער קאנגרעס וועט זיך נישט גע-נעהמיגען דעם קלאסען-קאמף און אויב ער וועט נישט פראקלאמירען קיין יודענשטאאט אלס ציוני-סטישער ענד-ציל — וועלען די רעוויזיאניסטען פאר קיין שום פרייז נישט געהן אין דער עקזע-קוטיווע.

מיר וועלען — זאגט ווייטער זשאבאטינסקי — ערהליך און אויפריכטיג פערטיידיגען אויפ'ן קאנ-גרעס דאס וואס מיר האבען ערקלערט די וועה-לער.. וועלען אבער אונזערע פאדערונגען נישט ער-פילט ווערען — וועלען מיר אלץ טהון, כדי צו ער-פילען די שליחות אויף אנ'אנדער וועג...

ערב דער ערעפנונג

די שטימונג ערב דער ערעפנונג איז געווע-זען זעהר א געדריקטע. מ'האט גערעכענט, אז די ענטשיידענע פאדערונגען מצד די לינקע נישט צו צולאזען די רעוויזיאניסטען צום פרעזידיום וועט געפינען זיין אבקלאנג באלד אויף דער ערעפנונג. נעמליך, מען האט גערעכענט, אז די רעוויזיא-ניסטען וועלען נישט לאזען עפענען דעם קאנ-גרעס. יעדער האט דעריבער געוואלט וויסען, וואס די רעוויזיאניסטען וועלען בעשליסען. אבער האלב פאר דער ערעפנונג האט מען א ביסעל אבגע-עטעמט: די רעוויזיאניסטען האבען בעשלאסען מיט גאר נישט צו שטערען די פייערליכע ער-עפענונג, איבערהויפט האבען זיי זיך בערוהיגט נאכדעם ווי דער „מזרחי" האט אנגענומען א בע-שלוס נישט צו געהן אין פרעזידיום, אויב די רעוויזיאניסטען וועלען נישט צוגעלאזט ווערען.

עס איז אבער געווען טרויעריג, אז אין אזא שווערער צייט פאר'ן יודישען פאלק, ווען דער קאנגרעס וואלט געדארפט בכבוד-ראש און מיט ישוב-הדעת נאכטראכטען וועגען ווייטערדיגען גורל פון יודישען פאלק, זאגען זיין וואגיג ווארט — שפילט מען זיך אין אזעלכע קליינינגקייטען. איך זאג: קליינינגקייטען — זיי קענען אבער הערפיה-רען צו גאר טרויעריגע קאנסעקווענצען.

די פייערליכע ערעפנונג

פון וואנען נעהמען זיך אזוי פיל יודען אין דעם גרויסען „לוצערנא"-זאאל?

מסתמא האט זיך „קארלסבאד" און „מאר-יענבאד" איבערגעטראגען אויף דער קאנגרעס-צייט קיין פראג. אנ'אמת'ער קבוץ-גלויות. פאר'ן בנין פון „לוצערנא" שטעהען הונדערטער יונגע לייט אין בלויע מונדירען, דאס איז די יוגענד וואס געהערט צום לינקען פליגעל. זי האבען זיך ווי מען שמועסט, געגרייט צו מאכען זשאבאטינ-סקי'ן א „קבלת-פנים", אז זיי האבען דערזעהן די גרויסע צאהל ביתרים, איז געקומען א בעפעהל נישט צו טשעפען. זשאבאטינסקי איז אריין אין זאל אין דער בעגלייטונג פון ביתרים און עקזע-קוטיוו-סעקרעטאריאט.

בעת די געסט און דעלעגירטע האבען זשא-באטינסקי'ן געמאכט א שטורמישע אוואציע האבען די יוגענדליכע לינקע געמאכט פיינדליכע אויס-רופען אויף זשאבאטינסקי'ס אדרעס.

מען ווארט. אויף וועמען? אויף ווייצמאנען? ס'איז שוין בעשטימט, אז ווייצמאן וועט אזוי שנעל נישט קומען, איבריגענס — קיינער רעדט שוין מעהר נישט וועגען דעם. פלוצים: א דונער פון אפלאדיסמענטען. דאס איז סאקאלאוו אריינ-געקומען, נישט געקוקט אויף זיין טיפער עלטער, זעהט ער אויס זעהר מונטער און פריש.

כנסיה גדולה! — הויבט-אן סאקאלאוו און מען פיהלט, אז ער איז מיד און ערשעפט. אבער פון צייט צו צייט, ווען ער ווענדעט זיך אין זיין רעדע צום געוויסען פון דער ציוויליזירטער וועלט — דונערט זיין שטים. ער רעדט מיט התלהבות, ביילט זיין פויסט, ווי ער וואלט געוואלט אויסדרי-קען דעם צער און צארן פון גאנצען יודישען פאלק. סאקאלאוו האט געהאט פאר זיך א שווער שטיקעל ארבייט: עס זענען אנוועזענד געוועזען פארשטעהער פון עטליכע רעגירונגען און וועלענדיג אז יעדער זאל איהם פערשטעהן — האט ער זיך צו יעדען פון זיי געווענדעט בלשונו.

סאקאלאוו האט זיין רעדע געלייענט, דערי-בער האט געפעהלט דער ספעציפישער טעם פון סאקאלאוו'ס א רעדע. סאקאלאוו'ן איז מען גע-וואוינט צו הערען ווען ער שפרודעלט מיט שארפ-זין און דא מוז ער לייענען פון פאפיר און אכ-טונג-געבען, אז ער זאל חס-וחלילה נישט דורכ-לאזען קיין ווארט.

זעהר ענטוזיאסטיש זענען אויפגענומען גע-ווארען די בעגריסונגען. פשוטע גויים פערשטעהען נישט אנדערש: „איהר זאלט זוכה-זיין — דיי-נערט הער פראפעסאר שטאדט-פרעזידענט — צו פער-וואנדלען ארץ-ישראל אין אנ'אונאבהענגיגע און זעלבסטשטענדיגע יודישע מדינה, אזוי ווי מיר האבען פערוואנדעלט טשעכאסלאוואקיי".

פלוצים האט זיך דער קאנגרעס איינגעהילט אין אבלות: יונגלייט און ספעציעלע קאפעלע און סינאגאגאלען טראכט זינגען א קאפיטעל תה-לים צום אנדענק פון דר. ארלאזאראוו. עס בע-ווייזט זיך בערל קאצענעלסאן אין זיין שווארצער רובאשקע, הויבט-אן זיין הספד-רעדע אין העב-רעאיש, בעת זיין רעדע האב איך גוט אבסער-ווירט דעם 4-טויזענד-קעפיגען עולם. [illegible] האט געשוועבט אין זאל, יעדער האט מורא געהאט, אז עס זאל נישט אויסברע-כען קיין שטורם. דעם זעלבען טאג האט דא זשא-באטינסקי ערקלערט: „קיין שום טעמפעראמענט-אויסברוכען — בלויז מיט איין אויסנאהם: אין דער פראגע פון די ארעסטירטע רעוויזיאניסטען אין א"י"...

און אז קאצענעלסאן האט געענדיגט — האט דער עולם אבגעטעמט, אזוי ווי איינער איז ארויס פון געפאהר. דער בלינדער סאקאלאוו האט טאקע באלד געהייסען זינגען „התקוה" און — באסטא!

מען זאגט פיוט...

די צווייטע זיצונג האט זיך שוין אנגעהוי-בען אין „רעפרעזענטאנטען-זאאל". דאס ערשטע מאל אין דער געשיכטע פון די קאנגרעסען, פיהרט דער פרעזידענט פון דער ארגאניזאציע די זיצונ-גען. דאס איז דערפאר, וואס ביז איצט איז נאך קיין פרעזידיום נישט אויסגעוועהלט געווארען.

מען ווייכט שוין צו דערצעהלען, אז אויף א פראקציע-זיצונג פון די לינקע איז געקומען צו א גרויסען אינצידענט צווישען די דעלעגאטען און בן-גוריונען. א גרויסער טייל פון די דעלעגאטען האל-טען, אז ווי באלד מ'איז געגאנגען צו די וואהלען מיט די רעוויזיאניסטען — מוז מען מיט זיי אוי-פעטום צוזאמען זיצען. ה' בן-גוריון וויל זיך אבער נוקם-זיין אין זשאבאטינסקי'ן. מאטערט זיך טא-קע אונזער אלטיטשקער סאקאלאוו, קלאפט מיט'ן האמער, בעט זיך: רבותי, שקט!

און נאך א „צרה" איז ביים היינטיגען קאנ-גרעס: אויף אלע קאנגרעסען האט מען דאך גע-רעדט דייטש (און אך און וועה!), היינט איז די היטלער-שפראך פערבאטען. שטעהען נעבעך אלע רעדנער און לייענען — אדער בעסער געזאגט: רע-ציטירען — זייערע רעדעס פון פאפיר. כשחשכ'ים כתקונן — ווען מ'האט זיך אפילו בענוצט מיט דער דייטשער שפראך — האט אויך קיינער נישט געהאט קיין אינטערעס פאר די דאזיגע סקארבא-ווע רעדעס, מכל-שכן נאך היינט, אז זיי ווערען געלייענט אין העברעאיש, און טאקי אויף דער גאנצער מאנטאנדיגער טאג אהן „סענסאציעס".

בראדעצקי'ס פאלימישע הערע — מסתמא איז זי שוין איבערגעגעבען געווארען אין דער פרע-סע — האלט מען פאר א „שטארקע" און פערגלייך מיט ווייצמאנס פריהערדיגע רעדעס. דערמיט האט מען געוואלט, א פנים, צופרידען-שטעלען די רע-וויזיאניסטען. די לעצטע אבער טענה'ן. אדרבא, זאגט מיר מיט וואס איז בראדעצקי בעסער פון ווייצמאנען? וואו איז א רמז אויף א יודישער מעהרהייט? אנ'אקצענט אויף חבר-היחדן? שוין נישט רעדענדיג וועגען יודען-שטאט?! נו, איז טא-קע תיקו.

און דער גרויסער עולם? זיצט און גענ-יצט, און אין בעסטען פאל פערלאזט ער דעם זאל. א זעהר גוטע בעצייכנונג האט געגעבען דער „מזרחי"-דעלעגאט דער סאסנאוויצער רב הרב האגער. דער עולם פערלאזט דעם זאל, אזוי ווי יום-טוב בעת דער חזן זאגט פיוט...

* * *

זאל עס טאקע אמת זיין?

בעת איך שרייב דעם בריוו (דינסטאג 6 נ"מ) האט פרעזידענט סאקאלאוו ערקלערט, אז די זי-צונג איז געשלאסען און אז ביינאכט וועט קיין זיצונג נישט פארקומען, ערשט מארגען. וואס איז? שוין ווידער קאנגרעס-פרעזידיום! די לינקע זענען מעכב הקריאה.

ווען וועט שוין דערצו נעהמען א סוף?

פראג, דינסטאג דעם 22-טען אויגוסט

דינסט-מיידלער

(נייער שפאנענדער ראמאן פונ'ם יודישען לעבען אין פוילען)

פון א. לער

קיצור פון ראמאן

פאר די לעזער, וואס האבען ביז איצט נישט געלייענט דעם ראמאן געבען מיר א קיצור פון די ביזאיצטיגע קאפיטלען:

אין רבי'נס הויף זענען זיך יענעם שבת צונויפגעפאהרען די רייב-סטע חסידים. עס האט זיך פערשפרייט א קלאנג, אז מען געהט תנאים מאכען דעם רבי'נס יונגסטען זוהן, לייבעלע.

צווישען די גיטרייע חסידים האט זיך אויך געפונען דער רייכער בעל-גוף ר' ברוך לייזער, אנ'ערטערער מענש מיט געזונטע פלייצעס ווי ביי אנ'אטלעט.

ר' ברוך לייזער איז געווען א פרומער יוד און אין הויף האט מען איהם שטארק פאווארירט, כדי ביי איהם ארויסצוקריגען וואס מעהר געלד....

און הויף איז געווען א דינסט-מיידעל, ביילטשע האט זי געהייסען, א 18-יעהריג שען מיידעל. האט ר' ברוך לייזער געווארפען אויף איהר אנ'אויג און פערשפרייט ארום איהר א נעץ.

יענעם שבת, בעת ער האט שפאצירט הינטער'ן שטאדטעל, האט ער צופעליג בעגעגענט ביילטשע'ן. מיט זיסע רייד'עלעך האט ער איהר איינגע-רעדט, אז ער וויל העלפען איהר ארויסען מאכען. ער פהוט עס — האט ער פערזיכערט — נאר וויל זיין אויסער דעם דיקטירט עס איהם און ער איז, חלילה, גארנישט אויסען.... ער האט זיך אבגעשמועסט מיט ביילטשע'ן זי זאל ארויסקומען אויפ'ן פעלד שבת-צו-נאכטס — וועט ער איהר געבען געלד.

ביילטשע האט געגלויבט און איז געקומען צו דער בעשטימטער מי-נוט. דער רייכער בעל-גוף האט זיך געווענדעט צו איהר טייטשען און צו-געזאגט גאלדענע גליקען. אזוי ווי ביילטשע האט זיך נישט געלאזט פאנגען, האט ר' ברוך לייזער קיין געלד נישט געגעבען, נאר ער האט כסדר צוגעזאגט......

אויף ביילטשע'ן האט אויך געווארפען אנ'אויג לייבעלע דעם רבי'נס, וועלכער האט אויך אנגעהויבען וועבען א פלאן ווי אזוי זיך צו דערקווי-קען מיט ביילטשע'ס שעהנער פיגור.

דער הויף איז געווען ארומגעוויקעלט מיט סודות, אינטריגעס און פליאטקעס.

אינ'ם הויף האבען געוואוינט אלע קינדער און קינדס-קינדער. ווי דער שטייגער, האבען זיך געשאפען עטליכע גרופען, וועלכע האבען זיך געגענזייטיג בעקעמפט. מען האט זיך פיינד געהאט, מען האט געפליאט-קעט און מען האט געגען זיך אינטריגירט.

וואונדערבאר שען איז געווען דעם רבי'נס איינעקעל, די 16-יעה-ריגע עטיל. מען האט געשמועסט, אז עטיל איז א גרויסע צדיקת, אז מיט איהר פרומקייט וועט זי איבערשטייגען אלע רבי'שע קינדער.

נאר עטיל איז גארנישט געווען פרום. פערקעהרט, עטיל האט גע-לייענט, בסודי-סודות, אפיקורסישע ביכלעך און אין איהר האט גע-ברענט א לוסט צום לעבען.

נישט האבענדיג קיין געלעגענהייט זיך צו בעגעגענען מיט מאנס-לייט, האט עטיל געזוכט אנדערע וועגען זיך אויסצושטורמען.

יעדע נאכט פלעגט זי אריינקומען צו ביילטשע'ן אין קיך און זיך צו איהר טוליען. עטיל פלעגט פיעשטשען ביילטשע'ס לייב און זי קושען, ווי מען קושט א געליבטע...

עטיל האט זיך מודה געווען, אז זי איז פערליבט אינ'ם ישיבה-בחור פישעל גאראדאצקער.

פאר ביילטשע איז דאס געווען א שרעקליכע בשורה, ווייל אויך זי, ביילטשע, איז געווען פערליבט אין פישל'ען. זיי ביידע פלעגען זיך שפעט ביינאכט מיט פישל'ען הינטער'ן שטעדטעל. עטיל וויל זיך איהם ערקלערען אין ליבע, נאר זי איז נישט דרייסט.

די רבי'צין האט זיך אבער דערוואוסט, אז עטיל האט זיך גע-טראפען מיט פישל'ען שפעט ביינאכט, בעשליסט זי נישט צו מאכען קיין סקאנדאל. כדי עטיל זאל זיין ווייט פון פישל'ען שיקט זי „פערשיקט" קיין ווארשא צום רבי'נס קרובים.

אין דער זעלבער צייט איז אויך די רבי'צין אוועקגעפאהרען אויף 2 טעג קיין ווארשא. די געלעגענהייט נוצט אויס דעם רבי'נס יונגסטער זוהן לייבעלע כדי צו פאנגען ביילטשע'ן.

לייבעלע דעם רבי'נס איז געווען א בחור מיט א כח מעמונראש-טענס. נאר אזוי ווי ער האט זיך נישט געקענט דערוואַרטען, אז מען זאל איהם חתונה מאכען, האט ער זיך גענומען צו ביילטשע'ן...

(פארטזעצונג 13).

ווען כ'בין דארט אריינגעקומען, האב איך איהם נישט גע-טראפען. ער איז פונקט געגאנגען אריין אין בית-המדרש, כדי עפעס חזרה'צושמועסען מיט'ן ראש-ישיבה.

האב איך אוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש די טיי און בין צוריק ארויף אין קיך.

דויערט נישט קיין פערטעל שעה, קומט אריין א בחור פון דער ישיבה:

— לייבעלע האט געבעטען, אז מ'זאל איהם אראבטראגען א פריש גלאז טיי, ווייל יענע איז קאלט געווארען.

— גוט, כ'וועל באלד אראבטראגען. — האב איך גע-ענטפערט און דער בחור איז ארויס.

האכט זיך, אז שוין נישט צו טערשטען מאל פין איך געווען ביי איהם אין צימער, און שטענדיג האב איך עס געטהון מעכא-ניש, גלייכגילטיג.

דאס מאל האט מיר עפעס דאס הארץ אנגעהויבען האסטיגער צו קלאפען. עפעס האט מיין פרעזענטאציע מיר געזאגט, אז היינט וועט זיין אנדערש ווי אלעמאל...

און כ'בין אראב צו איהם מיט א פריש גלאז טיי.

ווען כ'בין אריין אין צימער און אוועקגעשטעלט דאס גלאז טיי, האט ער אויפגעהויבען דעם קאפ און מיך אנגעטאסטעט מיט זיינע בליקען.

זעהענדיג, אז כ'וויל ארויסגעהן, האט ער מיך פערהאלטען מיט דער פראגע:

— ביילע, ווייסט נישט, ווען די מאמעשי קומט צו פאהרען?

— דאכט זיך, אז „מעטישעם" מארגען, — האב איך שנעל געענטפערט און געוואלט ארויסגעהן.

ער האט מיך אבער געוואלט וואס לענגער אויפהאלטען. דערי-בער האט ער זיך בעמיהט מיך אריינצופיהרען אין א שמועס:

— ביילע וועסט מיר שפעטער מאכען א פרעגעלכץ און אהער-געבען.

— ווען שפעטער?

— גלייך נאך מנחה. אבער ביילע ווייסט ווי אזוי מען מאכט דאס?

— פארוואס זאל איך נישט וויסען — האב איך זיך געפרובט גרייכען — מען טהוט אריין א סך שמאלץ מיט צוקער און שיין...

— אבער זאל ביילע נישט זשאלעווען קיין שמאלץ. עס זאל זיין פעט, ווייל כ'האב חלש'ט מיר תמיד.

אז דער הויף האט ליב דעם פרעס, איז שוין אנ'אלטע גע-שיכטע. גאנצע טעג האט מען געהאלטען אין איין פרעגלען און בראטען און די קינדער האבען זיך כסדר בעקלאגט, אז זיי האבען נישט קיין אפעטיט.

נאר, אז לייבעלע זאל זיך אינטערעסירען ווי אזוי מען זאל איהם מאכען דאס פרעגלעכץ — דאס האב איך געהערט צום ערשטען מאל. דאן איז פאר מיר קלאר געווארען, אז ער זוכט אויסרייד'ען, אז ער פלאפלט סתם, ווייל ער האט נישט וואס מיט מיר צו רעדען.

און ווען כ'האב זיך געלאזט געהן צו דער טהיר, האב איך ווידער געהערט זיין שטים:

— אפשר ווייסט ביילע, וואס מען טהוט צו קאפ-וועהטאג?

— אפשר א קאמפרעס?

— א קאמפרעס גאר? גוט, זאל זיין א קאמפרעס: ביילע וועט שוין מיר גלייך מאכען?

— איין מינוט נאר און כ'קום גלייך צוריק אראב מיט א טיכעל.

— כ'בין זיך מודה, אז אין יענעם מאמענט איז פאר מיר געווען קלאר, אז לייבעלע וויל זיך צו מיר טשעפען. נאר דא האט זיך אין מיר ערוועקט מיין פרויען אמביציע. מיך האט אינטריגירט צו אזא שטייגער בחור וועט זיך דערוואגען צו פערטשעפען א דינסט-מיידעל.

און ביי מיר אין קאפ איז שוין געווען פערטיג א פלאן, ווי אזוי צו רעאגירען אויב לייבעלע וועט זיך צו מיר טשעפען. מינו-טען לאנג האב איך זיך נישט געקענט חעצידירען: זאל איך איהם אויסזידלען פונקט ווי אלע איבעריגע, צי זאל איך איהם שאנע-ווען? אויב שאנעווען, הייסט עס דאך, אז איך זאל זיך נישט פער-טיידיגען און דאן... דאן וואלט דאך געקענט אלץ געשעהן און כ'וואלט געווען אומגליקליך אויף אייביג.

(פארטזעצונג קומט).

ש. הורשהאָרן

דער צווייפאַכער באָיקאָט געגען דייטשלאַנד

ווי בעהאַוסט, טרעט־אַרויס דער היטלעריזם אַכזריות'דיג סיי געגען יודען, סיי געגען מאַרקסיסטען. מען קען אפילו זאָגען, אַז פון פּרינציפּיעלען שטאַנדפּונקט איז היטלער אַ גרעסערער געגנער פון מאַרקסיזם ווי פון יודענטום, ווייל זיין גאַנצער אַנטיסעמיטיזם איז איהם הויפּטזעכליך נויטיג, כדי אַוועקצונעהמען די מאַכט ביי די מאַרקסיסטען, וועלכע ער שטעלט־פאַר אַלס אַ כלומר'שט נעציוג אין די יודישע הענד. עס האָט זיך דעריבער געקאָנט דוכטען, אַז די באָיקאָט־אַקציע געגען דייטשלאַנד, וועלען אונטערנעהמען די מאַרקסיסטען צוגלייך מיט די יודען, אָדער אפשר נאָך פריהער.

באמת איז אָבער ביי די מאַרקסיסטען די זאַך נישט צוגעגאַנגען גלאַטיג. מען האָט זיך דאָרט לאַנג נעקווענקעלט, איידער מען האָט זיך ענטשלאָסען עטוואָס אויפצוטהון. אַ כאַראַקטעריסטישען ענטפער האָט וועגען דערדאָזיגער פראַגע געגעבען דער „ראַבאָטניק" אַ יודישער צייטונג, וועלכע האָט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ס'איז נאָך וועניג טעאָרעטיש צו פערורטיילען דעם היטלעריזם, נאָר מען דאַרף אויפטהון עפּעס פּראַקטישעס, דהיינו: צושטעהן צום באָיקאָט. דער אָרגאַן פון די פּפּ"ס האָט בעמערקט, אַז די אַרבייטער קויפען סיי־ווי־סיי זעהר וועניג אויסלענדישע סחורות און דעריבער קען זייער באָיקאָט היטלער'ן זעהר וועניג שאַדען.

נאַטירליך, איז דאָס געווען אַ פּוילער תירוץ, דען עס האַנדעלט זיך נישט וועגען דעם, אַז דער פּוילישער אַרבייטער זאָל פערזענליך נישט קויפען קיין דייטשע סחורה, נאָר אַז זיין סאָציאַליסטישע פאַרשטעהערשאַפט זאָל מאַכען אַ שטימונג אין לאַנד געגען היטלעריזם און זיך אַנטקעגענשטעלען דער אַגיטאַציע פון די ענדעקעס, וואָס האָבען מיטאַמאָל פערגעסען וועגען זייער פּיל־יעהריגער דייטש־פיינדליכקייט און לויבען היטלער'ן אין הימעל אַריין.

דער מאָטיוו פון „מאַכטלאָזיגקייט" איז אין'ם מויל פון די פּפּ"ס בלויז געווען אַ תירוץ, וואָס האָט געזאָלט פערמאַסקירען זייער קיצלדיגע לאַגע. די סאָציאַליסטען האָבען אַ לאַנגע צייט צעטיילט די לענדער אויף דעמאָקראַטישע און פאַשיסטישע, און האָבען דייטשלאַנד, נאָכ'ן אויסברוך פון דער היטלעריסטישער רעוואָלוציע, אָנערקענט פאַר איינס פון די פאַשיסטישע לענדער.

און אויב זיי האָבען קיין שום אַנדערע פאַשיסטישע מלוכה נישט באָיקאָטירט, האָבען זיי לכתחילה נישט געוואָלט מאַכען קיין אויסנאַהם פאַר דייטשלאַנד. אפשר האָבען זיי (בפרט ביי אונז די פּפּ"ס) אַ ביסעל מורא־געהאַט, מען זאָל זיי נישט חושד־זיין אין יודענפריינדליכקייט. אַנדערע סאָציאַליסטען ווידער האָבען געהאַלטען, אַז, בעשטראָפענדיג היטלער'ן מיט באָיקאָט, ברענגט מען שאַדען די אַרבייטער, וואָס זענען געבליבען אין דייטשלאַנד, ביי וועמען מען נעהמט־צו דעם לעצטע שטיקעל ברויט, וואָס איז זיי נאָך געבליבען ביים רעזשים פון פערפאָלגונג און פערניכטונג. שליסליך זענען געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבען געהאַלטען, אַז דורכ'ן באָיקאָטירען דייטשלאַנד, שטיצט מען אינטער אַנדערע בירגערליכע און פאַשיסטישע מלוכות, וואָס זענען איהרע קאָנקורענטען, און מען פריווילעגירט אויף־אַרום איין נאַציאָנאַליזם לגבי דעם אַנדערען.

און טאַקע אַ לענגערע צייט האָבען יודען מצד סאָציאַליסטען נישט בעקומען קיין שום ממשות'דיגע הילף אין קאַמף געגען דעם היטלערישען באַרבאַריזם. פערקעהרט, ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז סאָציאַליסטען שטערען דער יודישער אַקציע, אויסלאַכענדיג די „אומבעהאָלפענקייט" פון די יודישע „בורזשוקעס".

זעלבסטפערשטענדליך, אַז ביי אונז האָט די ערשטע פידעל דערין געשפּילט דער „בונד", פרייענדיג זיך, וואָס דער גורל האָט איהם צוגעשיקט אַ נייע געלעגענהייט צו פיהרען אַ „קלאַסען־קאַמף" געגען דעם יודישען „קאַפּיטאַליסט", וועלכען כ'איז, ביים הייגטיגען דלות, נישט לייכט צו געפינען. מיט איין וואָרט: ס'האָט זיך געשאַפען אַ בלוטיגער פּאַראַדאָקס. די מאַרקסיסטען, וואָס זענען אַזוי פערפאָלגט דורכ'ן היטלעריזם, טהוען געגען איהם גאָרנישט און זענען אפילו געוואָרען מיטעלבאַר זיינע בעשיצער.

און דיזאָזיגע טראַגי־קאָמעדיע וואָלט טאַקע געדויערט עד־היום, ווען נישט פאָלגענדער אומשטאַנד. עס האָבען זיך אָבגערופען דייטשע מאַרקסיסטען, וואָס געפינען זיך אין אויסלאַנד אויף דער עמיגראַציע. זיי האָבען עס אָבגעשלאָגען די אַלע נאַאיווע טענות, מיט וועלכע נישט־דייטשע מאַרקסיסטען האָבען בעגרינדעט זייער געגנערשאַפט אָדער גלייכגילטיגקייט לגבי דעם באָיקאָט. פערהויפּט איז מיט אַ גלענצענדען אַרטיקעל אויפגעטרעטען די פּראַגער „וועלט־ביהנע", אַ וואָכענבלאַט, וואָס פלעגט פריהער אַרויסגעהן אין בערלין און איז געווען דער אָרגאַן פון אונפּאַרטייאישען מאַרקסיסטישען געדאַנק. דער מחבר דער בעקאַנטער פּובליציסט ווילי שלאַם, האָט פערעפענטליכט אַנ'אַרטיקעל אונטער דעם רעדעוודיגען קעפּעל: „באָיקאָט געגען מאָרד", וואו ער רופט די אַרבייטער פון דער גאַנצער וועלט צו פּראָקלאַמירען געגען היטלער־לאַנד נישט בלויז אַ נעוועהנליכען באָיקאָט, נאָר אפילו אַנ'אַקטיווען, דאָס הייסט, נישט אויסלאָדען קיין דייטשע סחורות פון שיפען און באַנען אאַז"וו. צום סוף לעגט דער אויטאָר פאָר, צונויפצורופען אַ קאָנפערענץ, כדי דעראָזיגען ענין צו בעטראַכטען און דורכצופיהרען.

דעראָזיגער אַרטיקעל האָט געמאַכט אַ גרויסען רושם. אויב ביז אַהער זענען מצד די אַרבייטער געמאַכט געוואָרען בלויז איינצעלנע בעמיהונגען מכח באָיקאָט, האָט איצט דער באָיקאָט־געדאַנק אָנגענומען ברייטערע פאָרמען. דער קאָנגרעס פון פּראָפּ. אינטערנאַציאָנאַל האָט פּראָקלאַמירט גאַנץ אָפיציעל אַ ווירטשאַפטליכען באָיקאָט געגען דייטשלאַנד. עפּעס עהנליכעס וועט, וואַהרשיינליך, געשעהן אויך אין פּאַריז, וואו עס האַלט־אָב אַ קאָנפערענץ דער צווייטער (סאָציאַליסטישער) פּאָליטישער אינטערנאַציאָנאַל.

הכלל, די סאָציאַליסטען, הגם מיט אַ בעדייטענדיגער פערשפּעטיגונג, האָבען זיך ענדליך געכאַפּט אָן דעם „יודישען" געוועהר. און אָט איז „ביי אונז געשעהן אַ נייע קאָמישע געשיכטע: דיזעלבע בונדיסטען, וואָס פלעגען אויסלאַכען דעם יודישען באָיקאָט אַלס נאַרישען „בירגערליכען" אויפטהו, האָבען איצט פערקירעוועט צוריק און פערזיכערן, אַז דער באָיקאָט איז אַ גלענצענדע אידעע, אָבער נאָר זיי, מאַרקסיסטען, זענען בערופען זי צו פערווירקליכען.

צי דאַרפען מיר, בירגערליכע דעמאָקראַטען, אויף זיי פאַראיבעל־האָבען? די וויכטיגסטע זאַך פאַר אונז איז, וואָס די סאָציאַליסטען זענען ענדליך געקומען אויף אונזער הויף און האָבען ערשט, נאָך אַ האַלב יאָהר פון היטלער'ס הערשאַפט, פערשטאַנען דאָס, וואָס מיר, יודען, האָבען פערשטאַנען באַלד נאָך זיין „רעוואָלוציע", דאָס הייסט, אַז היטלער'ן קען מען צום בעסטען בעקעמפען, שלאָגענדיג איהם איבער דער קעשענע. וואָס שייך דער פראַגע, ווער קען מיט זיין באָיקאָט שאַדען „בעסער": דער יוד אָדער דער סאָציאַליסט? איז, אָביעקטיוו גענומען, דערויף פאַראַן איין תשובה: יעדער אויף זיין געביט. דער יוד, אַלס סוחר און פערמיטלער, קען אַרויסשטויסען די דייטשע סחורה פון קראָם און ווירקען אויף די יודישע קונים, זיי זאָלען עס נישט פאָדערן. דער יוד קען אויך, אַלס ספּעציאַליסט און אַלס מענש, וואָס האָט אינטערנאַציאָנאַלע בעציהונגען, זיך בעמיהען צו פערבייטען דייטשע אַרטיקלען דורך אינלענדישע, אָדער אַנדערע אויסלענדישע. און דער סאָציאַליסט קען בעאיינפלוסען די נישט־יודישע עפענטליכע מיינונג, כדי אויך די קריסטליכע קונים זאָלען אָבוואַרפען דייטשע סחורות. די צוזאַמענפאַסונג פון די דאָזיגע בעמיהונגען (פון יודען און סאָציאַליסטען) קען ערשט פיהרען צו אַ רעזולטאַט, וואָס וועט זיך געבען דעם היטלעריזם אַ טויט־קלאַפּ.

דעריבער איז אַ שאָד צייט און כחות מדקדק צו זיין, ווער עס פיהרט בעסער די אַרבייט פון באָיקאָט און וועמען עס וועט קומען דערפאַר אויף יענער־וועלט מעהר עולם־הבא. אַ פאַקט איז, אַז סיי יודען, סיי סאָציאַליסטען זענען פּערזענליך אינטערעסירט, אַז דער היטלער־רעזשים זאָל אומפאַלען און דעריבער, אַנשטאָט מיט זיך צו פּאָלעמיזירען, איז גלייכער זיך נעגענזייטיג צו העלפען. אין אַ בעזונדער גינסטיגער לאַגע זענען סיי די יודען, סיי די סאָציאַליסטען אין פּוילען, ווייל דער היטלעריזם איז צוגלייך אַ סכנה פאַר די גערעכטיגע אינטערעסען פון דער פּוילישער מלוכה.

אַ לעפּעל פּאָליטיק

[פּאָליטישע בריוולעך צו אַ פריינדין]

דער קליינער „דאָלפוס" ביים „גרויסען" מוסאָליני

די פּאָליטיק פון דער לעצטער וואָך איז אינגאַנצען אַדורך אונטער'ן צייכען פון דער רייזע פונ'ם עסטרייכישען קאַנצלער דאָלפוס קיין איטאַליען, וואו ער האָט זיך געטראָפען מיט'ן „דוטשע" מוסאָליני.

עסטרייך איז בכלל געוואָרען לעצטענס דער צענטער פון דער פּאָליטישער פּראַאינטערעסירונג אין אייראָפּאַ. היטלער'ן האָט דאָס קליינע עסטרייך צו פערדאַנקען, וואָס מען האָט פלוצלינג זיך דערמאָהנט אָן דעם קליינעם מלוכה'לע און וואָס קינד און קייט האָבען פלוצלינג דערפיהלט די נויטווענדיגקייט זיך אַריינצומישען אין די אינטערעסען פון עסטרייך און צו „פערזיכערן" איהר די אומאָבהענגיגקייט.

נאָך דער אינטערווענץ פון ענגלאַנד און פראַנקרייך אין בערלין לטובת עסטרייך, האָט מען זיך געריכט, אַז דער קאַנצלער דאָלפוס וועט זיך כסדר אָנלעהנען אָן די צוויי גרויסע מלוכות און וועט, האָבענדיג אונטער זיך דעמדאָזיגען פונדאַמענט, פיהרען ווייטער דעם קאַמף מיט היטלער'ן. און דאָ קומט פלוצלינג אָן די ידיעה, אַז דער „קליינער" דאָלפוס איז געפאָהרען צום „גרויסען" מוסאָליני, אַז מען עסט זיך דאָרט פון די פּיסקעלעך, אַז מען פראַוועט זיך נעגענזייטיג קאָמפּלימענטען און אַז מוסאָליני האָט שוין דאָלפוס'ן אין קעשענע.

אין דער וועלט־פּרעסע און אין דער פראַנצויזישער פּרעסע בפרט האָט דיזאָזיגע רייזע קיין איטאַליען אַרויסגערופען פערשידענע גענוג שאַרפע קאָמענטאַרען. מען האַלט, אַז עסטרייך האָט פּראָסט פשוט פערראַטען פראַנקרייך, וועלכע האָט דאָ נישט לאַנג אַזוי ענערגיש געשטיצט עסטרייך בעת די אונטערהאַנדלונגען וועגען אַ הלוואה. נישט מעהר, מען דערמאָהנט זיך אַז די פּאָליטישע איבערצייגונגען פון דאָלפוס'ן אין זיין בעציהונג צום פאַשיזם.

מען דערמאָהנט זיך, אַז דאָלפוס האָט זיך שוין לאַנג געח'נד'לט צו דער אידעע פון די שוואַרצע העמדלעך און מען ווייס אויך גאַנץ גענוי, אַז ווען נישט היטלער מיט זיינע ווילדע אַפּעטיטען צו פערכאַפּען עסטרייך, וואָלט דאָלפוס גאַנץ גערן געגאַנגען אין די וועגען פון דייטשען נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם.

אויב אָבער אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם פון היטלער'ס שניט איז אין איצטיגען מאָמענט נישט אָנגענעהמבאַר פאַר דאָלפוס'ן, זאָל כאָטש זיין אַ פאַשיזם לויט'ן איטאַליענישען מוסטער, און דעריבער איז פערשטענדליך, פאַרוואָס דאָלפוס האָט זיך, קודם־כל, געווענדעט נאָך הילף קיין רוים, פאַרוואָס מוסאָליני האָט זיך מיט איהם אַזוי געצאַצקעט און עס איז אויך פערשטענדליך, פאַרוואָס פראַנקרייך איז ברוגז.

בכלל איז זעהר אינטערעסאַנט דער קאַמף, וועלכען עס פיהרען צווישען זיך די צוויי שותפים פונ'ם „פּאַקט פון 4": פראַנקרייך און איטאַליען אין צוזאַמענהאַנג מיט די געשעהענישען אין עסטרייך. איינמאָל האָט איטאַליען שוין אונטערגעשטעלט אַ פיסעל ענגלאַנד און פראַנקרייך, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דער געמיינזאַמער אינטערווענץ אין בערלין. איצט ווידער האַנדעלט זיך וועגען דער ווייטערדיגער האַנדלונג פון די גרויסע מלוכות אין ענין עסטרייך.

פראַנקרייך, למשל, וויל, אַז דער גאַנצער ענין זאָל קומען פאַר'ן פאָרום פון פעלקערבונד, אַז דאָ זאָל מען, אין די אינטערעסען פון וועלט־שלום, גענוי בעטראַכטען דעם גאַנצען ענין און דאָ זאָל מען געפינען אַנ'אויסוועג, ווי אַזוי צו האַמעווען היטלער'ס אַפּעטיטען אויפ'ן אַנשלוס. איטאַליען דאַגעגען וויל דערויף נישט מסכים־זיין.

מוסאָליני האַלט, אַז דעמדאָזיגען ענין וועט מען קענען ערלעדיגען אין דער שטיל, אין קאַבינעט, אָהן רעש און געפּילדער. און דערביי מוז מען געדענקען, אַז מוסאָליני האָט נישט בלויז דעם וועלט־שלום אין זינען, נאָר ער האָט נאָך זייטיגע כוונות אויך.

די קליינע אַנטאַנט איז שוין לאַנג ווי אַ דאָרן אין אויג פון דוטשע. שוין יאָהרען־לאַנג ווי ער זוכט מיטלען, ווי אַזוי אָבצושוואַכען די קליינע אַנטאַנט, אָדער לכל־הפּחות צו שאַפען אַ געגענכח געגען דעמדאָזיגען בלאָק פון מלוכות. און אָט איצט האַלט ער, אַז איצט איז מעגליך אָבצושוואַכען די קליינע אַנטאַנט.

ער וויל דערנעהנטערן עסטרייך צו אונגאַרן, ער וויל צונויפבינדען די ווירטשאַפטליכע אינטערעסען פון ביידע מלוכות, ווי־נישט־איז מאַכען איין מלוכה אָבהענגיג פון דער צווייטער, און מיט דער הילף פון דעם נייעם עסטרייך־אונגאַרן — שלאָגען די קליינע אַנטאַנט.

צווישען ענגלאַנד און פראַנקרייך קומען אַלץ ווייטער פאָר געשפּרעכען, מעגען די אופנים און מיטלען צו ראַטעווען עסטרייכ'ס אומאָבהענגיגקייט. מוסאָליני'ס פּלענער זענען זעהר דורכזיכטיג, מען זעהט זיי בולט אַרויס — און ענגלאַנד און פראַנקרייך ווילען נישט דערלאָזען מען זאָל ביי זיי צונעהמען די בכורה. אגב, איז דאָ פאַראַן נאָך איין וויכטיגע זאַך.

דער פאַקט, וואָס ס'איז איצט געלונגען דאָלפוס'ן צו בעזייטיגען די היטלעריסטישע אַנשלוס־געפאַהר, איז פאָרט נישט קיין גאַראַנטיע אויף לאַנגע יאָהרען. עס איז גענוג צו לייענען די עסטרייכישע פּרעסע צווישען די שורות, כדי צו זעהן, אַז אין עסטרייך זענען די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטען שוין איצט אַ שטיקעל קראַפט. געשטיצט פון דייטשלאַנד מיט געלד און אַגיטאַציע־מאַטעריאַלען, וואַקסט דיזאָזיגע באַנדע אין עסטרייך זעהר שנעל און מען קען גאָרנישט וויסען, וואָס די נאָהענטסטע צוקונפט קען ברענגען אין עסטרייך. עס איז גאָרנישט אויסגעשלאָסען, אַז די אַלע מיטלען, וועלכע ווערען איצט אונטערגענומען צו ראַטעווען עסטרייכ'ס אומאָבהענגיגקייט, זאָלען ח"ו בקרוב זיך אַרויסווייזען פאַר נישטיגע און אַז די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטען זאָלען בעת די וואַהלען אָדער מיט דער הילף פון אַ פּוטש קומען צו דער מאַכט. און אָט געגען אַזאַ עווענטואַליטעט מוז מען זיך אויך פערזיכערן.

מוסאָליני'ן וואָלט סוף־כל־סוף גאָרנישט געאַרט, ווען בראש פון דער עסטרייכישער רעגירונג זאָל אַנשטאָט דעם האַלבען אָדער דריי־פערטעלדיגען פאַשיסט שטעהן אַנ'אויסגעשפּראָכענער היטלער־אַוויעץ. מוסאָליני וואָלט זיך אויך נישט צעוויינט, ווען דער אַנשלוס זאָל זיין אַ געשעהענער פאַקט. ביז איצט איז ער פון היטלער'ן שטאַרק צופרידען, ער האָט אויך אין איהם אַ שטאַרקען פערבינדעטען. דאַגעגען ענגלאַנד און איבערהויפּט פראַנקרייך טאָרען נישט זיין גלייכגילטיג לגבי אַזעלכע עווענטואַליטעטען.

אויב אין עסטרייך זאָלען קומען צו דער מאַכט די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטען, וואָלט דאָס אַליין שוין געהייסען דער אַנשלוס, און אַזאַ צעוואַקסענע דייטשע אימפּעריע וואָלט שוין געווען אַנ'אָפענע געפאַהר פאַר פראַנקרייך, מוז דעריבער פראַנקרייך און אומדירעקט ענגלאַנד גאָר אַנדערש קוקען אויף די געשעהענישען אין עסטרייך.

די אַמאָליגע אַנטאַנט מוז געדענקען, אַז דייטשלאַנד איז איהר גרעסטער שונא און מען מוז אָננעהמען מיטלען אַז אין עסטרייך זאָלען די היטלעריאַנצעס בכלל נישט קומען צו דער מאַכט. און כאָטש פראַנקרייך איז איצט שטאַרק בייז אויף דאָלפוס'ן צוליב זיין לעצטער האַנדלונג און צוליב זיין רייזע קיין איטאַליען — מוז מען פונדעסטוועגען אַוועקקוקען און אָננעהמען מיטלען געגען אַלע מעגליכע סיורפּריזען.

ברעכען זיך טאַקע ענגלאַנד און פראַנקרייך די קעפּ, ווי אַזוי צו פערהיטען, עס זאָל נישט קומען צום אַנשלוס. דער פעלקערבונד דאַרף עס מאַכען די געהעריגע שטימונג, מען דאַרף, לויט פראַנקרייכ'ס מיינונג, אַריינציהען אין דער געשיכטע אַלע מלוכות און ערשט אויף דעם פאָרום פון פעלקערבונד אַרויסטרעטען מיט אָפענע פּלענער.

מוסאָליני לאָזט זיך נישט. ער האָט שוין אַריינגעצויגען אין דער הברותא אונגאַרן, און מסתמא, איז דאָס געווען די הויפּט־טעמע פון די געשפּרעכען מיט'ן אונגאַרישען פּרעמיער געמבעש, וועלכער האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק געוויזיט אין רוים. וועגען דער דערנעהנטערונג צווישען עסטרייך און אונגאַרן האָט גערעדט מוסאָליני מיט געמבעש'ן.

און אונגאַרן, דאַרף מען וויסען, איז גרייט אפילו אויף קרבנות, אַבי זיך ווירטשאַפטליך און פּאָליטיש זיך צו דערנעהנטערן מיט עסטרייך. אונגאַרן האָט פיל שווערע קלאַפּאָטען אויפ'ן קאָפּ, אָבגערעדט שוין וועגען טראַקטאַט פון טריאַנאָן, וועלכער האָט אַרומגעשניטען און אַרומגעצופּט די גרענעצען פון פאַר־מלחמה'דיגען אונגאַרן.

מוסאָליני איז געקומען אָנשלאָגען דעם שידוך צווישען עסטרייך און אונגאַרן נישט מיט קיין ליידיגע הענד. ער האָט אפילו אַ גרייטען נדן. ער וויל שאַפען אין טריעסטער פּאָרט אַ פרייען פּאַס, ספּעציעל צו דער דיספּאָזיציע פון עסטרייך־אונגאַרישען עקספּאָרט. מוסאָליני וואָלט דערמיט געשאָסען צוויי האָזען מיטאַמאָל. דער גאַנצער עסטרייך־אונגאַרישער עקספּאָרט וואָלט געגאַנגען דורך אַנ'איטאַליענישען פּאָרט און עסטרייך־אונגאַרן וואָלטען געהאַט אַנ'איינגען ווינקעלע און וואָלטען ממילא וואָס־אַמאָל געוואָרען נעהנטער צונויפגעבונדען סיי ווירטשאַפטליך, סיי פּאָליטיש.

אָט אַזוי קומט איצט פאָר דער פּאָליטישער קאַמף אין אייראָפּאַ. אומגעריכט איז דער צענטער פון אַלע פּראַגען געוואָרען דאָס קליינע עסטרייך. איבער נאַכט האָט דאָס מלוכה'לע בעקומען רייכע און מעכטיגע פערערער. די רייכע פעטערים רייסען זיך אַרום און ליציטירען זיך נעגענזייטיג ביים אַרויסווייזען ליבע דעם מושי־ניקעל.

אַ פאַקט איז אָבער, אַז ביידע צדדים, די גדולים, הייסט עס, טראַכטען אין דעם פאַל נישט אַזוי וועגען דעם מושי־ניקעל, ווי וועגען זיך אַליין. אַז אָך און וועה איז דעם „פּאַקט פון 4", אויב די שותפים האָבען באַלד נאָכ'ן אונטערשרייבען דעם אָבמאַך צווישען זיך, ערשט רעכט זיך גענומען רייסען ביי די קעפּ. דער גאַנצער קאַמף, וואָס ווערט איצט געפיהרט אין אייראָפּאַ איז וועגען דער הויפּט־דעה אין דער פּאָליטיק.

מוסאָליני וויל ווערען דער הויפּט־דעה־זאָגער פון דער פּאָליטיק אין אייראָפּאַ — פראַנקרייך און ענגלאַנד ווילען אָבער דערצו נישט דערלאָזען.

שמואליק.

אהרן ציטלין.

דער יצר־הרע אין קעסעל

(פון דער סעריע: ייִדישע לעגענדעס)

א.

דריי טעג און דריי נעכט טהוען תפילה די זקנים פון פאָלק. זיי פייניגען ס'לייב און רופען צו גאָט. זיי ווילען אויסבעטען ביי איהם דעם יצר־הרע אליין.

זיי אַלע, די קעפּ פון ישראל — עזרא, און נחמיה, און ישוע און בני, און קדמיאל און שבניה, און בוני און שרביה.

— ענטפער־איבער דעם יצר־הרע אין אונ־זער האַנד, — רופען זיי צום בעשעפער פון גוטס און שלעכטס, — מיר ווילען איהם פערטי־ליגען. אַ קינד איז דאָס פאָלק, דער יצר־הרע טרעפט עס אין וועג בלאָנדזשענדיג, פיהרט ער עס אוועק אין וואַלד צו חיות־רעות, אַנשטאָט צו דיר אין הייליגען פאָטער־הויז. ענטפער־איבער דעם יצר־הרע אין אונזער האַנד! פערטיליגט מוז ער ווערען פון לייט און לאַנד! פערטיליגט!

און זיי וויינען דערביי און שטרעקען די הענד צו די וואָלקענס, צום יושב תהלות, צום האַר אין די הויכענישען.

זיי אַלע — עזרא און נחמיה, און ישוע און בני, און קדמיאל און שבניה, און בוני און שרביה.

און דריי טעג און דריי נעכט האָרכט דער יושב־תהילות־ישראל אין די וואָלקען־געצעלטען אויבען, און דריי טעג און דריי נעכט האָרכט דער יצר־הרע אין בית־המקדש אונטען — יאָ, אין בית־המקדש אונטען!

וואָרום סאַמע אין בית־המקדש און סאַמע אין קדשי־קדשים האָט זיך פערקליבען דער יצר־הרע, און צווישען די אַלערהייליגסטע הייליגקייטען שהוט ער הויערן.

ס'האָט איהם קיינער נישט געזעהן אַריינגעהענ־דיג און קיינער ווייסט נישט, אַז אין קדשי־קדשים איז ער.

קיינער ווייסט אויך נישט אין גאַנץ ישראל, ווי זיין אויסזעהן איז.

ער אָבער — אַ רואה ואינו נראה — ליגט אין געשטאַלט פון אַ לייב און קוקט מיט פייערדיגע אויגען אַליין דעם כהן־גדול אין פּנים אַריין.

עס זעהט נישט דער גרעסטער פון די כהנים דעם פייערדיגען לייב.

דער לייב אָבער זעהט! ער זעהט דעם כהן־גדול, ער זעהט די מחשבות זיינע...

און ער ברענט ווי, להבדיל, אַ מזבח. ראַכט זיך: ער ליגט — אין דער אמת'ן געהט ער אויף.

ווי אַ שרפה געהט ער אויף, ווי רויטע לבנה אין אַ תמוז־נאַכט.

די אויגען אָבער — רוהיג... קלוגע, לויטערע פעלזען־אויגען... זיי קוקען גלייך, זיי זעהען אַלץ, זיי ניבען קיין ציטער נישט...

אַלץ זעהט ער, דער יצר־הרע, און פול מיט קלוגשאַפט איז ער — נאָר דער כהן זעהט נישט, און דאָס בית־המקדש לויכט אין דער זון ווי קיינמאָל גאָרנישט.

ב.

וואָס איז געשעהן? זאָל דאָס אמת זיין? דער לייב האָט אַ ציטער־געטהון!

און די אויגען — די לויטערע, די פעלזיגע — ווערען אומרוהיג.

דער יצר־הרע איז אין דער קלעם.

די קעפּ פון ישראל בעטען איהם ביי גאָט.

וועט גאָט פערנעהמען די תפילות? וועט ער איהם אַרויסגעבען?

דאָס ערשטע מאָל טהוט תפילה ער, דער יצר־הרע אליין:

— גאָט! דיין האַנד האָט מיך געשאַפען — און דו ווייסט: איך בין דאָס פייער דער וועלט. וועסטו דאָס פייער לעשען? וועסטו מיך איבער־ענטפערן אין מענשען־האַנד צום פערטיליגען? געדענק, אַז אָהן מיר בלייבט דיין וועלט אַן'אויס־געלאָשען הויז, פול מיט נייסטער, וואָס שלאָפען לאָין דער פינסטער!

אַזוי טהוט תפילה (דאָס ערשטע מאָל) דער יצר־הרע אין בית־המקדש. און די אויגען ווע־רען איהם טרויעריג ווי אַ מדבר פאַרנאַכט.

ג.

געהט־אויף פאַר גאָט די תפילה פון ישראל'ס עלטסטע, און פון קעגענאיבער, ווי אַ פייערדיגע שנור, געהט־אויף די תפילה פון דעם יצר־הרע.

אַ רחמנות אויף דעם מענש — און אויך אויפ'ן יצר־הרע איז אַ רחמנות.

זעה: דעם יצר־הרע'ס אויגען — זיי זענען טרוי־עריג ווי אַ מדבר פאַרנאַכט.

און זעה: דעם מענשען'ס אויגען — זיי זע־נען פול מיט שרעק פאַר זינד און מיט טיפען וועה איבער די קורצע טעג, וואָס פערגעהען אין נישטיגקייט.

און ביידע זענען זיי נערעכט, און ביידע בע־טען גאָט — דער מענש פון בלוט און פלייש און דער לייב פון פלאַם און פייער.

גאָט האָט זיך פערטראַכט.

ד.

אויפגעפּראַלט איז די טיר פון קודש־הקדשים. עס רייסט זיך אַריין זכריה, דער נביא פון גאָט.

מיט'ן שטאָק אין דער האַנד, אַ בּאָרוועסער, האָט ער זיך אַריינגעריסען אין קודש־הקדשים, און מיט'ן שטאָק טייטעלט ער אויפ'ן לייב אין ווינקעל —

— צא, טמא! — שרייט ער צום פייערדיגען לייב.

— אַרויס פון מיין הויז, זאָגט גאָט. אַרויס, דו טמא, פון מיין וואוין!

דער כהן־גדול קוקט איהם אָן, דעם נביא זכריה, מיט דערשראָקענע אויגען. וועמען מיינט ער שוין ווידער? ווער איז עס דער טמא? ער, דער כהן־גדול?

אָבער אָט דערהערט ער, דער כהן־גדול, אַ בריל... תהומות שרייען, וועלטען פאַלען.. ווער האָט עס אַזוי אויפגעברילט אין דער אוראַלטער הייליגער שטילקייט פון קודש־הקדשים?

ער כאַפּט זיך אָן מיט ביידע הענד אָן אַ וואַנט, נישט אומצופאַלען.

דער לייב אָבער שפּרינגט צו דער טיר, און דער נביא מיט'ן שטאָק אין דער האַנד — נאָך איהם.

— צא, טמא! — הילכט זיין געשריי.

ה.

דרויסען שטעהען די זקנים, דרויסען שטעהט דאָס פאָלק און וואַרט.

אַלע ווייסען שוין: דערהערט איז ס'געבעט. גאָט האָט צו זיין נביא ענטפּלעקט, וואו דער יצר־הרע געפינט זיך. אַריין איז דער נביא צום יצר־הרע, און אָט יאָגט ער איהם פון בית־המקדש אַרויס — גלייך צום מענש אין האַנד אַריין, גלייך צום פאָלק אין גאַס!

אָנגעגרייט שטעהט שוין דרויסען פאַר'ן בית־מקדש אַ גרויס קעסעל פון בליי.

אין בלייערנעם קעסעל וועט מען איהם אַריינ־וואַרפען, דעם אַרויסגעיאָגטען יצר־הרע.

אַזוי האָט דער נביא געגעבען זיין ראָט און אַזוי וועט איהם געטהון ווערען, דעם בייזען פער־פיהרער.

ו.

אין אַ בלייערנעם קעסעל, אונטער אַ שווע־רער בלייערנער דעק, ליגט דער יצר־הרע פאַר־שלאָסען אין גאָט'ס שטאָדט ירושלים.

דריי טעג שוין ווי ער ליגט געפאַנגען אין בלייערנעם קעסעל, דער פייערדיגער לייב, און דריי טעג שוין, ווי עס לעגט נישט אַ הוהן קיין איי, און עס געבוירט נישט אַן אשה קיין קינד.

דער יצר־הרע איז געפאַנגען, דאָס פייער פון דער וועלט איז פערלאָשען.

און אָט הערט מען אויף צו לערנען די תורה, וואָס גאָט האָט משה'ן געגעבען אויף סיני.

אָהן דעם יצר־הרע, וואָס הייסט לערנען שלא־לשמה, קאָן מען נישט צוקומען צום לערנען לשמה.

און פערשוואונדען זענען פון די פּנים'ער די שמייכלען, און קיינער רעדט נישט הויך אַ וואָרט.

אין בלייערנעם קעסעל, אונטער אַ שווערער בלייערנער דעק, ליגט דער יצר־הרע פערשלאָ־סען — און פערלאָשען איז גאָט'ס שטאָדט — ירושלים.

ז.

און איבער־אַניים טהוען תפילה די זקנים פון פאָלק. זיי פייניגען ס'לייב און רופען צו גאָט.

זיי אַלע, די קעפּ פון ישראל — עזרא און נחמיה, און ישוע און בני, און קדמיאל און שבניה און בוני און שרביה.

— וואָס זאָלען מיר טהון, אַז דער לייב פון פלאַם און פייער זאָל זיין גאַנץ און דער מענש פון בלוט און פלייש זאָל נישט ווערען אויפגע־געסען? וואָס זאָלען מיר טהון, אַז די וועלט זאָל נישט חרוב ווערען מיט דעם יצר־הרע, און וואָס זאָלען מיר טהון, אַז די וועלט זאָל נישט חרוב ווערען אָהן דעם יצר־הרע?

און זיי וויינען, די פיהרער פון ישראל, און שטרעקען די הענד צו די וואָלקענס, צום יושב־תהילות, צום האַר אין די הויכענישען.

און אין בלייערנעם קעסעל זיצט דער לייב, און זיין פייער איז פערלאָשען, און זיינע אויגען מאַכען זיך צו צום שלאָף, און עס פעהלט איהם די וועלט, און מיט וואָס צו אָטעמען האָט ער נישט. — — —

ח.

און אָט איז דער נביא זכריה! ער איז ווידער דאָ, און זיין שטאָק בליהט מיט אמת פון גאָט, און זיין פּנים לייכט איבער דער פערלאָשענער שטאָדט.

— פריי זאָלט איהר לאָזען דעם פייערדיגען לייב, — זאָגט גאָט. און עפענען זאָלט איהר עפענען דעם בלייערנעם קעסעל, זאָגט גאָט.

די זקנים אָבער און דאָס גאַנצע פאָלק, ווען זיי הערען די רייד פון דעם נביא, ברעכען־אויס אין אַ יאָמער:

— איז נישט דערהערט געוואָרען ס'געבעט? צאָרנט דער אַלמעכטיגער?

— דערהערט איז ס'געבעט, — רופט דער נביא, — און פערנומען איז די תפילה. איך האָב אויסגעהערט לייב און מענש, זאָגט גאָט, און רחמנות האָב איך אויף לייב און מענש, זאָגט גאָט. אָן אַזוי זאָלט איהר טהון, איהר זקנים און ישראל: פריילאָזען זאָלט איהר איהם פריילאָזען, נאָר די אויגען זאָלט איהר איהם אַרויסשטעכען. בלינד זאָל ער זיין פון היינטיגען טאָג ביז אויף אייביג! לעבען זאָל ער און טהון זאָל ער, דער פייער־דיגער לייב — נאָר זעהן זאָל ער נישט מעהר, וואָס ער טהוט! בלינד זאָל ער זיין, דער מענש אָבער, וואָס וועט בעטען אויגען ביי גאָט — ער זאָל זעהן!

און געפאַלען זענען אַלע אויפ'ן פּנים און צוגעטרעטען איז דער נביא צום קעסעל פון בליי און אַראָבגענומען דעם צודעק, און זעה: דער לייב איז דאָרט געלעגען און שלאָף און זיין גוף האָט מעהר נישט געלויכטען.

און צוגעריהרט האָט זיך דעם נביא'ס שטאָק צו די פערשלאָסענע אויגען דעם לייב'ס, און אַרויס־געשטאָכען האָט דער שטאָק די אויגען דעם לייב'ס, און זיי אַרויסגעוואָרפען אויפ'ן גאַס אַרויס — צווי שטיקלעך קוהל, פאַר קליינוואַרג צום שפּילען!

פון דעם ווערטאָג אָבער האָט דער לייב זיך אויפגעכאַפּט.

ער האָט לופט דערפיהלט אַרום זיך און האָט אַן'אָטעם־געטהון מיט דער וועלט דער געפענג־טער — און איז ווידער געוואָרען אָנגעטהון אין פייער.

און דער נביא האָט אַ גלעט־געטהון זיין פעל און מיט אַ באַרמהאַרציג קול האָט ער דאָ אָנגערופען פאַר די אויגען פון גאַנצען פאָלק:

— ביזט פריי צו געהן און צו טהון!

דער יצר־הרע איז אַרויסגעשפּרונגען און מעהר האָט מען איהם נישט געזעהן.

רויט און בלינד לויפט ער פון יענעם טאָג אָן דורך דער וועלט.

———

מאיר הערץ

די טאמאשאווער חברים

(פון די יונגער־יאהרען פון קאצקער רבי'ן)

אין שטעדטעל טאָמאַשאָוו האָט זיך געפונען אַ יונגערמאַן מיט'ן נאָמען מענדעל, וואָס איז גע־ווען אין טאָמאַשאָווער בית־מדרש און געלערנט יומם־ולילה.

אין זעלבען בית־מדרש זענען געזעסען און געלערנט נאָך בחורים, צווישען וועלכע עס האָ־בען זיך געפונען אַ סך גרויסע לומדים, וואָס האָ־בען געהאַלטען פון זיך און די גאווה זייערע איז געווען אַזוי גרויס, אַז מענדעל איז צווישען זיי פערלוירען געוואָרען. ער האָט זיך כמעט ווי גאָר־נישט אָנגעזעהן. די לומדים האָבען איהם מבטל־געמאַכט און רעכט זיך נישט אומגעקוקט אויף איהם.

אויך דעם גאַנצען שטעדטעל מיט די שע־נע חסידישע בעלי־בתים איז מענדעל קנאַפּ־וואָס אָנגעגאַנגען. זיי האָבען אויף איהם לגמרי קיין אכט נישט געלענט. מאַלע וואָס עס זיצט דאָרט אַ בחור און לערנט? ס'פעהלען דען אַזעלכע אין בית־מדרש? —

אָבער מענדעל איז ביי זיך נישט אַראָבגעפאַלען. איהם איז אפילו נישט איינגעפאַלען צו טראַכ־טען, צי מען זעהט איהם יאָ, צי מען זעהט איהם נישט. ער האָט נישט געלערנט פאַר קיינעם און איז זיך געגאַנגען זיין וועג. ער האָט זיך גע־האַלטען ווייט פון מענשען און קיינמאָל נישט גע־טהון קיין זאַך, אַז ס'זאָל עמיצען געפעלען ווערן. ווען ער האָט געלערנט — האָט מען צומאָל זיין קול נישט געהערט. ער האָט געלערנט שטיל, אָבער דער קאָפּ האָט טיף און שאַרף געאַרבייט, אַזוי, אַז זיין אויג איז נישט געפאַלען נישט אויף רעכטס, נישט אויף לינקס. ער איז געווען פער־טהון, פערקוקט אין אַ וועלט פון טראַכטעניסען און דמיונות און האָט לחלוטין נישט בעמערקט דזוי אַרומיגקייט.

ווען ביי די אַרומיגע לאַנגע טישען אין טאָמאַ־שאָווער בית־מדרש איז אויסגעבראָכען אַ גע־שפּאַרעריי און ס'איז געוואָרען אַ גרויסער גערו־דער צווישען די לומדים איבער אַ שווערען תוספות, אָדער אַ האַרבען רמב"ם און די לומ־דים האָבען זיך געקריגט און געריסען ביי די לאַצען פון די אַטלאַסענע ושופּעצעס און איינער האָט דעם צווייטען געוואָלט מנצח־זיין, אַז ער אוקן נאָר ער ווייסט דעם ריכטיגען פשט — דער־מאָלט האָט מענדעל אויפגעהויבען דעם קאָפּ און מפסיק געווען אויף אַ ווייל. די רעש'יגע געשרייען און דער הייסער פּילפּול פון די מיטזיצערס ביי די טישען האָבען איהם איבערגעשלאָגען זיינע געדאַנ־קען און איבערגעריסען דעם פליה פון זיינע מחשבות, וואָס האָט ערגעץ געשוועבט אַראָב און אַרויף.

מענדעל וואָלט אפשר נישט געהערט דעם טר־מעל און אָספּערניש פון די לומדים, ווען זיי שמועסען אין לערנען און זענען זיך מפלפל לשמה. זיי וואָלטען דאַן געקאָנט אפילו שרייען אין ליאַר־מען — דאָס וואָלט איהם אפשר נישט געווען געאַהרט. איז אָבער געווען די מעשה, וואָס די גרויסע לערנער האָבען געהאַט אַ טבע זיך צו זוידלען און אָנצורופען איינער דעם צווייטען מיט כל'ערליי זלזולים, ווי: גראָבער קאָפּ, שוטה, חמור פערד און אפילו עם־הארץ.

אַז ס'האָט שוין געהאַלטען אַזוי ווייט, ווען איינער האָט נישט הכ־עהאָט אויפ'ן צווייטענ'ס כבוד און, זיצענדיג ביי די אויפגעמישטע גרויסע גמרות, האָט מען זיך געריסען ביי באָרד און פאות און טיילמאָל זיך אפילו געפּאַטשט — דעמאָלט האָט מענדעל איינגאַנצען אויפגעציטערט און ערשט רעכט אָנגעקוקט די פּנים'ער פון זיינע שכנים, די ביי אין טיש־זיצענדיגע לומדים, וועלכע האָ־בען געפלאַמט אין העלישע פייער און די אויגען ביי זיי האָבען געשפּריצט מיט גליהענדיגע פונ־קען... מענדעל האָט דאַן ברייט פונאַנדערגע־עפענט די אויגען און זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטען. אַ כעס האָט זיך אויסגעלעגט אין די קנייטשען פון זיין העל אייד'על פּנים. ער האָט נישט געקאָנט סובל־זיין דעם גאַנצען טומעל, וואָס האָט ביי איהם אויסגעזעהן נאַריש און חוצפה'דיג. ער האָט זיך געביסען די נעגעל פון די פינגער פאַר אויפרעגונג. ער האָט זיך איינ־געהאַלטען מיט כל־הכחות, נישט אָנצורופען זיך מיט אַ בייז שאַרף וואָרט געגען די לומדים, וואָס מאַכען אַזעלכע געוואַלדען און זידלען אַזוי איי־נער דעם צווייטען.

מענדעל האָט זיך אַ ווייל איינגעהערט, אין וואָס מען שפּאַרט זיך עס אַזוי עקשנות'דיג און ער האָט ביי זיך געטראַכט, אַז קיינער פון די טומלערס ווייסט נישט דעם אמת'ן פשט אין שווערען תוספות. ער האָט זיך שוין געוואָלט אויפשטעלען, צוגעהן צו די לומדים און ערקלערען, ווי אַזוי מען דאַרף פערשטעהן יענעם שווע־רען אָרט, אָבער ער האָט זיך באַלד צוריקגע־האַלטען און איז געבליבען זיצען ווי פריהער.

— ניין, מען דאַרף נישט, — האָט ער צו זיך אין דער שטיל גערעדט, — זאָלען זיי זיך אַרומרייסען און אפילו פּאַטשען — נישט מיין עסק! ס'איז דאָך נישט קיין מחלוקת לשם־שמים, נאָר צוליב פּוסטער גאווה. איינער וויל דעם צווייטען מנצח־זיין און ווייזען דער וועלט, אַז ער קאָן בעסער לערנען.

מענדעל האָט זיך צוריק אַריבערגעבויגען איבער דער גמרא און געוואָלט ווייטער לערנען. ער האָט אָבער נישט געקאָנט. ער איז געווען איינגאַנצען אויפגעקאָכט. און זיך נישט געקאָנט בערוהיגען איבער די שאַרפע זלזולים, מיט וועל־כע זיי האָבען זיך בעוואָרפען.

נעבען מענדלען איז געזעסען אַ צווייטער בחור, הירש, האָט ער געהייסען, האָט דערזעהנדיג הירש בעמערקט, ווי מענדעל איז מלא־כעס אויף יענע דאָרט, וואָס שטערען איהם אין לערנען, האָט יער אַ פּאַטש־געטהון איבער דער גמרא און גענומען אַריבערשרייען אויף אַ קול:

— אפשר וועט איהר אַ ביסעל שטילער ווע־רען? וואָס איז דאָ אַ קרעטשמע? מען שטערט דאָך שוין הינטער די פענסטער! פע, נישט אַזוי איז מען זיך מתחבר אין לערנען! יאָך וואָס אַזאַ געשריי. אַזאַ געפּילדער. אַזאַ ...

(ענדע אויף זייט 7)

אפרים קאגאנאווסקי

די מאָדערנע פרוי

די דיסקוסיע האָט זיך לאַנגזאַם געקנוילט אַרבער'ן לאַנגען, ענג־בעזעצטען טיש פונ'ם פענסיאָנאַט. מען האָט גערעדט וועגען ליבע, וועגען מאַן און ווייב, און שליסליך, וועגען דער נייער פרוי, דער זעלבסטשטענדיגער פרוי, וואָס האָט זיך „בעפרייט פון דער קנעכטשאַפט"...

אין דרויסען איז געשטאַנען אַ טונקעלער אָזענע, אַ שטורעמדיגע און אונהיימליכע [illegible] טערניש, ווי עס טרעפט אין די לעצטע זומערוואָכען, ווען די היימישע מילדע קוראָרט־נאַטור נעהמט מיטאַמאָל אָן אַ פרעמדע שטרענגקייט צו די קליינע, פרעמדע נאַרישע מענשען.

אין דעם קלינגערי פון גאָפּעל און מעסער, פון טעלער און גלעזער, האָט זיך געוויגט אַ רעש. עס זענען געווען כמעט בלויז ווייבער. מ'האָט קוים אַרויסגעזעהן די עטליכע געצעהלטע מענער, וואָס האָבען, צוליב די קאַלירטע סוועטערס און די פערשאַרצטע אַרבעל, אויך אויסגעזעהן ווי ווייבער...

אין דער שפּיץ פונ'ם געשפּרעך זענען געשטאַנען איינע אַנ'עלטערע פרוי, מיט אַ גרויסען שווערען קערפּער, מיט שווערע, שוואַרצע מענערישע אויגען און גראָבע, שווערע, טונקעלע ליפּען; די צווייטע — אַ הויכע, אַ דאַרע, מיט אַ בלייך נערוועזע מויל, האָט אַלע איבערגע'חזר'ט עפּעס אַ געשניצט פרעמד וואָרט, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגען איבער'ן רעש'ינען זאַל, ווי אַ גרויסע, ושומענדיגע ביהן, — דאָס וואָרט „קאַפּיטאַ" איז געפאַלען פון מויל צו מויל. אַ געדיכט, פעט ווייבעריש געלעכטער, און איבער אַלעם האָט זיך געטונקעלט די שטוב פון דער שווערער עלטערער פרוי:

— די שוואַכע פרוי וועט זיך בעפרייען פונ'ם יאָך...

די מענער האָבען גע פּרובט אַריינשטעלען ווערטלעך מיט וויצען, אַלטע, פערשלעפּטע פון טעאַטער־קופּלעטען, פון דער סוחר'ישער גאַס, צווידייטיגע ווערטלעך וועגען ווייבער. עס האָבען זיך אַרויסגעריסען ראַציגע געלעכטער און סיסען. עמיצער האָט געקלאַפּט איבער'ן טיש ביטמיש, שווער און אַהן אויפהער:

— ש—שאַ... די אינזשיניעראָווע האָט דאָס וואָרט...

די בלייכע, לאַנגע פרוי מיט די לאַנגווייליגע, העלע, גלייכע האָר, האָט געעפענט איהר נערוועז, טרוקען מויל:

— פּראָשען פּאַנסטווא... [illegible], פרוען, [illegible] דעם [illegible] פון [illegible]... די אַרבייטענדע פרוי, [illegible], אַ מוטער און אַ געזעלשאַפטליכע אַרבייטערין, שטעהט אין קאַמף פאַר דער גלייכבערעכטיגונג, פאַר דער [illegible] בעפרייאונג... מיר וועלען מעהר נישט זיין קיין ליאַקעס פאַר די מענער צוליב זייער „פּשיעמנאָשטש"...

די ווייבער האָבען אויפגעהויבען אַ ווילדען רעש און אַ קלאַפּערי... אַ פערקריטטע וואַנ(?) האָט זיך צעזאָסען אויף זייערע פּנים'ער. זיי האָבען אויפגעריסען די רויטע אָנגעשמירטע ליפּען און זייערע נאַקעטע הענד און האַלב־נאַקעטע ביוסטען האָבען זיך געוויגט אין אַ משונה'דיגען ווירוואַר:

— זי רעדט גוט...

— הלוואי וואָלטען אַלע פרויען אַזוי געווען...

— „נאָוואָטשעסנאַ קאָביעטאַ"...

די מענער זענען שטיל געוואָרען. דער פעטער, רעשינער, לעכערליכער אויפשטאַנד פון די צערעשטע ווייבער האָט אַרומגעלעגט אַרום זיי אַ פרעמדקייט.

עס האָבען גערעדט נאָך אַנדערע פון די פענסיאָנאַט־דאַמען. אַ היסטעריש אַלט פרייליין האָט מיט ספּאַזם־קוויטשען אויפגעוויזען, אַז די פרוי אַליין איז שולדיג אין איהר לאַגע דערמיט, וואָס זי האָט אַ פוסטען קאָפּ, וואָס זי קלערט נאָר וועגען דעם, ווי אַזוי צו געפעלען דעם מאַן... מיר ווילען נישט מעהר זיין קיין שפּילעכלעך, מיר ווילען נישט מעהר געפעלען דעם מאַן...

איהר קראַנקהאַפט, געל מויל האָט זיך אויסגעדרעהט ווי ביי אַ הונד, וואָס וויל בייסען. די ווייבער האָבען זי נישט אונטערגעהאַלטען, אָנגעומעט האָט זיך מיטאַמאָל אַריינגעלעגט אין דעם רעש, די ווייבער האָבען זיך אויפגעהויבען פונ'ם טיש, און די עטליכע מענער האָבען זיך אַ וואָרף געטהון, זיי העלפען דורכגעהן, זיך אויפזעצען, אַרויסגעהן פונ'ם עס־צימער. דער עולם איז זיך צעגאַנגען אין פערשידענע ווינקלען. צווישען פון דער דיסקוסיע האָבען זיך נאָך נאָכגעשלעפּט, און די עלטערע שוואַכע פרוי האָט איצט, רויכערענדיג אַ פּאַפּיראָס און בלאָזענדיג רעש'יג דעם רויך, ווי אַ מאַן, גערעדט מיט די הויפּט־רעדנערינס. זיי האָבען זיך אויסגעזעצט אינ'ם פערוויילונגס־צימער אַרום קיילעכיגע טישען, דער ראַדיאָ האָט געהודזשעט, עפּעס אַ גודנער באַריטאָן האָט געזונגען אָהן אויפהער. די עטליכע מענער זענען פערשוואונדען. געבליבען זענען דאָ נאָר די צוויי עלטערע מענער, וואָס האָבען כסדר געשפּילט אין שאָך. זיי זענען געזעסען ווי טויטע פליגען, צוגעקלעבטע צום שאָך־טישעל און האָבען נישט בעמערקט, וואָס עס טהוט זיך אַרום.

דאָ, ביי דעם קיילעכיגען טיש פון דעם פערווייל־צימער, האָט מען שוין גערעדט וועגען קליידער, וועגען מאָדעס, וועגען אַנדערע קוראָרטער, וואו ס'איז פרעהליך, וואו עס איז דאָ אַ „עלעגאַנטסקע געזעלשאַפט", וואו ס'איז דאָ „וואו צו געהן", און מיטאַמאָל האָט זיך די עלטערע שווערע פרוי אַ כאַפּ־געטהון:

— וואו איז די אינזשיניעראָווע?

— זי איז אַרויס שפּאַצירען...

— ווידער מיט דעם הויכען?

— ווידער מיט דעם הויכען!

די ווייבער האָבען צונגעבויגען די קעפּ און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטיל, סיסענדיג פליסטערן.

— ער האָט אַ פרוי מיט צוויי קינדער...

— און אַ רייכער מענש...

— ער האָט צוויי געשעפטען...

— און נישט קיין מיאוס'ער...

— דאָס ווייב ווייסט געוויס נישט, וואָס דאָ טהוט זיך...

— מ'זאָלט איהר געדאַרפט געבען צוזיסען...

— פאַרוואָס האָט זי איהם אָבגעלאָזט אַליין?..

— אַזאַ זאַך טהוט מען נישט...

— מען טאָר זיי אויף קיין איין מינוט נישט אָבלאָזען...

— ווי די הינד איז אַ קיום דאַרף מען זיי האַלטען!...

— און קיינער האָט נישט בעמערקט, וואָהין זיי זענען אַוועק?!...

— טייערע אינזשיניעראָווע... יעדען אָוונד גנב'ענען זיי זיך אַוועק... איך האָב זיי שוין איינמאָל געכאַפּט אין דער אַלטאַנקע... כ'האָב אַליין געזעהן...

— מיר דאַרפען זיך אַלע שעמען...

— און וואָס האָט ער עפּעס געכאַפּט גראָד [illegible]?..

— נו, ווייל זי איז סאַקע שען...

— וואָס הייסט שען? מיט דער לאַנגער נאָז און מיט די נאַרישע ווייסע ציין... איך קאָן שווערען, אַז זי איז שוין אַלט אַ פאָר און פערציג יאָהר.

— ניין, זי זאָגט, אַז זי איז אַלט אַכט־און צוואַנציג....

— נו, און איהר גלויבט איהר?

— זי מוז זיין ביי איהם אין צימער, ווייל זעלכע שעמט זיך נישט...

— מען וואָלט געדאַרפט זיך דערוויסען...

— אפשר וועלען מיר געפינען אַ מיטעל זיי צו שטערען...

דאָס פרייליין וואַנדאַ מיט די שוואַרצע קורצע האָר, וואָס האָט לאַנג געוואוינט אין פּאַריז, האָט זיך פּלוצלינג אָנגערופען:

— פאַרוואָס זאָלען מיר זיי שטערען?... אפשר האָט זי איהם ליב?... פונוואַנען קאָנען מיר ווייסען, וואָס עס טהוט זיך אין איהר האַרץ?...

אַ הילכיג, קוויטשיג, נאַקעט געלעכטער האָט זיך אַ גאָס־געטהון:

— ליב... כאַ־כאַ־כאַ! ליב. וואָס הייסט: זי האָט איהם ליב?...

דאָס געלעכטער האָט זיך געוויגט די ווייבער האָבען געהויבען די שווערע פיס און זיך אָנגעכאַפּט פאַר די בייכער, און אַ קליינע, בלאָנדע פרוי, וואָס בעקומט אַלע טאָג בריף פון איהר שעף, האָט זיך אָבגערופען:

— זעען מיר, „נאָוואָטשעסנע" פרויען, זאָלען זיך פערנעהמען מיט ליבע — וואָלטען מיר גוט אויסגעזעהן!

און באַלד האָט מען גערופען די „פּאַקאָיובקע" יאַדזשאַ, און אַלע ווייבער האָבען איהר געגעבען צו פערשטעהן, ווי אַזוי זי דאַרף אויסגעפינען, צי ביי דעם הויכען פאַן אין צימער געפינט זיך די פרעמדע פרוי.

די פּאָקאָיובקע איז געגאַנגען ווי כאַפּען, און די ווייבער האָבען געוואַרט מיט קלאַפּיגע הערצער, מיט אַרויסגעזעצטע אויגען און אַ פול האַרץ שלעכטס און קנאה...

די טאָמאַשאָווער חברים

)שלוס פון זייט 6(.

הערש האָט געוואָלט זאָגען נאָך אַ פּאָר ווערטער, אָבער ער איז פערשטומט געוואָרען אין מיטען. חברה לומדים האָט זיך געפיהלט בעליידיגט פון זיין מוסר־זאָגען און זיי האָבען איהם בעוואָרפען מיט די תהלים'לעך, וואָס זענען געלעגען אויף די טישען. טייל האָבען פון די קעפּ אַראָבגעכאַפּט די היטלען אָדער די קאַפּלען און געשליידערט אין איהם. האָט דאָס אַלץ געטראָפען הערש'ען און ער איז געוואָרען אַזוי צעמישט אַז ער האָט פערלוירען דאָס לשון און זיך געמוזט בעהאַלטען אונטער'ן טיש.

די תהלים'לעך מיט די היטלען און קאַפּלען האָבען אויך געטראָפען מענדלען אין קאָפּ אַריין, ווייל ער איז דאָך געזעסען נישט ווייט פון זיין חבר הערש. האָט שוין מענדעל נישט געקאָנט שווייגען און, אַרויפשפּרינגענדיג אויף דער באַנק, אויפ'ן זעלבען אָרט, וואו ער איז פריהער געזעסען, האָט ער זיך גענומען אָבּרעכענען מיט דער לומדישער חבריה:

— איהר קאָנט שוין געהן. שוין גענוג געלערנט. אינדערהיים וואַרטען שוין אויף אייך פיינע סעודה'לעך. די ווייבער אייערע שטעהען שוין הינטער די פענסטער. זיי קוועלען־אָן פון אייערע קולות און פון אייער רייסען זיך ביי די קעפּ. זיי זענען מקבל תענוג און וואַרטען אויף אייך איהר זאָלט אהיימגעהן עסען נאָך דער שווערער פּראַצע. סיי־ווי־סיי ווייסט איהר אַלע אַ בייזע קרענק, פאַרוואָס איהר שלאָגט זיך דאָ אַרום. פאַר די ווייבער האָט איהר שוין יוצא געווען און איהר קאָנט שוין אַהיימגעהן נאַכ'ן ירידה. געהט, נעהט, וועט אין בית־מדרש אַ ביסעל שטילער ווערען. איהר לערנט דאָך פאַר די ווייבער, האָט איהר שוין גענוג!

אויף אַזעלכע ווערטער האָבען זיך די לומדישע יונגעלייט נישט געריכט. זיי זענען אַרויס פון די כלים און ערשט אויף אַ רעכטען אמת זיך אַ נעהם־געטהון צו מענדלען. זיי האָבען איהם אויפגענערט הינטער די טישען, צוגעלאָפען מיט זיי צום כיור, אַריינגענאָסען אין זיי וואַסער און גענומען הויבען דעם באַרג היטלען, וואָס האָט זיך געוואַלגערט. מענדלען ווי גרויס ער איז, אַזוי אַז מענדעל איז געוואָרען אינגאַנצען נאַס און דורכגעווייקט פון קאָפּ ביז די פיס. דאַן האָבען זיי אין איהם אַריינגעהאַגעלט קלעפּ און, פּויקענדיג איבער זיין דאַרען, אויסגעצוואַגענעם גוף, אין איהם אַריינגעשריגען מיט הייס־אָטעמדיגע מיילער:

— דאָ האָסטו פאַר דיין עזות'קייט, דו אַרצישייגעץ, דו גראָבער־יונג! נאָכאַמאָל וועסטו שוין וויסען, נישט אַנצוהויבען מיט אונז, דו עם־הארץ איינער!

מענדעל האָט קיין קרעכץ נישט געטהון. ער האָט זיך אפילו נישט אַנטקעגענגעשטעלט און נישט געוועהרט זיך. ער האָט מקבל־באהבה געווען אי דאָס וואַסער־גיסען, אי די קלעפּ. ער האָט די לומדישע באַליאַכטערע אָנגעקוקט מיט אַ בּיטול־שמייכעל און בלויז געזאָגט צו זיי:

— וואָס, איהר זענט שוין רשעים אויכעט? איהר האָט דאָך מסתמא געלערנט, אַז „המרים יד, נקרא רשע" — וואָס־זשע זאָגט איהר איצטער דערויף?

דער שמייכעל מענדעל'ס האָט זיי ווי אָבגעבריהט און זייערע ווערטער האָבען זיי אַזוי שטאַרק זדערצערנט, אַז זיי זענען צו איהם צוגעפאַלען מיט נאָך מעהר רוגזה. מענדעל האָט שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטען, האָט ער זיך אויסגעגליטשט און אַרונטערגעקוילערט זיך אונטער'ן טיש, וואו ס'איז געלעגען זיין חבר הירש. דאָרט האָט איהם הירש אַרומגעכאַפּט, איהם פעסט אַריינגענומען אין זיינע אָרעמס און אונטערגעשטעלט זיינע פּלייצעס. מענדעל האָט זיך דאָרט געאַמפּערט מיט הערש'ן, ער זאָל איהם לאָזען אויסשטעלען זיינע פּלייצעס פאַר די קלעפּ, אָבער הערש האָט איהם נישט געהאָרכט און ער האָט אָפּגערנעשריגען צו דער חברה:

— שלאָגט בעסער, שטאַרקער! נישקשה, הערש האָט געזונדטע פּלייצעס. שלאָגט מיך, נישט מענדלען! איך בין שולדיג! איך בין דאָך דער ערשטער, וואָס האָט אייך געזידעלט!

דערהערענדיג אַזעלכע ווערטער, האָט די חבריה אויפגעהערט. די הענד זענען זיי געוואָרען ווי געלעהמט. זיי זענען נשתומם געוואָרען און נישט געקאָנט זיך צוגלויבען צו הערען אַזעלכע רייד פון הערש'ען. אַ טייל האָבען זיך אַראָבגעבויגען, און ווען זיי האָבען זיך איבערציינט, אַז דאָס זענען טאַקע הערש'ס פּלייצעס, וועגען די שלעגערס דערציטערט געוואָרען און זיך נישט געקאָנט פאַרשטעלען, אַז דיזאָזיגע צוויי בחורים זאָלען זיך זיין אַזוי איבערגעגעבען, אַז איינער זאָל זיין בכח זיך מוסר־נפש צו זיין פאַר'ן צווייטען. זיי האָבען זיך פּשוט פערשעמט פאַר אַזאַ איבערגעגעבענער חבר'שאַפט און זענען געבליבען שטעהן צעטומעלט פון גרויס איבעראַשונג.

און הערש האָט באמת מציל געווען מענדלען. ווען נישט הערש — ווער ווייסט, צי מענדעל וואָלט אַ לעבעדיגער אַרויס פון חבריה'ס הענד, אַזוי זפערביטערט זענען זיי געווען אויף מענדלען דערפאַר, וואָס ער האָט זיי אַזוי שאַרף אַריינגעזאָגט.

די לומדישע כנופיא האָט זיך פאַר בושה באַלד אַוועקגעשאַרט און זיך גיך אָבגעטראָגען צו זייערע טישען. אָבער דעם פּילפּול־שמועס האָבען זיי שוין מעהר נישט געצויגען. ס'האָט שוין לאַנג נישט געדויערט און זיי זענען אַוועק אַהיים עסען וויעטשערע.

ערשט דעמאָלט זענען מענדעל מיט הערש'ען אַפּערגעקראָכען פון הינטער'ן טיש און זענען אַריין אין קאַרץ (אַ הינטער־שטוב פון בית־מדרש).

דאָרט האָט זיך הערש אויסגעטהון כמעט נאַקעט און מיט געוואַלד אַרויפגעצויגען זיינע קליידער אויף מענדלען, וועלכער איז געווען אינגאַנצען דורכגענעצט פון וואַסער. הערש האָט אָנגעטהון מענדעל'ס נאַסע מלבושים און געשמייכעלט, זאָגענדיג, אַז זיי וועלען זיך אויסטריקענען אויף איהם, ווייל זיין גוף איז הייס פון די טרוקענע קלעפּ.

מענדעל און הערש זענען שוין אַזוי געבליבען לערנען אין קאַרץ אַ גאַנצע נאַכט. און נישט בלויז יענע נאַכט. מענדעל האָט גענומען אויף זיך, אַז מעהר געהט ער נישט אין בית־מדרש. ער וויל מעהר נישט קענען די לומדים און הערען זייערע תורה־שמועסען, וואָס זענען פול מיט גאווה און מיט אַ ווילען מנצח צו זיין...

הערש איז פונדעסטוועגען יאָ אַריינגעגאַנגען אין בית־מדרש, אָבער מענדעל'ס פיס האָבען זיך שוין נישט אַרויסגעריהרט פון קאַרץ. ער איז געזעסען דאָרט טאָג און נאַכט און געלערנט, אָדער האָט גאַנצע שעה'ן אַרומגעשפּאַנט אַרויף און אַראָב פערזונקען אין טיפע מחשבות. אָבער סיי ביים לערנען, סיי בעת'ן אַרומשפּאַנען, האָט מען מעהר נישט געהערט פון איהם ווי אַ שטיל־שניידענדיג ברומען, וואָס איז געווען ענליך צום ברומען פון אַ לייב, וואָס גרייט זיך אָט־אָט אַרויסצולאָזען אַ געשריי...

דאָס געשריי איז אָבער נישט געקומען... עס זהאָט אַזוי געדויערט יאָהרען און אין קאַרץ איז זאַלץ שטיל געווען, אַזוי אַז מען האָט קוים געהערט פון דאָרט אַ שאָרך...

די גוטע קעפּ, די שאַרפע למדנים האָבען זיך ווענינג־וואָס געקימערט, וואָס מענדעל מיידט זיי זאויס. ס'איז פאַר זיי נישט געווען קיין גרויסער אומ'כבוד, וואָס מענדעל זיצט נישט צוזאַמען מיט זיי און לערנט נישט בחברותא אין בית־מדרש ווי פריהער. זיי האָט נאָר פערדראָסען, וואָס הערש קלעפּט אַזוי אַלץ אינאיינעם צו מענדלען און זיצט אַפּטמאָל אפילו גאַנצע טעג און נעכט אין פינסטער'ן, דומפּעם און ענגען קאַרץ צוזאַמען מיט מענדלען...

כאָטש מיט הערש'ן האָבען זיך די מיוחס'דיגע לומדים אויך נישט אַזוי שטאַרק געצאַנקעט, נישט געהאַלטען איהם פאַר זייערס גלייכען — פונדעסטוועגען פלעגען זיי זיך מיט איהם אָבגעבען און אויסרעדען אַמאָל צו איהם אַ וואָרט. דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס הערש איז תמיד געווען בשמחה, אויפגערוימט, שטענדיג געזאָגט אַ וויץ און אָפט טאַקע אַ גאָר שאַרפזיניגע הלצה.

שטענדיג, נאָכ'ן אָבלערנען אַ שעה'ן־לאַנגען שיעור און פאַר'ן צוטרעטען צו אַ צווייטער נייער סוגיא, האָבען די לומדישע יונגעלייט און בהורים געמאַכט אַ שטיקעל הפסקה. און כדי אַ ביסעל צו צעשטרייען זייערע אָנגעשטרענגטע געמיטער, האָבען זיי גענומען איינ'טענה'ן מיט הערש'ען, וועלכער האָט זיי געוויילט מיט זיינע קלוגע ווערטלעך און דערצעהלט זיי אויף אַ זמוסר־השכל מעשה'לעך, אין וועלכע ער האָט אַריינגעלעגט פערשידענע רמזים און אַזוי־אַרום אַ טשעפּע־געטהון דעם אָדער יענעם וואויל־לערנער, וואָס רעדט־זיך־איין, אַז מיט זיין מחדש־זיין אַ פּשט'ל, בעשאַפט ער נייע וועלטען...

הערש האָט דאָס אַלץ געזאָגט מיט אַזאַ מילדען, בע'טעם'טען שמייכעל, אַז אפילו דער, אויף וועמענס חשבון ער האָט דערלאַנגט דעם דרך־זאַגב'דיגען שמאָך, האָט אויך מיטגעלאַכט און זיך זגעמאַכט גלייך ווי נישט איהם מיינט מען...

(סוף קומט)

א פערטעל יאהר־הונדערט

)ענדע פון זייט 8(.

אויסרעכענען? ביי אַזאַ שפע וואָלט פּרץ שוין אפשר געשטימט אויך פאַר דער ערשטער רעוואָלוציע, אַז יודיש איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך.

די יודישע פרעסע אין רוסלאַנד און אויך אין אַמעריקאַ (אויסער דער „פאָרווערטס", וועלכע האָט זיך צו דער קאָנפערענץ בעצויגען שיעה נישט סימפּאַטיש) האָבען אויפגענומען די רעוואָלוציע מיט גרויס ביטול, שיער נישט חוזק געמאַכט פון איהר, ווי, למשל, ש. יאַצקאָן, דער רעדאַקטאָר פון „היינט", אַ העבּראַיסט, וואָס יודיש איז דאַן פאַר איהם געווען אַ סעלקקוית. זיי האָבען אָבער דאַן געלאַכט מיט יאַשטשערקעס. ביי די מאַסען און בעסערער אינטעליגענץ האָט די רעזאָלוציע אַרויסגערופען פרייד און בעגייסטערונג. די יודישע ליטעראַטור האָט נאָך מעהר אויפגעלעבט, זיך צעוואַקסען פון טאָג צו טאָג; עס האָבען אָנגעהויבען דערשיינען אַלערליי זאַמעלביכער פון די יונגע, און די „עלטערע" זענען אויך פערכאַפּט געוואָרען מיט זייער שטראָם. אַזוי האָט הלל צייטלין אין די יוגענטליכע זאַמעלביכער „נייע־צייט" גענומען אַ טיכטיגען אַנטייל, שוין שיער נישט ווי אַ יודישיסט, האָט שוין געשריבען זיינע ליריש־פילאָזאָפישע עסייען אין יודיש און נישט דווקא אין העבּראַיש.

בעל־מחשבות האָט אין ד"ר בירנבוים'ס וואָכענשריפט אָנגעשריבען אַ זעהר פּאַטעטישען אַרטיקעל וועגען יודיש און עספּעראַנטאָ. דאַן האָבען די עספּעראַנטיסטען אויך געהאַט ערגעץ וואו אַ קאָנפערענץ, און די אַנאַלאָגיע, וואָס בעל־מחשבות האָט געמאַכט צווישען די ביידע קאָנפערענצען, איז געווען ריהרענד מיט איהר פּאַטאָס און ניכטערקייט. בעל־מחשבות, כלומר'שט אַ ציוניסט, האָט אָבער געהאַט גענוג געזונדטען חוש פאַר יודיש און פאַר איהרע רעכט.

לייענט „אונזער עקספּרעס"

אַבֿרהם רייזען

פערטעל יאָהר־הונדערט

ליטעראַרישע ערינערונגען פון איראָפּא און אַמעריקא פון דערשלום־צייט אין מלחמה־יאָהרען

(סוף פון צווייטען קאַפּיטעל)

איז דרעזעלבער צייט איז אַראַנזשירט געוואָרען אין טשערנאָוויצער שטאָדטישען טעאַטער אַ ליטעראַרישער אָוונד לכבוד די געסט, די יודישע שרייבער. אויף דעם „אָוונד" זענען אַרויסגעטרעטען מיט פאַרלעזונגען: פּרץ, אַש, נאָמבערג און איך; מיט רעדעס: זשיטלאָווסקי און ד"ר בירנבוים. אויף דעם אָוונד זענען געקומען די „פּני", די אינטעליגענץ פון טשערנאָוויץ, שוין נישט־רעדענדיג פון די יודישע מאַסען, וועמענס יום־טוב עס איז געווען. דאָס טעאַטער איז געווען געפּאַקט. מיר, אָנטיילנעהמער, האָבען זיך געפונען הינטער די קוליסען און זענען אַרויסגעטרעטען פאַר'ן פּובליקום איינציגווייז, לויט דער פאַרשטעלונג פונ'ם פאָרזיצער. איך געדענק נישט, לײַדער, ווער דער פאָרזיצער איז געווען. ווי מיר דאַכט, ד"ר ח. זשיטלאָווסקי. צום בעדויערן האָבען מיר זיך אין אונזערע פאַרלעזונגען נישט שטאַרק אויסגעצייכענט. הגם דאָס פּובליקום, וואָס איז געווען זעהר יום־טוב'דיג געשטימט, האָט יעדען פון אונז ענטוזיאַסטיש אויפגענומען. פּרץ האָט, ווי אויף צו להכעיס, פאַרגלעזען עפּעס אַ שוואַכע זאַך. שלום אש האָט זיך דעמאָלט אַרומגעטראָגען מיט דער אידעע איבערצוזעצען דעם תנ"ך אויף יודיש — ער האָט אפילו וועגען דעם אַ רעפעראַט געלייענט און האָט אַליין דאַן פאַריודישט „רות". די איבערזעצונג איז מסתם געווען אַ גוטע, אָבער פאַרלעזען פאַר אַן עולם „רות" האָט קיין זין נישט געהאַט. אש האָט אָבער דווקא „רות" געוואָלט פאַרלעזען... דאָס פּובליקום האָט געדריקט מיט די פּלייצעס: וואָס עפּעס אין מיטען דערינען רות?... עס איז דאָך שוין אַ שטיק נאָך שבועות... עס האָט שוין געזאָלט זיין באַלד סוכות, וואָלט זיך אפשר בעסער געפּאַסט „קהלת"... וואָס נאָמבערג האָט פאַרגעלעזען, געדענק איך נישט... אָבער קיין גרויסער פאַרלעזער איז ער אויך נישט געווען. איך אַליין האָב אויך נישט שטאַרק פעררייכט די מערכה. איך האָב פאַרגעלעזען איניגע לידער, און ווער געדענקט, צי איך האָב גוט, צי שלעכט געלייענט.

ליבעל טויביש, אַ מיטגליד פון דער קאָנפערענץ, וואָס האָט דעמאָלט געוואוינט אין טשערנאָוויץ, אַ הייסער יוד מיט אַ שטאַרקען חוש פאַר פאָלקסטימליכקייט און איבערהויפּט אַ גרויסער חסיד פון ד"ר נתן בירנבוים — האָט געפיהרט דעם אָוונד, ווי די קאָנפערענץ בכלל. אַ הויכער יוד, מיט אַ גוטמוטיגען אויסדרוק אויפ'ן איידעלען, געקנייטשטען פּנים, האָט ער זיך שטאַרק געזאָרגט, וואָס דער „אָוונד" אין שטאָדטישען טעאַטער האָט נישט געהאַט דעם ע־פאָלג, וואָס ער האָט דערוואַרט. אַזוינע פיר לייבען — האָט ער גע'טענה'ט, — מיינענדיג מיט די לייבען פּרצ'ן, אש'ן, נאָמבערג'ן און מיך, צי זשיטלאָווסקי'ן — און קיינער פון זיי האָט נישט געגעבען דעם פּאַסיגען ברום... האָבען מיר געוואָרפען די שולד אויפ'ן פּובליקום, וואָס איז נאָך נישט ראוי צו פערשטעהן יודישע ליטעראַטור. עס הייסט אָבער נישט, אַז דער ליטעראַרישער אָוונד האָט געליטען אַ דורכפאַל... דאָס פּובליקום איז סיי־ווי־סיי געווען צופרידען. אויב זיי האָבען נישט אַלץ פון דעם וואָס מיר האָבען פאַר זיי פאַרגעלייענט בענומען, האָבען זיי אָבער דערפיהלט די קראַפט פון נייעם יודישען וואָרט.

אויף מאָרגען איז די קאָנפערענץ פאָרטגעזעצט געוואָרען. אויף די פעררהאַנדלונגען זענען אויך געקומען געסט, טשערנאָוויצער יוגענד, פיל אַרבייטער און אַרבייטער־פיהרער, אָבער אַ צאָהל אויך פון די ציוניסטען און העברעאיסטען. פון זיי, פון די ציוניסטען און העברעאיסטען, האָבען מיר טיילמאָל געהאַט אונאַנגענעהמליכקייטען. — פּרצ'עס אַ רעדע האָט איינער פון זיי איבערגעריסען מיט אַ בעליידיגענדיגען וואָרט. עס איז געוואָרען אַ טומעל — פּרצ'ן בעליידיגט! מען האָט דעם בעליידיגער געוואָלט בעזייטיגען, אָבער פּרץ האָט נישט דערלאָזט דערצו. אויך האָט זיך צווישען די דעלעגאַטען געפונען איינער, אַ העברעאישער לעהרער, אַ יוד פון גאַליציע, וואָס האָט זיך געקלינגט און זיך אָנגעגעבען, אַז ער גלויבט אין יודיש (אַנדערש האָט מען נישט געקאָנט אָנטיילנעהמען אין דער קאָנפערענץ). — געהמט דעראַזיגער לעהרער, צי מלמד — ער איז געגאַנגען אָנגעטהון אין אַ „היטעלע" און אין אַ לענגליכער קאַפּאָטע — אַ וואָרט, און עס ווייזט זיך גאַר אַרויס, אַז ער איז אַ שונא פון יודיש. יודיש רופט ער „זשאַרגאָן" און שיט פעך און שוועבעל פון דער טריבונע אַראָב... דערהערט אַזעלכע רייד, בין איך אויפגעשפרונגען פון מיין אָרט, כ'בין אַרויף אויף דער טריבונע און אַ בעשריי־געטהון: פיהרט איהם אַראָב פון דער טריבונע, ער איז אַ פּראָוואָקאַטאָר! געשריגען האָב איך ווילד. דעראַזיגער יוד האָט געקאָנט אויפרעגען דעם רוהיגסטען געמיט, בפרט מיך. דער יוד האָט נעבעך געמוזט אַראָב פון דער טריבונע און מעהר האָט ער שוין קיין אָנטייל אין דער קאָנפערענץ נישט גענומען.

קאָן זיין, אַז איך בין צו־שאַרף געגען איהם אַרויסגעטרעטען, אָבער ווען ער וואָלט געווען איינער פון די געסט, נישט קיין מיטגליד פון דער קאָנפערענץ, וואָלט איך איהם פאַרגעבען. עס האָט מיר שטאַרק אויפגערעגט דער פאַל, וואָס ער האָט זיך אָנגעגעבען אַלס אַ פריינד פון יודיש, אַנדערש, ווי געזאָגט, וואָלט ער, לויט די סטאַטוטען פון דער קאָנפערענץ, נישט געקאָנט זיין קיין מיטגליד און אָנטיילנעהמען אין די פעררהאַנדלונגען — און אָט איז ער גאָר אַ שונא. הייסט עס, אַז ער איז גאָר געקומען פּראָוואָצירען — אַזאַ האָט שוין געקאָנט צעשטערען די גאַנצע אַרבייט פון דער קאָנפערענץ. האָט טאַקע קיינער פון די אָנטיילנעהמער אויף מיר קיין פאַראיבעל נישט געהאַט פאַר מיין צו־שאַרפען אַרויסטריט געגען דעם העברעאישען יודען.

אָבער גרשון באַדער, וואָס איז געקומען אויף דער קאָנפערענץ פון לעמבערג אַלס קאָרעספּאָנדענט פון ניו־יאָרקער „טאָגעבלאַט", האָט אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון דער קאָנפערענץ מיך דערפאַר שטאַרק „בעשריבען" און דערצעהלט פאַר די לעזער פון „טאָגעבלאַט", אַז איך האַלט זיך אויף דער קאָנפערענץ זעהר ווילד. אפשר איז ער פון זיין שטאַנדפּונקט געווען גערעכט.

אַ צווייטען מאָל האָב איך געראַטעוועט די סיטואַציע, ווען עס זענען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען דריי־ערליי רעזאָלוציעס און זיי זענען איבערגעגעבען געוואָרען אין אַ קאָמיסיע צו בעאַרבייטען. די קאָמיסיע האָט געזאָלט בעשטעהן פון פינף. ביים קלייבען דיזאַזיגע צאָהל פאַר דער קאָמיסיע, האָב איך דערזעהן, אַז מיך נעמט מען. איך האָב זיך אפילו געטרייסט, אַז אסתר פרומקין איז אַריין אין דער קאָמיסיע, וועט שוין גוט זיין. אָבער דאָך, טאָמער וועט זיין אַ מעהרהייט פאַר דער לעבליכער רעזאָלוציע — אַזאַ איז אויך געווען — איז דאָך אַלץ פערשפּילט, האָב איך זיך אַליין פאַרגעשלאָגען, צי נאָמבערג'ן געבעטען, און אַזוי בין איך אויך אַריין אין דער קאָמיסיע. די רעזאָלוציעס זענען געווען, ווי שוין בעמערקט, דריי־ערליי. איינע האָט, צווישען אַנדערען, געזאָגט, אַז יודיש איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך; די צווייטע, אַז יודיש איז אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך; די דריטע, די לעבליכע, האָט גע'דרש'נט, אַז אָנערקענענדיג די גרויסקייט און שענקייט פון העברעאיש, און נאָך און נאָך, גיבען מיר אָבער צו, אַז יודיש... מיט איין וואָרט, ווען דיזאַזיגע רעזאָלוציע נעהמט־דורך, וואָלט געווען גאַנץ טרויעריג פאַר יודיש. האָב איך שוין געשטעלט אַנטקעגען און זי איז שוין אינגאַנצען פערוואָרפען געוואָרען. אמת, ס'איז אויך נישט אָנגענומען געוואָרען, אַז יודיש איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך, נישט־קוקענדיג, וואָס איך און אסתר פרומקין זענען געווען פאַר אָט דער שאַרפסטער רעזאָלוציע. דורכגעגאַנגען איז אָבער די ג'־עזאָלוציע, אַז יודיש איז אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, אָבער וועגען העברעאיש איז שוין נישט דערמאָהנט געוואָרען.

ווען דיזאַזיגע רעזאָלוציע, אַז יודיש איז אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, איז פאַרגעלייענט געוואָרען אויף מאָרגען אינ'ם זאַל פון דער קאָנפערענץ פאַר אַ גרויסען עולם געסט און זי איז איינשטימיג (אויסער פּרץ האָט זיך אָבגעהאַלטען פון שטימען) אָנגענומען געוואָרען, איז אין זאַל אויסגעבראָכען אַ גרויסער אַפּלאָדיס פון די אַלע פריינד פון יודיש. איך און אַש זענען געפאַלען איינער דעם אַנדערען אויפ'ן האַלז און האָבען זיך פלאַמענדיג צעקושט.

לײַדער, האָט באַלד די פריידי מיינע פאַרשטערט אַ געוויין: אַ יונג, אָרעם בחור'ל, וואָס איז געזעסען צווישען די געסט אין דער ערשטער רייה האָט זיך שטאַרק און אויפריכטיג פונאַנדערגעוויינט...

איך בין צו איהם צוגעגאַנגען און מיט אַנטייל געפרעגט:

— וואָס וויינט איהר?

איך געדענק נישט, וואָס ער האָט מיר געענטפערט. אָבער זיין עהרליך געוויין האָט מיך טיף גערירט. און ביז וואַנען ער האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען און נישט אויסגעווישט די אויגען, בין איך פון איהם נישט אָבגעטראָטען. האָט ער מיך שוין אָנגעקוקט ווי אַ פריינד, געהמט־אָנטייל אין זיין לייד, און מיט אומעטיגע טריט, הגם שוין אַ בערוהיגטער און אַ צו זיך געקומענער, זיך געלאָזט געהן צום אַרויסגאַנג.

איך האָב זיך געטרייסט, אַז ער וועט אויך בעטראַכטען און וועט פערשטעהן, אַז קיין שלעכטס זענען מיר נישט אויסען געווען. אדרבא, מיר האָבען יודיש, די שפּראַך, וואָס ער רעדט, דערהויבען.

און זיכער בין איך, אַז אָט דער דערמאָהנטער יונגער, אָרעמער און עהרליכער בחור'ל פון גאַליציע איז, איצט אַ לעזער פון יודיש, דערמאָהנענדיג זיך אָן זיינע אַמאָליגע טרעהרען, שמייכעלט ער אויף זיין דעמאָלטיגער נאַיווקייט. בפרט אַז דאָס לשון־קודש האָט מען ביי קיינעם נישט אַוועקגענומען. די אָנגעזאַמעלטע אוצרות אין העברעאיש זענען געבליבען אַבגעהיט.

———

דער ליטעראַרישער אָוונד, וואָס איז פאַרגעקומען אין שטאָדטישען טעאַטער, האָט די טשערנאָוויצער יודישע מאַסען נישט צופרידענגעשטעלט. ערשטענס, האָט נישט יעדערער אַרבייטער געהאַט די געלעגענהייט צו בעזוכען די פאַרלעזונג — זי איז געווען צו רייך אַראַנזשירט און די בילעטען האָבען איינגעכאַפּט טאַקע די רייכערע; צווייטענס, האָט דאָס טעאַטער נישט געקאָנט אַריינגעהמען אַלע, וואָס האָבען געהאַט פערלאַנג אַזאַ „גראַנדיעזען" אָוונד צו בעזוכען, בפרט אַז פאַר טשערנאָוויץ איז עס ווירקליך געווען אַ גרויסע ליטעראַרישע פּאַסירונג.

אסתר פרומקין, וואָס אין דרעזעלבער צייט, וואָס זי האָט געהאַלטען אַ וואָך אין אַ וואָך אויף דער קאָנפערענץ, זי זאָל נישט אָנגענהמען, חלילה, קיין בורזשואַזע ריכטונג, און וואָס איך בין איהר געטרייער מיטהעלפער, כאָטש עפּענטליך בין איך מיט רעדעס זעלטען אַרויסגעטרעטען און האָב נאָך נישט געזאָגט און אפשר נישט געקאָנט האַלטען קיין רעדעס, ווי מיינע קאָלעגען אש און נאָמבערג — אסתר פרומקין האָט אין דרעזעלבער צייט, ווי אַ רעוואָלוציאָנערקע, און פיהרערקע פון „בונד" געשפּרייט פּראָפּאַגאַנדע צווישען די אַרבייטער־מאַסען. אין טשערנאָוויץ איז שוין דאַן געווען אַ גרויסע צאָהל בעוואוסטזיניגע אַרבייטער, וואָס האָבען גערעכנט צו דער „זש. פ. ס." (גאַליציישער בונד). האָט עס איהר פערדראָסען, וואָס דער אָוונד אין שטאָדטישען טעאַטער האָט געטראָגען אַ בורזשואַזען כאַראַקטער, און זי האָט בעשלאָסען צו פעראַנשטאַלטען אַן אָוונד ספּעציעל פאַר די אַרבייטער, אין פּראָלעטאַרישען גייסט. זי האָט זיך געווענדעט צו מיר און צו פּרצ'ן. אַוודאי האָב איך די איינלאַדונג אָנגענומען מיט פרייד. אויך פּרץ האָט זיך אָנגעכאַפּט.

— איך וויל בלויז עפּעס אַ מתנה צום אַנדענק, — האָט ער זיך ווי געבעטען... — אַ קליינינקייט, נאָר עפּעס צום אַנדענק.

ער איז שיער נישט געוואָרען סענטימענטאַל. ער איז, הייסט עס, נישט אויסען די נוצליכקייט פון דער מתנה, נאָר דאָס אָנדענקען פון אַן אַרבייטער־פאַרלעזונג... אין דעראַזיגער שיער נישט תמימות'דיגער בקשה האָט זיך פּרץ ענטפּלעקט מיט זיין גאַנצער ליבע צום אַרבייטער.

אסתר האָט איהם מיט שטראַהלענדיגע אויגען צוגעזאָגט... און ער האָט טאַקע בעקומען אַ מתנה. דאָס איז געווען אַ סיגאַרעטען־פּושקעלע, אַ בעזילבערטס, וואָס האָט אָנגעטראָפען נישט מעהר ווי עטליכע גולדען, אָבער מיט אַן אויפשריפט: „צו י. ל. פּרץ פון די יודישע טשערנאָוויצער אַרבייטער"...

פּרץ האָט זיך מיט דער מתנה געשפּילט און געצאַצקעט, אַלע פון זיינע מקורבים געוויזען, עס און ער האָט אַ גליקליכער געמורמעלט:

— אָט דאָס בין איך אויסען געווען: עפּעס צום אָנדענק. עס איז ביי מיר זעהר וויכטיג, זעהר אָנגעלעגט...

די אונטערנעהמונג אַליין האָט זיך אויך שטאַרק אויסגעצייכענט. פאַר די אַרבייטער האָט שוין פּרץ געלייענט זיין „באָנטשע שווייג", „דאָס שטריימעל", און דער אַרבייטער־עולם האָט איהם אויפגענומען מיט גרויס ענטוזיאַזם און יעדע זאַך רוישיג אַפּלאָדירט, ביז ענטציקונג. פּרץ האָט זיך געפיהלט זעהר גליקליך. נישט־קוקענדיג אויף זיין גאַנצען אויסערליכען אַריסטאָקראַטיזם, איז ער טיף אין האַרצען געווען אַן אַרבייטער־פריינד, אַ דעמאָקראַט, און צווישען אַרבייטער זיך געפיהלט אַמבעסטען.

אויך איך האָב זיך מיט מיין פאַרלעזונג פאַר די אַרבייטער שטאַרק אויסגעצייכענט. איך האָב פאַרגעלעזען איניגע דערצעהלונגען און אַ צאָהל לידער, און דער אַרבייטער־עולם האָט געפאָדערט נאָך.

צי האָבען אויך אַש און נאָמבערג פאַרגעלעזען, געדענק איך נישט גענוי.

סיי־ווי־סיי, דיזאַזיגע אַרבייטער־ליטעראַרישע אונטערנעהמונג, וואָס איז איבעריגענס פאַרגעקומען בייטאָג — עס האָט געמוזט זיין אַ שבת, צי אַ זונטאָג — האָט געטראָגען אַ שטאַרק סאָציאַליסטישען כאַראַקטער, ווײַבאַלד אסתר פרומקין איז געווען די פעראַנשטאַלטערין פון אָט דער וויכטיגער און פייערליכער אונטערנעהמונג.

זי אַליין איז געווען ענטציקט פון דעם ערפאָלג. האָט זי גלייך אָנגעשריבען אַ בעריכט וועגען דעראַזיגער אַרבייטער־פאַרלעזונג אינ'ם יודישען „סאָציאַלדעמאָקראַט" אין קראָקא און פייערליך בעשריבען מיט אַלע דעטאַלען די אַרבייטער־פאַרלעזונג אין טשערנאָוויץ; זי האָט שוין פאַר איין וועג געמאַכט קאָמפּלימענטען די אָנטיילנעהמער פאַר זייער יונגען און שענעם אויסזעהן, ווי אַזוי מיר האָבען מיט זיכערע טריט, יונג און מוטיג בעטראָטען די עסטראַדע... מיט איין וואָרט, זי האָט אונז געטיילט לויב פון דער פולער האַנד, הגם לויבען האָט מען זי נעדאַרפט. זי איז געווען די נשמה פון דעראַזיגער אַרבייטער־פאַרלעזונג, ווי זי איז בכלל געווען די נשמה פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. — נישט־קוקענדיג, וואָס זי האָט געהאַט אַזעלכע קאָנקורענטען ווי ד"ר זשיטלאָווסקי, פּרץ און אַש, האָט די שטאָדט טשערנאָוויץ בעוואונדערט אסתר פרומקין, וואָס איז אַזוי בעגאַבט אַלס רעדנערין, שריפטשטעלערין און פיהרערין.

איך בין זיכער, אַז טשערנאָוויץ געדענקט נאָך איצט די דעמאָלדיגע יונגע אסתר פרומקין, און די ראַדיקאַלערע שטאָלצירען, וואָס נאָך איצט איז אסתר פרומקין אין אַוואַנגאַרד פון די קעמפענדיגע יודישע אַרבייטער־מאַסען אין נייעם רוסלאַנד...

איך ווייס נישט, ווי איצט ביי די רומענער, אָבער טשערנאָוויץ אַמאָל איז געווען איינע פון די וואונדערליכסטע שטעדט. סיי מיט איהר אויסערליכקייט, סיי מיט איהרע מענשען און מיט איהר ליכטיגען הימעל, וואָס האָט זיך איבער איהר געשפּרייט. טשערנאָוויץ איז געווען אַ קליין פּאַריז, הגם קליין־פּאַריז האָט געהייסען וואַרשאַ. די הייזער, בפרט אין די הויפּט־גאַסען — אין שענעם סטיל, נישט בעזונדערס הויכע, אָבער ווייסע, ליכטיגע, פריידיגע... און אַ זון האָט טשערנאָוויץ פערמאָגט אַ מילדע, און שטראַהליגע, ווי־פיל איהר גלוסט אַליין, קיין איין וואָלקע. יעדער טאָג אין דער צייט — איבער אַ וואָך — וואָס מיר האָבען פערבראַכט אין טשערנאָוויץ, איז נישט געווען... לויטער זון און ליכט. קאַפע־הייזער האָט טשערנאָוויץ פערמאָגט ערשטקלאַסיגע, ווי אין ווין און אין פּאַריז. נאָמבערג האָט זיך מיט דעם גאַר מחיה־געווען. „רייזען, — האָט ער מיר אַמאָל אַ זאָג־געטהון, — איך טרינק שוין דאָ היינט די 6־טע קאַווע", און ס'איז ערשט געווען אַזייגער דריי בייטאָג... אָבער ס'איז געווען צייט אויף אַלץ. נאָמבערג האָט אפילו געפונען צייט דורכצופאָהרען טשערנאָוויץ אויף אַ ראָווער, וואָס אַ טשערנאָוויצער סטודענט, אַן אָנטיילנעהמער אין דער קאָנפערענץ, האָט פאַר איהם ערגעץ געקראָגען. פון דער רייזע אַרום טשערנאָוויץ אויף אַ ראָווער איז נאָמבערג געקומען שטאַרק בעגייסטערט. „רייזען, דו מוזט זיך אויסלערנען פאָהרען אויף אַ ראָווער... עס איז אַ פערגעניגען" — האָט ער מיר קאָנגעניאַל געראַטען... האָב איך שוין אין טשערנאָוויץ אויסגעזוכט אַנדערע פערגעניגענס. אויב אַן אָוונד איז געבליבען פריי פון דיסקוסיעס וועגען קאָנפערענץ־אָנגעלעגענהייטען, בין איך שוין מיט אַ חברה סטודענטען און מיט נאָמבערג'ן אַוועק „הוליען" אין די נאַסט־קאַפּעען און ווײַנרעסטאָראַנען. דער ווײַן איז דאָרט געווען אמת'ער און ביליג, און טרינקענדיג איהם מיט אַ מאָס, האָט ער אָנגענעהם בערוישט... קיין געלד האָב איך, איבעריגענס, נישט פערמאָגט, אָבער פון דער הכנסה פונ'ם אָוונד אין טעאַטער האָט מען איין טייל — הונדערט גולדען — געגעבען ד"ר נתן בירנבוים, וועלכער האָט דאַן געוואוינט אין טשערנאָוויץ און אָנגעהויבען — אין דער צייט פון דער קאָנפערענץ — אַרויסצוגעבען „דאָס וואָכענבלאַט", טאַקע פאַר זיין וואָכענבלאַט, וועלכעס האָט זיך גענויטיגט אין מאַטעריעלער שטיצע. די אַנדערע הונדערט גולדען האָט מען געגעבען אַ מתנה מיר און נאָמבערג'ן — צו פופציג גולדען יעדערן. אש איז דעמאָלט געווען אַן עושר, האָט מען איהם נישט געגעבען. ווען נישט די פופציג גולדען, וואָלט טאַקע געווען גאַנץ ענגליך דורכצוקומען די וואָך אין טשערנאָוויץ... די אַלע אָנטיילנעהמער פון דער קאָנפערענץ האָבען זיך מיט עשירות נישט אויסגעצייכענט. צוויי וויכטיגע דעלעגאַטען, ש. גינגער און אַ. ווייטער, וואָס האָבען געזאָלט קומען אויף דער קאָנפערענץ, זענען טאַקע צוליב מאַטעריעלע סיבות נישט געקומען און עס איז שטאַרק בעדויערט געוואָרען פון אַלע אָנטיילנעהמער... די נגידים זענען געווען פּרץ און שלום אש. שלום אש — טאַקע אַ נגיד ממש, און פּרץ, נאָר אַדאַנק זיין פיהרונג, האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אַ נגיד...

איבערהויפּט האָט זיך פּרץ אין טשערנאָוויץ געפיהלט אין אַ בעזונדערער שטימונג. אַ פריינד פון יודיש, האָט ער אָבער נאָך דאַן נישט געגלויבט, אַז יודיש איז שוין אפילו אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך. זי האָט נאָך נישט אַלע קולטור־אוצרות פון אַמאָל. אמת, אויך העברעאיש איז נישט די שפּראַך פון דער געגענוואַרט און אַלס אַזאַ קאָן זי נישט זיין קיין נאַציאָנאַלע שפּראַך בכלל... שפּעטער־צו האָט שוין פּרץ די מיינונג געענדערט. אָבער אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט ער זיך צו דער רעזאָלוציע, פאַר וועלכער ער האָט בכלל נישט געשטימט — נישט „האָר" און נישט „נעגען" — בעצויגען מיט אַן אונערליכער בעשטעטיגונג און האָט זיך געפיהלט יום־טוב'דיג, הגם שטאַרק ערנסט קאָנצענטרירט... עס איז געווען אַ זכיה דאַן צו רעדען מיט איהם אַן איבריג וואָרט... די דאָזיגע זכיה האָט געהאַט בלויז ד"ר זשיטלאָווסקי. זיי האָבען זיך ביידע שטאַרק בעפריינדעט. אָבער אויך צו אונז, יונגערע און תלמידים פון וואַרשאַ, אש, נאָמבערג און מיר, האָט ער זיך בעצויגען מיט גרויס פריינדשאַפט. ווער רעדט אש'ן האָט ער שטאַרק געריהמט פאַר זיין רעפעראַט וועגען איבערזעצען די קולטור־אוצרות פון העברעאיש אין יודיש. דאָס איז אייגענטליך געווען פּרצ'ס אידעאַל.

אוודאי וואָלט פּרץ זיך איצט געפיהלט בעפרידיגט, נאָכדעם ווי דער תנ"ך איז איבערזעצט געוואָרען פון יהואש, די גמרא פון ד"ר חאַלקינד, דער „זוהר" פון ש. צ. זעצער, „דור דור ודורשיו" פון אַבאַ רובענטשיק — ווען קאָן דען די אַלע וויכטיגע איבערזעצטע און אָריגינעלע ווערק פון קולטור־היסטאָרישען און וויסענשאַפטליכען ווערט

(ענדע אויף זייט 7)

דר. י. מילייקאווסקי

אין דער דייטשער געפאנגענשאפט

(בילדער פון דער נאהענטער פערגאנגענהייט)

VIII

„זי בלייבעז היער!"

מיר זענען געווען ביים דייטש אין די הענד. פון איהם איז אפהענגיג געווען אונזער ווייטערדיגער גורל. נאך די רייד פון דעם פולקאווניק האבען מיר היילig געגלויבט, אז אייגענטליך זענען מיר פריי. ער האט אונז נאר „גאסטפריינדליך" פערהאלטען, אבער זיין זענען מיר „אונטערוועגס" קיין רוסלאנד און נישט, חס־וחלילה, געפאנגען.

פערזומערט און דערשלאגען, אהן כח א ג׳אהן מוט, זענען מיר געזעסען און זיך נישט גערירט פון ארט. מיר האבען געווארט. טיף א׳ן הארצען האבען מיר זיך א דין־וחשבון אבגעגעבען פון דעם אומגליק, וואס אונז האט געטראפען. עס האט זיך געפיהלט, אז די גאנצע רוסישע ארמעע איז חרוב.

קיין גרויסען ווען האבען די דייטשען מיט אונז נישט געמאכט. שטארק פערנומען מיט אייגענע ענינים, האבען זיי גאנץ ווייניג אכט געלעגט אויף דעם, וואס עפעס א פיינדליכע סאניטאר־אבטיילונג געפינט זיך צווישען זיי. און מיר זענען געזעסען און געווארט, אליין נישט־וויסענדיג אויף וואס...

די צייט איז געגאנגען. קליינליך איז אפט די צייט אין איהר קאנקרעטער ווירקליכקייט, גרויס — אין איהר היסטארישער פערספעקטיוו. צייט איז אייביגקייט, לעבען און טויט. זי רוהט נישט, די צייט, זי האלט אין איין פלעכטען און וועבען. אנ׳אייביג פערפלאנטערטער קנויל פון געשעהענישען איז די געגענווארט, — די צייט וויקעלט דעם קנויל פונאנדער, און פון זיינע איינציגע, נישטיגע פעדימלעך וועבט זיך די געשיכטע.

יא, דינע פעדימלעך זענען טאקע די בילדער, וועלכע איך מאל דא פאר אייך, מיינע פריינד. אבער געפלאכטען פון זיי איז דאך די גרויזאמע תליה־שטריק, וועלכע שטיקט און ווערגט אזוי אפט דעם גלויבען אין דעם מענשליכען צלם אלוקים.

א נייע סדרה צרות איז איצט פאר מיר אויפגעשטאנען, ווי א האגעל האבען זיי זיך געשאטען אויף מיין קאפ, און דאסמאל האט דער קוואל זייערער געשטעקט אין דעם גראב־יונגערישען, אונ׳ברחמנות׳דיג־ווילדען מענשליכען וועזען, מיט וועלכען דער גורל האט מיך צוזאמענגעפארט: איצט רופט מען דיזאזיגע חיה בצורת־אדם — היטלער־דייטש; דאן האט זי געהייסען — מלחמה־דייטש.

נאר לאמיר בעסער דערצעהלען.

מיר זענען געזעסען און ווי אויף עפעס געווארט. פלוצלינג מעלדעט מען אונז, אז היות אין א שכנות׳דיגען דארף זענען דא א סך רוסישע פערוואונדעטע, פאדערט מען, אז א דאקטאר זאל דארט קומען אויף א פאר שעה צו־הילף. מען האט צוגעשיקט אפילו א דייטשען זעלנער, א ספעציעלען שליח, הייסט עס, ער זאל איהם ברענגען. איך בין געווען דער יונגסטער אין לאזארעט און טאקע צוליב דעם האט דער הויפט־דאקטאר מיר געהייסען געהן. דעם אמת געזאגט, האב איך קיין גרויסען חשק נישט געהאט: איך האב שטארק מורא־געהאט, אפילו אויף א פאר שעה זיך אבצורייסען פון לאזארעט. נאך קיין ברירה א׳ נישט געווען, און אזוי ווי א שטעה און געה בין איך אוועק מיט׳ן דייטשען זעלנער.

— מיר וועלען אויף אייך ווארטען, — האט דער הויפט־דאקטאר מיך געטרייסט אויס׳ן וועג, — ווען איהר וועט צוריקקומען, וועט די סעודה אונזערע פון דעם געקויפטען דבר־אחר׳ל פונקט זיין פארטיג.

דאס דארף, וואוהין מיר זענען געגאנגען, איז געלעגען קרוב צוויי קילאמעטער ווייט. שטיל איז געווען ארום און שטילשווייגענדיג האבען מיר ואלבעצווייט מארשירט איבער׳ןברייטען פעלד. איך האב מיך צוגעקוקט צום זעלנער, צו די כלי־זיין, מיט וועלכע ער איז געווען בעלאדען און אלץ האט עפעס אויסגעזעהן אין מיינע אויגען ניי און געוואלדיג קריגעריש: דער נצחון האט געפינקעלט אין זיין געוועהר.. אבער איין קלייניגקייט האט אויף מיר געמאכט א בעזונדערען איינדרוק. שטעלט אייך פאר, אז דער דייטשער זעלנער נעהמט פלוצלינג ארויס א נאזטיכעל פון זיין הויזען־קעשענע און שנייצט מענשליך אויס די נאז. עפעס אזוינס האב איך צום ערשטען מאל אין מיין לעבען געזעהן. א זעלנער, נאז און א געוועהנליך, לייטיש נאזטיכעל! דאס דאזיגע כמיכות־הפרשיות האב איך טיר נאך דאן גאנץ קנאפ פארגעשטעלט. געוועהנט בין איך געווען צום אייגנארטיג־היימישען נאז־שנייצען פון אונזער רוסישען זעלנער. דער אופן זיינער איז דאך געווען גוט בעקאנט און פערשפרייט אין דער גאנצער ארמעע. מיט׳ן שפיץ פון א פינגער, גאנץ אפט פון דעם פינפטען, איין זייט נאז וואילעריש צוגעקוועטשט, שטיפעריש א שטארקען בלאז־געטהון מיט׳ן פרייען נאזלעכעל, און באלד טאקע נאכאמאל דיזעלבע מעשה איבערגע׳חזר׳ט פון דער צווייטער זייט נאז, בליצארטיג א פאהר־געטהון איבער דער נאז מיט דער גאנצער האנד — און די זאך איז ערלעדיגט, און דא טיטאמאל א נאזטיכעל!

מעשה צייוויל איז עס מיר דאן אויסגעקומען, עס האט נישט הארמאנירט מיט זיין פעלד־מיליטערישען אויסזעהן.

מיר געהען אין שווייגען. פלוצלינג — מען שיסט. „לעגט זיך וואס גיכער אויף דער ערד!" — דגיט צו מיר א זאג דער זעלנער, און תוך־כדי־דיבור פאלט ער אליין צו דער ערד און ציהט זיך אויס אין דער גאנצער לענג. איך טהו דאסזעלבע. צוגעטוליעט צו דער ערד ליגען מיר ביידע. די קוילען פייפען און פאלען ארום אונז. די בעציהונג צווישען מיר און דעם דייטשען זעלנער האט זיך מיטאמאל געביטען. די ערד, אויף וועלכער מיר זענען געלעגען און דער טויט ארום האבען אונז געבונדען צוזאמען: מיר האבען זיך דערפיהלט נאהענט איינער צום צווייטען, ווי ברידער פון איין מאמען, ווי קינדער פון איין היים. איך מיין בכלל, אז די פאזיציע פון גוף ווירקט אויך אויף דער שטימונג פון מענש און אויף דער בעציהונג בין אדם לחברו. ווער ווייסט, צי וואלט נישט אנדערש אויסגעזעהן אונזער וועלט, ווען נישט זיצונגען, נאר טאקע „ליגונגען" דיפלאמאטישע זאלען איינגעפיהרט ווערען. לייד׳ער, קען מען אבער געוועהנליך פאר נישט נישט ליגענדיגע, נאר ליגנערישע זיצונגען...

דער זעלנער האט, ווייזט־אויס, דערפיהלט דאסזעלבע וואס איך און ער האט אנגעהויבען מיט מיר א שמועס.

— אייך האבען זיי דערקענט און מיך נישט, — זאגט ער, אויסדרעהענדיג זיך מיט׳ן קאפ צו מיר, — און דעריבער טאקע האבען זיי אנגעהויבען אויף אונז צו שיסען. שוין פיר טעג און פיר נעכט, אז איך שלאף נישט, איך קום איצט פון פראנצויזישען פראנט, פון דארט האט מען א טייל פון אונז בחפזון איבערגעפיהרט אהער געגען אייך.

זיין קול האט געקלונגען טיף מענשליך. ער האט מיר אפילו פארגעלעגט צו פערזוכען זיין קעקס און שווארצען קאפעע מיט רום.

דאס שיסען האט אויפגעהערט. דער דייטש איז אויפגעשטאנען, געמאכט עפעס עטליכע צייכענס מיט דער האנד, געהייסען אויך מיר זיך אויפהויבען און — מארש ווייטער איבער׳ן פעלד. מיר זענען בשלום דערגאנגען צום דארף.

אויסגעלאזט האט זיך, אז איך בין געווען לחלוטין איבעריג. איך האב געטראפען אין דארף א־סך רוסישע דאקטוירים און די צאהל פערוואונדעטע איז גארנישט געווען אזוי גרויס, עס זאל זיין ארבייט פאר אלעמען. איך האב פשוט נישט געוואוסט וואס צו טהון און האב אנגעהויבען זיך ארומצודרעהען און צו זוכען דעם זעלנער, כדי ער זאל מיך צוריק אבפיהרען „אהיים", אין מיין לאזארעט, הייסט עס. בלאנדזשענדיג אזוי מיט פערמאטערטע טריט פון איין גרופע צו דער צווייטער, שטויס איך מיך פלוצלינג אן אויף א יונגען דאקטאר, וועלכער איז מיינס א נאהענטער חבר נישט בלויז פון אוניווערזיטעט, נאר אויך נאך פון די גימנאזיע־יאהרען. מיר האבען זיך שטארק דערפרעהט איינער מיט׳ן צווייטען, זיך הארציג צעקושט, אוועקגעזעצט זיך ערגעץ וואו אויף א קלאץ און אנגעהויבען דערצעהלען איינער דעם צווייטען די אלע צרות און פורענויות, וואס מיר זענען ביז איצט אויסגעשטאנען.

מיר זענען אבגעזעסען אזוי א שעה צוויי און איך האב מיך גארנישט ארומגעזעהן ווי ס׳איז געווארען בין מנחה־למעריב. שוין צייט צו געהן „אהיים". איך האב גיך אויפגעזוכט דעם זעלנער, וואס האט מיך אהערגעבראכט, און געוואלט, ער זאל מיך צוריק אבפיהרען צו מיין לאזארעט. ערשט, עס לאזט זיך גאר אויס, אז אהן הסכם פון דייטשען דאקטאר טאר ער דאס נישט טהון. מילא, ס׳איז דאך א קלייניגקייט, וועל איך צוווארטען נאך א פאר מינוט... און דער זעלנער איז אוועק צום דאקטאר, כדי צו ערלעדיגען דיזאזיגע פארמאליטעט. אבער ווי גרויס איז געווען מיין איבערראשונג, ווען דער זעלנער איז צוריקגעקומען און געמאלדען, אז דער דאקטאר ערלויבט מיר בכלל נישט פון דאנען אוועקצוגעהן. ווי א דונער האט עס מיך געטראפען. איך האב דערפיהלט, אז א ציטער לויפט־דורך אלע מיינע אברים. איך האב מיך מיטאמאל געפונען אין א שרעקליכען מצב: עלענד ווי א שטיין, אבגעריסען פון לאזארעט ווי א בלאט פון שטאם, אלץ פערלוירען, געבליבען אזוי ווי איך שטעה און געה, נאר מיט דער פערלויזטער העמד אויפ׳ן שטויגען לייב, אהן דעם ביסעל וועש, אהן דעם מאנטעל, אהן וועלכען־עס־איז פאפירעל, וועלכער און וואס איך בין, און ועל־כולם, אהן דער האפנונג, אז איך געה צוזאמען מיט מיין לאזארעט צוריק קיין רוסלאנד. די לאגע אין מיר פארגעקומען אונערטרעגליך און איך האב בעשלאסען זיך אליין מטריח צו זיין צום דאקטאר און פארשטעלען איהם דעם גאנצען טראגישען עלענד, וועלכען ער איז מיר גורם. ווי־נישט־ווי, פארט א דאקטאר, א חבר, — אזוי האב איך געטיינט, — וועט ער מיך אויסהערען און פערשטעהן. בפרט ווען עס האנדעלט זיך וועגען נאר א קלייניגקייט: דער לאזארעט מיינער געפינט זיך דאך נישט ווייט פון דאנען און איך שוין ביי זיי, ביי די דייטשען, אין די האנד, און דא בין איך לחלוטין איבעריג.

מיט א ציטערדיג הארץ בין איך אוועק צום דאקטאר. דער דייטשער זעלנער — זאל דאס איהם איצט דערמאהנט ווערען לשבח, — האט מיר ארויסגעוויזען א ביסעל מיטגעפיהל און האט מיך בעגלייט און אנגעוויזען, וואו ער געפינט זיך. געטראפען האב איך דעם דאקטאר זיצענדיג אויף א פערד, געבען אנ׳אפענעם אפטייק־וואגען. ווי א לעבעדיגער שטעהט ער איצט פאר מיינע אויגען. גרויס ווי עוג מלך הבשן, מיט א פאר אייזקאלטע, מעטאל־גרויע אויגען, מיט א רויטען, אנגעפרעסענעם פרצוף און א קליין, אמעריקאניש־בעברילט נעזעל. ווי נאר איך האב געעפענט דאס מויל און ארויסגעזאגט די ערשטע פאר ווערטער, האב איך גלייך דערהערט א ווילד געשריי:

— זי בלייבען היער!!

דערביי האבען זיך די אויגען זיינע ברייט פונאנדערגעעפענט און א ווילדע אכזריות האט פון זיי, ווי דורך גרינע פענסטערלעך, ארויסגעקוקט...

נישט מיט קיין מענשליכען קול זענען די ווערטער: „זי בלייבען היער" ארויסגעשריגען געווארען. א קנאל פון א שארפער בייטש איז עס געווען, א בייל פון א צערייצטער חיה. איך בין געבליבען א ווילע שטעהן אויפ׳ן ארט און באלה נאכדעם, צעבראכען און דערשלאגען, שטיל אבגעטראטען. טרעהרען האבען מיר זיך בעוויזען אין די אויגען. איך האב זיי נישט געקאנט איינהאלטען און, געמישט מיט שטויב און בלאטע, האבען זיי זיך געקייקעלט איבער מיין פנים און געפאלען אויף מיינע ליפען. איך האב דערפיהלט אין זיי דעם טעם פון מיין ערשטער בעגעגעניש מיט א דייטשען „חבר", מ׳שטיינסגעזאגט...

פון א ווילנער יונגעל — דער גרעסטער סקולפטאר אין רוסלאנד

(צום 30-סטען יאהרצייט פון מארק אנטאקאלסקי)

פון ש. ערנסט

פארהאן קינסטלער, וואס האבען געשאפען עפאכען. זייער נאמען איז בעריהמט, און פונדערסטוועגען געדענקט מען נישט אן זיי — כאטש, אדער דווקא ווייל זיי זענען בעריהמט.

צו דידאזיגע געהערט אויך מארק אנטאקאלסקי, וועמענס נאמען טען דערמאהנט שטענדיג מיט די נעמען פון אזעלכע בעריהמטע קינסטלער ווי איז־אעלס, לעוויטאן אין דאסגלייכען.

אין אנטאקאלסקי׳ס לעבען שפיגעלט זיך אב אויף א וואונדערליכען אופן דער מערקווירדיגער וועג פון איינעם פון די אינטערעסאנטסטע יודישע קינסטלער פון דער לעצטער תקופה. אליין געבוירען אין „ירושלים דליטא", אין ווילנא, וואו מאכען בילדער איז געווען פון די גרעסטע חטאים, ענטוויקעלט ער זיך ביז צו ווערען א וועלט־בעריהמטהייט.

ווי אזוי א גרויסער טאלענט איז בכח דורכצוברעכען אין זיך בעפרייען פון בעשטימטע גרענעצען, קאן מען זעהן פון זיין ביאגראפיע:

געבוירען אין ווילנא אין יאהר ת״ר, ביי ארעמע עלטערן, וואס האלטען א וויינשענק, זוכט דאס יונגעל נאך קינדווייז צו מאלען „צאצקעס", פאר וועלכע ער כאפט־אריין הלעפ פונ׳ם פאטער, וועלכער קאן נישט צוקוקען, ווי א יונגעל פערברענגט די צייט מיט „גארנישט"... זעהענדיג, אז ער האט נישט קיין קאפ צום לערנען, גיט איהם דער פאטער אב צו א וועבער, ער זאל זיך כאטש אויסלערנען א מלאכה. אבער דיזע ארבייט פעראינטערעסירט איהם נישט, און עס דווערט נישט לאנג — שיקט איהם דער וועבער אהיים צוריק צום פאטער.

דער פאטער, נישט־האבענדיג קיין אנדערען אויסוועג, שיקט איהם, נישט־הילענדיג, אין ראבינער־סעמינאר, וועלכער האט געדינט אין יענע יאהרען אלס בריק צווישען חדר און אוניווערזיטעט. אבער אויך דא ווייזט זיך אנטאקאלסקי ארויס פאר א „לא יצלח", ווי דער פאטער האט איהם געריפען. די טרוקענע לימודים בעפרידיגען נישט דעם יונגעל׳ס דורשטיגע נשמה, און ענדליך טרעט ער אריין אין א ווארשטאט, וואו עס ווערען אויסגעארבייט קריסטליכע קלויסטער־סקולפטורען. ס׳האט זיך ווירקליך געפאדערט נעגוג מוט און ווילענס־קראפט מצד א ווילנער יודיש יונגעל זיך צו בעשעפטיגען בפומבי, אין יענער צייט, אין די 50־גער יאהרען פון פערגאנגענעם יאהרהונדערט, מיט אויסארבייטען סקולפטורען פון קריסטליכע הייליגע! אנטאקאלסקי האט אבער פערמאגט אזא גרויסען שאפונגסדראנג און אזא פיבערישען רצון צו קונסט, אז ער האט גובר־געווען אלע מניעות אין פלעגט אינטענסיוו, ממש אהן אויפהער, ארבייטען איבער דידאזיגע סקולפטורען, זיך איבענדיג אלץ מעהר און מעהר אין דער קונסט, מיט וועלכער ער האט זיך שפעטער דערווארבען אזא גרויסען נאמען.

זיינע ערשטע ארבייטען האט אנטאקאלסקי געשאפען אין א צייט, ווען אין רוסלאנד האט נאך געהערשט די טראדיציאנעלע אנגענומענע סקולפטור. אנטאקאלסקי איז אבער נישט געשוואומען מיט׳ן שטראם פון דער צייט, נישט גענומען זיינע טעמעס פונ׳ם לעבען פון דעם „העכערען קלאס", נאר געשעפט דווקא פון פאלק, אפילו געשאפען א סקולפטור פון א יודישען שניידער — „עאליסטישע מאטיווען, וועלכע זענען ביז איהם געווען כמעט ווי אומבעקאנט אין דער סקולפטור־קונסט.

אין זיינע סקולפטורען פערנעהמען א בעזונדער ארט דער קערפער און די בעוועגונגען, דאן, ווען זיי דריקען־אויס עפעס א רעיון, א געדאנק. דערין איז אנטאקאלסקי געבליבען א יוד פון יודענלאנד, הגם ער פיגורירט נאך עד־היום אלס רוסישער סקולפטאר. מעהר ווי ביי אנדערע איז קענטיג אין אזעלכע סקולפטורען, אז זיי שטאמען פון א קינד פון אנ׳אייגענטליך אוראלט פאלק און זענען ענג בעהאפטען מיט דער נשמה פון דעמדאזיגען פאלק, וואס זוכט אין אלע זיינע שאפונגען זיך ארויבצולאזען אין דער טיפעניש און זיך דערגרונטעווען ביז׳ן תהום.

אנטאקאלסקי׳ס סקולפטורען זענען בעהויכט מיט א מעכטיגען דראנג אין זין פאר דעם איבערנאטירליכען, וואס מישט זיך אריין אין דעם מענשענ׳ס לעבען. די געשטאלטען זיינע זענען פול מיט גייסט, מיט עפעס אנ׳איבערערדישער דורכלייכטונג. מערקווירדיג אין איהר אידעלקייט און פיינקייט איז די שפינאזא־פיגור, דער אמסטערדאמער ברילאנטען־שלייפער, דער קליינער קרענקליכער יוד מיט דעם בלייכען פנים, וואס איז שטענדיג אויף דער יאגד נאכ׳ן אייביגען אמת. ער איז געשילדערט דורך אנטאקאלסקי׳ן דעליקאט און מייסטערהאפט.

צווישען די איבעריגע ארבייטען זיינע, וועלכע מען קאן נישט פארביגעהן גלייכגילטיג, איז צו דערמאהנען די פיגורען: „דער שטארבענדיגער סאקראטעס", אין וועלכען עס ווערט פארגעשטעלט די גסיסה פונ׳ם גרויסען פילאזאף, וועלכער ס קומט־אום צוליב זיין ליבע צום אמת, כווערענדיג פאלש בעשולדיגט דורך זיינע שונאים, און איוואן דער גרויזאמער, וועלכער דינט אלס מאנומענט פאר דעם גרויסען רוסישען אכזר, דעם בלוטיגען, הרמה־פילען, זיך און אנדערע פייניגענדען צאר...

30 יאהר איז איצט אריבער זינט אנטאקאלסקי׳ס טויט. אין דערדאזיגער צייט זענען אונז שוין צוגעקומען א סך קינסטלער, וועלכע זענען אונז נעהנטער פאר אנטאקאלסקי׳ן, וואס האט סאקטיש דאך געארבייט פאר׳ן רוסישען פאלק, בעשענקענדיג איהם מיט דעם קאסטבארסטען פון אלע אוצרות — מיט דער קונסט. אבער די ליכטיגקייט, וואס איז פערשפרייט איבער אנטאקאלסקי׳ס בילדער, קאן נישט פערגעהן. ער איז אונז נאך אלץ טייער, ווייל מיר בעטראכטען איהם דאך אלס קינד פון אונזער פאלק, אלס ווילנער יוד, וואס איז דער ערשטער צווישען יודען געווארען א סקולפטור־גאון און וואס האט אלס געטאדייד דערגרייכט דורך זיין קינסטלערישער ליכטיגקייט און איפריכטיגקייט די העכסטע מדרגה, צו וועלכער א קינסטלער קאן בכלל דערגרייכען...

משה פיינקינד.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם 18־טען ציוניסטישען קאָנגרעס

פּראג און פּראַגער פערגאַנגענהייט

„פּראַג המעטירה“ — די געקרוינטע שטאָדט פּראַג — אַזוי װערט אָנגערופען אין דער אַלטער רבנישער ליטעראַטור די הײנטיגע טשעכישע רעזידענץ, װאו עס קומט־פאָר דער 18־טער ציוניסטישער קאָנגרעס.

שוין פון דערװײטענס, װען מען פאָהרט אַרײן אין דער שטאָדט, װאַרפען זיך אין די אויגען די הויכע, פערגאָלדעטע טורעמס פון די היסטאָרישע קירכען און אַנדערע געבײדעס, װאָס שפּיגלען זיך אין גלאַנץ פון דער זון אין די כװאַליעס פון דעם בלװיכען מאָלדױ, דער טײך, װעלכער שלענגעלט זיך צװישען דער אַלטער און נײער שטאָדט. —

אַ לאַנגע, מאַסיװע בריק בינדט דיזאַזיגע צװײ טײלען שטאָדט. אויף איהר זענען אױסגעשטעלט פון בײדע זײטען װאַסער מאַרמאָר־מאָנומענטען פון די טשעכישע הײליגע און העלדען. פון דאָרט קוקט שטאָלץ אַרױס אַ גרױסער גאָלדענער צלם מיט דער העברעאישער אױפשריפט: קדוש, קדוש, קדוש, ד׳ צבאות, פאַר װעלכען יעדער פאַרבײגעהער מוז אַראָבנעהמען דאָס היטעל פון קאָפּ... מיט דעמדאַזיגען צלם האָט זיך אויסגעקױפט אַ יוד דאָס לעבען, בעת מען האָט אויף איהם געמאַכט אַ בלבול, אַז ער האָט בעלײדיגט דעם קרוציפיקס און ס׳האָט איהם געדראָהט דערפאַר טױט־שטראָף.

דערדאַזיגער אָרעמער יוד האָט נישט געקאָנט בײשטעהן דעם נסיון, װאָס צעהנטױזענדער פּראַגער יודען זענען בײגעשטאַנען, װעלכע זענען טױטען אויף קידוש־השם, אײדער אויסקױפען זײער לעבען פאַר׳ן פּרײז פון דער אמונה.

פון דעם הײליגען פערגאָסענעם בלוט פון יענע יודען, װאָס זענען אומגעקומען אין פּראַג אין די יאָהרען 1339 און 1483 זענען די װענד פון דער אוראַלטער אַלט־נײ־שוהל אײנװעניג געבליבען שװאַרץ װי קוהל.

צו דער ערשט־דערמאָנטער היסטאָרישער שוהל, ציהט דעם גאַסט, װי נאָר זײן פוס בעטרעט פּראַג. פון שטײנער, װאָס מען זאָל האָבען — לױט דער לעגענדע — ספּעציעל אַהערגעבראַכט פון די שטײנער פון צעשטערטען בית־המקדש — פון אָט די שטײנער זאָל בעשטעהן דער פונדאַמענט פון דער טױזענד־יאָהריגער שוהל. איהר האָט דאָרט דעם אײזערנעם אָרון־קודש, װאָס האָט געשיצט די ספרי־תורה׳ס בעת דער גרעסטער געפאַהר, און דעם אײזערנעם בעלעמער, אַרום װעלכען עס שטעהט די היסטאָרישע קעניגליכע פאָהן פונ׳ם יודישע רעגימענט, װאָס האָט העלדיש פערטײדיגט די שטאָדט אין דער צײט פון דער בעלאַגערונג פון די שװעדען און מיט װעלכער מען מאַכט „הקפות“ שמחת־תורה. איהר זעהט דאָרט די מעשענע הענגלײכטער, די זעלטענע פּורפּור־רױטע, הימעל־בלױע און שנײ־װײסע זײדענע פּרוכת׳ן און דאָס טײערע „כלי־קודש“ — דאָס אַלץ גיט־צו דעם דאָזיגען היסטאָרישען „בית־מקדש־מעט“ אַ בעזונדערען היסטאָרישען װערט און װירדע.

אַ צװײטער היסטאָרישער מאָנומענט פון דער יודישער פערגאַנגענהײט, איז דער אַלטער בית־עלמין, װאָס געפינט זיך אין דער יאָזעפס־שטאָדט. דורך אַ שמאָל טירעל פון דער גאַס, אין שכנות פון דער אַלט־נײ־שוהל, געהט מען אַרײן אויפ׳ן גוטען־אָרט. אַ קלײן שילדעל העַנגט בײם אַרײנגאַנג מיט דער אױפשריפט: „עהר דאָס אַלטע, אַכט דאָס אײנענטום, גיב רוה די טױטע“...

דאָסדאָזיגע כאַראַקטעריסטישע שילדעל האָט מען אויפגעהאַנגען אין יאָהר 1837, װען דער מאַגיסטראַט האָט געהאַט בדעה צו סקאַסירען דאָסדאָזיגע טױזענד־יעהריגע יודישע הײליגטום. די יודען אין פּראַג האָבען זיך דעמאָלט געקלאָגט, אַז ס׳איז צו־ענג צו לעבען אין געטאָ און זײ האָבען געפאָדערט, מען זאָל זײ ערלױבען צו װאוינען אויך אין אַזױ־גערופענעם „מקום“. האָט דער מאַגיסטראַט זײ געהײסען זיך בעזעצען אויפ׳ן בית־עלמין...

שוין אין מיטעלאַלטער האָבען די פּראַגער שונא־ישראל געשטרעבט צו ליקװידירען דעם יודישען בית־עלמין. זײ זענען בעפאַלען דעם בית־עלמין, געשענדעט די קברים, פערניכטעט די מצבות א.אז.װ. האָט דער קעניג אָטאָקאַר דער צװײטער אַרױסגעגעבען אין 1268 אַ פעראָרדנוג (אַ צװײט מאָל אויך אין 1513) װעגען דעם יודישען בית־עלמין אין פּראַג, אין נאָך אָדאַנק דעם איז ער געבליבען ביז הײנט...

און װען דײנע פיס בעטרעטען דיזאַזיגע הײליגע ערד, װאו עס ליגען די בײנער פון 60 דורות (לױט צונץ, שלאָסער, פּאַסנאַס און אַנד.), בעהערשט דיך אַ געפיהל פון טיפען יראת־הכבוד. דו װאַרפסט פון זיך אַראָב די שיך (אַיאַ מנהג איז פאַרצײטענס דאָ געװען — צו געהן אין זאָקען אויפ׳ן בית־עלמין) און, דערנעהנטערענדיג דיך צו די קברים פון די גרױסע אבות, פון די מערטירער און קדושים, װאָס האָבען זיך מוסר־נפש־געװען פאַר זײער אמונה — מוזסטו בײגען דעם קאָפּ און שטומער הײליגער עהרפורכט...

רעכטס בײם אַרײנגאַנג זעהען דײנע אויגען דעם גרױסען קינדער־באַרג, װאו טױזענדער קינדער, װאָס האָבען נישט געהאַט די זכיה לאַנג זיך צו פרעהען מיט דער ליכטיגער װעלט, האָבען געפונען זײער רוה. דערדאָזיגער באַרג האָט קײן אײנציגע מצבה נישט. דער שטומער שטײן האָט דאָ קײן אָרט נישט געטאָרט האָבען. אַלעמענס קינדער זענען דאָ געװען גלײך. אין שמערץ פאַר אַלע...׳מצבות האָבען דערפאַר די װאָס רוהען צװישען די װילדע קשאַקעס, אונטער די רױשענדיגע אַלטע, אַלשינע בױמער.

אונטער די דאָזיגע בױמער געפינען זיך די קברים פון טױזענדער קדושים, צדיקים און גדולים, װאָס זײער קרױן איז דער גור־אריה — (מהר״ל) מיט זײנע ל״ג תלמידים גאונים, װעלכע ליגען אַרום איהם װי אמת׳ע טרײע שילער, װאָס האָבען זיך נישט געװאָלט, אפילו נאָכ׳ן טױט שײדען פון זײער רבי׳ן (נפטר געװאָרען אין שס״ט, 1609). ער, דער מהר״ל, ליגט נעבען זײן װײב. אײן מצבה מיט אַ גרױסען אויסגעקריצטען לײב בעצירט זײער שותפות־קבר.

דאָ געפינען זיך אויך רעשטלעך פון ר׳ אביגדור קרא, דער מחבר פון דער סליחה „אז כל התלאה אשר מצאתנו“, װעלכע װערט געזאָגט אין פּראַג יום־כפור צו מוסף. אין דערזעלבער כלי־חה בעװײנט ר׳ אביגדור קרא דרײ טױזענד יודען, װאָס מען האָט פערברענט לעבעדיגערהײד אויף קידוש־השם אין יאָהר 1339.

ר׳ אביגדור האָט איבערגעלאָזט אַ צװאה, אַז אין אַן׳עת־צרה זאָל אַ מנין יודען בײ זײן קבר מתפלל־זײן און דעמאָלט װעלען זײ ניצול װערען פון אַלע בײזע אַנשיקענישען. דאָס לעצטע מאָל װאָס די פּראַגער יודען איז אויסגעקומען אויף זײן קבר מתפלל צו זײן, איז געװען אין יוני 1848, װען פירשט שװאַרצענבערג האָט באָמבאַרדירט די שטאָדט, בשעת דעם פּראַגער אויפשטאַנד, און דער צעװילדעװעטער המון האָט זיך געכאַפּט צו די יודען. פון נדי גראַנאַטען האָט צופעליג קײן אײנציג יודיש הױז נישט געליטען, בשעת אין דער שטאָדט גופא האָבען די באָמבאַרדירונג גרױסען חורבן.

אין אַן׳עת־צרה לױפען אויך די פּראַגער יודען צום קבר פון דער העלדישער לאה׳לע, װאָס ליגט אונטער אַ באַרג מיט שטײנדלעך. יעדער, װאָס קומט דאָ מתפלל־זײן, לעגט אַזאַ שטײנדעל אויף איהר קבר אַרויף. לאה׳לע איז געװען אַ בת־יחידה פונ׳ם פּראַגער רב, ר׳ שלמה, װעלכער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זײן טאָכטער אויף קידוש־השם אין דער ערשטער נאַכט פּסח 1389, בעת זײ האָבען העלדיש פערטײדיגט דאָס געטאָ. דאָס איז געשעהן בעת דעם אָנפאַל פון די קריסטען צוליב אַן׳עלילת־דם.

אויף לאה׳לעס האַלב־אײנגעזונקענער מצבה, װעלכע איז, אגב, איצט די עלטסטע פונ׳ם בית־עלמין, איז אויסגעקריצט אַ פרויען־געשטאַלט, װאָס האַלט אין דער האַנד אַ רויז. די רויז זאָל סימבאָליזירען איהר טרײהײט צו איהר פאָלק.

איז זי טאַקע געװען אַ סימבאָל פאַר די װײטערדיגע דורות פּראַגער יודען, װאָס זענען בײגעשטאַנען דעם נסיון. איהר הײליגען בײשפּיל האָט נאָכגעטהון דאָס שנײדערל ר׳ אברהם בר׳ יעקב, װאָס איז אומגעקומען אויף קידוש־השם אין 1476 און האָט מיט זײן פרײװיליגען טױט מציל געװען די יודישע קהלה. ער װערט אָנגערופען: דער פּראַגער „ונתנה־תוקף“ און פאַר כל־נדרי מאַכט מען איהם אין דער אַלט־נײ־שוהל אַן׳אל־מלא־רחמים.

װײטער זעהט מען דאָרט די מצבות פון ר׳ ישראל בר׳ ישעיהו הלוי הורוויץ. דאָרט שטעהט: „נהרג יחד עם חתנו ר׳ משה בר׳ יואל, על קידוש־השם ועלו על מוקדי אש בתפלת שמע לישראל ביום הששי בערב, כ״ו כסלו, שכ״ט (1568). אַ טריט װײטער ענטפּלעקען זיך פאַר דײנע אויגען די גרױסע מצבות פון רבנים און גאונים, למשל, פון לובלינער רב ר׳ שמעון שפּירא (נפטר 1680). אויף זײן מצבה שטעהט געשריבען: משיח ד׳ חסיד ועניו, רבן של כל בני הגולה. זײן גאַנץ לעבען האָט ער פערבראַכט אין העניתים און סיגופים און דערבײ אויך געליטען פון זײנע געגנער, װעלכע האָבען איהם שטאַרק פערפאָלגט און איהם געלאָזט אײנזעצען אין תפיסה... פאַר׳ן טױט האָט איהם דער ש״ך מפיים־געװען. אויך איז דאָ געקומען צו־קבורה ר׳ אפרים לונטשיץ, דער מחבר פון „עוללות־אפרים“. עס געפינט זיך דאָרט אויך דער קבר פון דעם אַסטראָנאָם און היסטאָריקער ר׳ דוד גאַנז, דער מחבר פון „צמח־דוד“. אויף זײן מצבה איז אויסגעקריצט אַ מגן־דוד מיט אַ גאַנז אין דער שפּיץ. ער איז נפטר געװאָרען אין ח׳ אלול שע״ג, 1613.

מען זעהט דאָרט די מצבות פון דעם גרױסען פילאָזאָף, גאַליליי׳ס אַ תלמיד מובהק, ר׳ יוסף בר׳ אליהו דילמודינא, דער אַזױ־גערופענער „ישר מקאנדיא“. דילמודינא איז געװען אַ צײט לאַנג אין פּױלען דער לײב־דאָקטאָר פון פירשט ראַדזיװיל אין װילנא. ער איז נפטר געװאָרען שבת, א׳ סוכות, אין יאָהר תט״ו, 1655.

דער גרױסער אַסטראָנאָם ר׳ דוד אָפּענהײם (פריהער רב אין בריסק־דליטא), האָט אויך געפונען זײן מקום־מנוחה אין פּראָג (נפטר געװאָרען ז׳ תשרי, תצ״א). זײן גרױסע ביבליאָטעק פון זיבען טױזענד ספרים, צװישען װעלכע עס געפינען זיך טױזענדער כתבי־יד, געפינט זיך הײנט אין אָקספאָרד.

מען דאַרף אויך דערמאָנען די מצבה פונ׳ם גאון ר׳ זלמן קרוב, דער אײנציגער „פּריװילעגירטער“ יוד, װעלכען די קײזערין מאַריאַ־טערעזאַ האָט דערלױבט צו פערבלײבען אין פּראָג נאָכ׳ן גירוש פון אַלע יודען (תק״ד) אין דער צײט פון דער מלחמה מיט פּרײסען; דאַן די מצבה פון ר׳ בעריש אַשקלעס, װעלכער האָט אויסגעקױפט אַלע יודען פון אַ פּאָגראָם אין גירוש (1744), און פון ר׳ מרדכי מײזעל, װאָס האָט אויפגעבױט פאַר זײן געלד די אַזױ־גערופענע מײזעל־שוהל, אַ תלמוד־תורה און אַ שפּיטאָל (געשטאָרבען אין 1601.)

אָט דיזאָזיגע מצבות זענען די שענסטע אויפ׳ן פּראַגער בית־עלמין. אינטערעסאַנט איז בעזונדערס די קינסטלעריש־אויסגעאַרבײטע מצבה פון מרת הענדל שמילעס. דאָס איז געװען די פרוי פונ׳ם הויף־יוד ר׳ יעקב באַזעװי־שמילעס, װעמען דער קײזער פערדינאַנד האָט געשענקט דעם טיטעל „באַראָן פאָן טרױענבורג“, פאַר זײנע גרױסע פערדינסטען לטובת דעם טראָן. אויף איהר מצבה איז אויסגעאַרבײט אַ פיגור פון אַ בלױען לײב און אַכט רױטע שטערען אַרום איהם. דאָס איז דער װאָפען־הערב פון איהר מאַן. נעבען איהר געפינט זיך אויך דער קבר פון איהר מאַן ר׳ יעקב. — אָבער װער קאָן זײ, די אַלע מצבות, אויסצעהלען?.

אין יאָהר תקמ״ז (1787) האָט יאָזעף דער צװײטער דעם אוראַלטען היסטאָרישען בית־עלמין פערמאַכט, בעשטימענדיג אַן׳אָרט אויף אַ נײעם בית־עלמין. צװישען דער שוהל און בית־עלמין זעהען מיר איצט דעם יודישען מאַגיסטראַט מיט זײן כאַראַקטעריסטישען טורעם־זײגער, מיט די יודישע אותיות. אין דער געבײדע געפינט זיך הײנט דאָס קעניגליכע יודישע מוזעאום, װאָס פערמאָגט טײערע זעהונגסװירדיגקײטען פון יודישען געטאָ. פּראַג האָט אויך געשטעלט לעצטענס אַ הערליכען גרױסען מאָנומענט פון מהר״ל נעבען דעם שטאָדט־ראַט. ער שטעלט־פאָר דעם שעפער פון „גולם“ אין זײן לעבענס־גרױס, האַלטענדיג די לעגענדאַרישע רויז, מיט װעלכער דער מלאך־המות האָט דעם הויכען ר׳ לײב, לױט דער לעגענדע, די נשמה צוגענומען...

מ. נאַדעלמאַן.

אַ הײמיש געלעגענהײט

װען מײן אורלױב האָט זיך געענדיגט און איך האָב זיך געזעגענט מיט אַלע אין פּענסיאָנאַט, איז צו מיר צוגעקומען אַ יונגערמאַן, אײנער פון די געסט און צו מיר געזאָגט:

— כ׳בעט אײך, אַז איהר װעט קומען קײן װאַרשא, זײט אַזױ פרײנדליך און גיט־איבער מײן פרוי דאָסדאָזיגע בריװעל!

האָב איך גענומען דאָס בריװעל און צוגעזאָגט צו ערלעדיגען.

גלײך פון דער באַהן בין איך אַװעק מיט׳ן בריװעל ערפילען מײן בירגערליכען חוב.

אויפ׳ן אָנגעװיזענעם אַדרעס האָב איך געטראָפען אַ פרוי מיט אַ פּיצעל קינד אויף דער האַנד.

כ׳האָב איהר דערלאַנגט דאָס בריװעל און־געזאָגט:

— דאָס איז פון אײער מאַן. ער האָט מיך געהײסען אײך גריסען!

— ביטע, זעצט אײך!

זי האָט צוגענומען פון מיר ס׳בריװעל, און אײדער זי האָט עס נאָך געעפענט, האָט זי װײטער געזאָגט:

— ער ליפערט דאָס מיר בריך מיט גריסען!... דיזאָזיגע כחורה „קענעהאָרע“ װאָלט ער מיר נישט!... װי געהט עס איהם אינדרױסען? ער איז געזונד?

— יאָ, געזונד!

— פערשטעהט זיך, אַז יאָ... אינדערהײם איז ער נאָר שטענדיג חולה׳װאַטע, אָבער אין דער פרעמד איז ער געזונד װי אַ נוס! יאָ, און אויס׳ן עסען „נאַשעקעט“ ער עפּעס?

— נײן, כ׳האָב נישט געזעהן!

— נו, זעלבסטפערשטענדליך, אַז נײן. אַז די קעלנערין דערלאַנגט, איז עס שטײליג, אָבער אַז דאָס װײב דערלאַנגט, טויג עס אויף כפּרות!... און װאָס טהוט ער דאָרט גאַנצע טעג, ער לײענט?

— נײן, איך האָב נישט געזעהן, ער זאָל לײענען. ער קריכט־אַרום.

— אַזױ? ער קריכט־אַרום! װער ס׳איז שען און איך בין קלוג. איך האָב באַלד געװאוסט, אַז ס׳װעט אַזױ זײן! פאַר׳ן אַװעקפאָהרען האָט ער געזאָגט, אַז די פיס טראָגען איהם נישט, און איצט, זעה איך, טראָגט עס איהם שוין יאָ!... זאָגט, זאָגט דעם אמת, מיט װעמען קריכט ער דאָ׳ט אַזױ אַרום, מיט בלאָנדינקעס, צי מיט ברונעטקעס?... װאָס, איהר שװײגט?.. נו, יאָ, פּיעס פּסאַ ניע אוגריזיע... איהר זענט, זעה איך, אָבגעבערענט! און מײנער דאָרט איז כאַטש אויך אָבגעבערענט?

— יאָ, זעהר. די הויט קריכט איהם אַזש אָב פון דער זון!

— טאַקע? כ׳גלױב נישט! איהם װעט אָבקריכען די הויט? שוין יאָהרען װי ער שרײט, אַז איך שינד איהם די הויט, דער שנײדער מײנער שינדט איהם די הויט, דער געװעלבניק שינדט איהם די הויט, און פונדעסטװעגען איז די הויט בײ איהם נישט אָבגעקראָכען, און איצט, אַז די זון שינדט איהם די הויט, װעט זי איהם יאָ אָבקריכען? און װאָס הערט מען מיט׳ן רױכערן? ער רױכערט עפּעס דאָרט?

— יאָ, אַ סך!

— אַזױ? נו, פרעג איך אײך, דאַרף מען גלױבען אין מענער? װען ער איז אַװעקגעפאָהרען, האָט ער מיר געשװאוירען, אַז ער װעט נישט נעהמען קײן פּאַפּיראָס אין מױל אַרײן, און איצט װײזט זיך אַרױס, אַז אַן „עגיפּסקי“ איז בײ איהם טײערער װי איך אײנגאַנצען! אוי, מענער, טענער! אַן׳עבירה, װאָס מען קוקט אײער טרײף פּנים אָן? נאָט אײך ס׳בריװעל, כ׳דאַרף נישט זײנע בריװלעך, זאָל ער זיך עס דאָרט האַלטען, גיט עס איהם צוריק!

— צוריקגעבען עס? נײן, איך פאָהר דאָך שוין נישט צוריק!

— טאָ שיקט עס איהם פּער־פּאָסט, שיקט עס איהם! װילאַנג קלערט ער נאָך צו זײן דאָרט, דער גאון מײנער?

— כװײס נישט. דאַכט זיך, נאָך אַ צװײ װאָכען!

— אַזױ, נאָך צװײ װאָכען? זאָגט איהם דאָרט אין מײן נאָמען, אַז ער מעג בלײבען לענגער! זאָגט איהם!

— נײן, איך קאָן איהם נישט זאָגען, װײל איך פאָהר נישט צוריק. —

— טאָ שרײבט איהם אַ קאַרטעל!... שרײבט איהם, אַז כ׳האָב געלאָזט דאָ פערמאַכען די עלעקטריע, שרײבט איהם! און אַז די דירה װעל איך נישט לאָזען אָרדנאָװיען, שרײבט איהם! און אַז ער װעט צוריקקומען אַהײם, װעט ער האָבען נישט קײן דירה, נאָר — אַ שטאַל, שרײבט איהם! און אַז דעם ערשטען פאָהר איך קײן קרױניץ, שרײבט איהם! און אַז דעם דענטיסט׳ס זוהן, דער סטודענט, פאָהרט אויך קײן קרױניץ, שרײבט איהם!... און װאָגולע, אַז איך לאַך פון׳אי הם, שרײבט איהם, איהר פערשטעהט? און איצט װעל איך אײך בעטען, איהר זענט דאָך עפּעס אַן אײגענער, האַלט מיר דאָ מײן טאָכטער׳ס פּעצעל׳ס אַ פינף מינוט, יוזף בין אַ[illegible] שװעה, כ׳האָב נישט װעמען איבערצולאָזען, כ׳װיל אַרײנגעהן צו דער שכנ׳טע קלונגען צו דער שנײדערין: האַלט מיר, כ׳בעט אײך, אַ װײלע ס׳קינד אויף די הענד, אָט אַזױ אַ... איך געה אַרײן, כ׳װעל שוין דאָרט איבערלײענען דאָס בריװעל אויך... — פּשעפּראַשאַם נאַ פּיענטש מינוט!...

• • •

איך האָב נישט בעװיזען צו זאָגען „נײן“ און כ׳האָב שוין געהאַלטען אויף די הענד דאָס קינד, װי אַ קװאָטער... און זי, די בעל־הבית׳טע איז אַרױסגעלאָפען.

אין עטליכע מינוט אַרום איז די בעל־הבית׳טע האַסטיג אַרײנגעלאָפען צו מיר מיט אַ טענה:

— פּאַניע שאַנאָװני, איך האָב איבערגעלײענט דאָס בריװעל, נאָר עס איז האָך נישט צו מיר! ס׳איז אַ טעות! עס איז נאָר אַדרעסירט צו אַן׳אַנדער פרוי ראָזענפעלד, װעלכע װאוינט דאָ אויס׳ן זעלבען הויף, אָבער נישט דאָ אין פראָנט, נאָר — אין דער אָפיצינע, רעכטס!...

• • •

איך בין אײך שוין מוחל די איבעראַשונג, װאָס איך האָב געהאַט.

ס׳איז בײ מיר געװען פיל גרעסער די איבעראַשונג, װען זי האָט צוריק צוגענומען דאָס קינד און איך האָב דערזעהן, אַז ס׳איז מיר אינגאַנצען אַ תל געװאָרען פונ׳ם נײעם אַנצוג...

אָבער געה האָב טענות צו אַ קינד!... זען דאָס איז אַ דערװאַקסענער מענש, װאָלט ער געװען פעראַנטװאָרטליך פאַר זײנע מעשים...

מ. בעראבאן

(נאכדרוק פארבאטען)

געשיכטען פון גערער הויף

דער ערשטער גערער רבי

די פריינדשאפט צווישען דעם גערער רבי'ן און ר' יעקעלע ראדזימינער. — א קאצקער חסיד קומט פרעגען אנ'עצה דעם חידושי הרי"ם. — דער „חידושי הרי"ם" שיקט דעם חסיד צו ר' יעקעלע ראדזימינער. — דער מופת פון ראדזימינער רבי'ן. — וואס הייסט: האבען אפענע-אויגען. — דער משמש וויל פער'סמ'ען דעם ראדזימינער רבי'ן. — ווערט א נס געראטעוועט געווארען פון טויט. — דער „חידושי הרי"ם" איז זיך משתדל די אנגעקלאגטע זאלען בעקומען א גרינגע שטראף. — דער בריף פון „חידושי הרי"ם" צו ר' יעקעלע ראדזימינער וועגען דעם ענין

52-טעס קאפיטעל

א גרויסע אהבה האט אויך געהערשט צווישען דעם חידושי־הרי"ם און דעם ראדזימינער רבי'ן, ר' יעקב־ארי', וועלכער איז שוין געווען א זקן און נאך פון די ערשטע חסידים פון פשיסכע. דער ראדזימינער רבי, וועלכער האט פריהער געהאט געוואוינט אין ריטשעוואל און דערנאך זיך איבערגעצויגען קיין ראדזימין, פלעגט זעהר אפט קומען קיין ווארשא און זיך זעהן מיט'ן חידושי־הרי"ם, און דער לעצטער פלעגט זעהר אפט הייסען קאצקער חסידים פאהרען קיין ראדזימין, אויסבעטען א ישועה.

את איינמאל — דערצעהלען אלטע גערער חסידים, — איז געקומען א קאצקער חסיד קיין ווארשא, א גרויסער גביר פון פולטוסק, און האט זיך מתנצל־געווען פאר'ן חידושי־הרי"ם, אז מען האט איהם אויפ'ן וועג בע'גנב'עט, בעת ער איז געפאהרען אין איין פוהר מיט א פאר יודען, און ביי איהם צוגענומען טויזענד קערבלעך.

דער חידושי־הרי"ם האט געוואוסט, אז מיט אזעלכע בקשות וואלט דער חסיד נישט געוואגט צו קומען קיין קאצק, און ער האט אויך פערשטאנען, אז א חסיד, ווען ער איז אין אזא עת־צרה, מוז האבען א רבי'ן, פאר וועמען ער זאל זיך קאנען דאס הארץ אויסרעדען, אבער איהם האט דאס הארץ וועה־געטהון, וואס מען האט איהם אויסגעקליבען דערצו. אמת טאקע, אז דער חידושי־הרי"ם איז געווארען דער פערמיטלער צווישען די חסידים און דעם קאצקער רבי'ן; אמת טאקע, אז דער חידושי־הרי"ם האט אנגענומען אזא דרך, אז די אנדערע רביים האבען אויף איהם געזאגט, אז ער האט אויסגעקליבען דעם „שביל־הזהב", דעם „גאלדענעם ...", אבער אז מען זאל שוין צו איהם קומען מיט אזעלכע בקשות מעגען פשוט'ע גשמיות'דיגע זאכען — דערויף האט ער זיך נישט געריכט.

אבער דער חידושי־הרי"ם האט זיך פארט נעהאט איבערגענומען מיט'ן צער פון דעם יודען און ער האט איהם נישט געקאנט אבשיקען מיט גארנישט. האט דער חידושי־הרי"ם איהם גע'עצה'ט, ער זאל פאהרען צו ר' יעקעלע ראדזימינער און זאל פון איהם נישט אבטרעטען, ביז ער וועט צוריק האבען דאס צוגע'גנב'עטע געלד.

דער חסיד האט טאקע געהארכט דעם חידושי־הרי"ם און איז באלד אוועקגעפאהרען קיין ראדזימין, און ווען ער האט ביים אבגעבען דאס קוויטעל דערצעהלט, אז מען האט ביי איהם צוגע'גנב'עט טויזענד רובל און ער פערלאנגט, אז ר' יעקעלע ראדזימינער זאל איהם מגלה־זיין, וואו דאס געלד איז, האט זיך ר' יעקעלע אויפגעשטעלט פון דעם „פראווע־שטוהל" און האט אנגעהויבען שרייען: פונוואנען זאל איך וויסען, וואו דיין געלד געפינט זיך? איך קאן שווערען, אז נישט איך און נישט מיינע עלטערן זענען דארט געווען, וואו מען האט דיר דאס געלד צוגע־גנב'עט!

דער חסיד האט אבער געהאט אן אנזאג פון חידושי־הרי"ם, ער זאל פון שטוב נישט אבטרעטען, ביז ר' יעקעלע ראדזימינער וועט איהם געבען אן עצה.

און כך־הוה. אז ר' יעקעלע האט געזעהן, אז דער חסיד טרעט פון איהם נישט אב, האט ער איהם געפרעגט: „יונגערמאן, פונוואנען נעהמט זיך ביי דיר אזויפיל חוצפה?"

דא האט דער חסיד זיך שוין נישט געקאנט איינהאלטען און האט איהם, דעם רבי'ן, געזאגט, אז אהער האט איהם געשיקט ר' איטשע־מאיר פון ווארשא, דער חידושי־הרי"ם.

ר' יעקעלע ראדזימינער איז נאך מעהר אין כעס געווארען און האט אנגעהויבען שרייען: „וואס, איך האב א הינטער־טיר אין הימעל אריין, און ער — נישט? ער וויסט נישט דערזעלבען וועג וואס איך? איך וואלט אויך געוואלט זיצען א גאנצען טאג אין קלויז און עוסק־זיין אין רוחניות־דיגע זאכען, נאר די וועלט לאזט מיך נישט. איז לא־די, וואס אייגענע מענשען קומען מיר פערדרעהען דעם קאפ, דארף איך נאך אויס־שטעהן צרות פון פרעמדע חסידים? ניין! — האט זיך ר' יעקעלע צעשריגען, — איך קאן דיר גארנישט העלפען, פאהר צוריק קיין ווארשא און זאג עס דיין איטשע־מאיר'ן".

דער חסיד איז אבער קיין ווארשא נישט גע־פאהרען, נאר איז געבליבען זיצען אין ראדזימין און יעדען טאג געוויינט מיט ביטערע טרעהרען, אז דער ראדזימינער רבי זאל איהם העלפען, ביז ר' יעקעלע ראדזימינער האט איהם איינמאל אינדערפריה אריינגערופען און צו איהם געזאגט: „יונגערמאן, איך זעה דאך, אז כ'וועל זיך פון דיר שוין מעהר נישט אבטשעפען. העל איך דיר מגלה־זיין א פאר זאכען און דערמיט וועסטו שוין געפינען צוריק דיין געלד."

דער חסיד איז דעם זעלבען אויפהערנאכט אבגעפאהרען אין א קרעטשמע אריין, אזוי ווי ר' יעקעלע ראדזימינער האט איהם געהייסען.

ווען ער איז אריינגעקומען אין דער קרעטשמע האט ער געטראפען דארט טרינקען א פאר פראסטע יודען. דער פולטוסקער גביר האט זיך אוועקגעזעצט אין א זייט און האט זיך שווייגענדיג צוגעקוקט ווי דער עולם טרינקט. פלוצלינג האט ער בעמערקט, אז עס קומט אריין עפעס א רייכער מענש אין א טייערען שאפעלץ, הייסט זיך געבען משקה, טרינקט־אויס און ביים בעצאהלען נעהמט ער ארויס א גרויסען טייסטער מיט געלד און בעצאהלט דעם קרעטשמער. דערווייל פערגעסט ער דעם גאנצען טייסטער מיט געלד אויפ'ן בענקעל, וואו ער איז געזעסען, און ער געהט אוועק. דער פולטוסקער אבער האט געוואלט איהם נאכשרייען און איהם דערמאהנען, אז ער האט פערגעסען דאס גאנצע געלד, אבער ער האט זיך דערמאהנט אן די ווערטער פון ר' יעקעלע ראדזימינער, וועלכער האט איהם אנגעזאגט פאר'ן אוועקגעהן: „קוק און שווייג"... און דער יוד האט טאקע געשוויגען. דערווייל איז אריינגעקומען עפעס אן אבגעריסענער יוד, האט זיך אוועקגעזעצט ביים זעלבען טיש, וואו עס איז פריהער געזעסען דער גרויסער גביר און האט זיך געהייסען געבען א גלעזעלע בראנפען. פלוצלינג דערזעהט ער דעם טייסטער מיט געלד ליגען אויף דעם בענקעל כאפט ער עס גלייך צו, בעצאהלט שנעל דעם קרעטשמער און ווערט נעלם. דערנאך קומט ווידער אריינגעגאנגען עפעס א יוד, הייסט זיך עפעס געבען און לאזט ווידער איבער א בייטעל מיט געלד. דא האט שוין דער פולטוסקער גביר דערקענט, אז עס איז זיין טייסטער. ער האט עס באלד צוגענומען און איז אבגעפאהרען קיין ווארשא. ווען ער איז אריינגעקומען צום „חידושי־הרי"ם", האט ער זיך צעוויינט פאר שרעק און געבעטען דעם „חידושי־הרי"ם" ער זאל איהם פותר־זיין, וואס ער האט אזוינס געזעהן.

— ס'איז נישט געשעהען קיין שום אויס־מעה'לישע זאך, — האט דער „חידושי־הרי"ם" געזאגט, — ר' יעקעלע ראדזימינער האט דיר נאר געעפענט די אויגען אויף א האלבער שעה דו זאלסט זעהן זאכען נישט ווי עס זעהען זיי א פשוט'ער בשר־ודם מיט זיינע פליישענע אויגען. דו האסט בעקומען א העכערען כח צו זעהן און דערפאר האסטו מעהר געזעהן ווי אנדערע.

דער יוד, וואס איז אריינגעקומען צום ערשטען אין דער קרעטשמע, — האט דער „חידושי־הרי"ם" ווייטער געזאגט, — איז געווען אין ערשטען גלגול א פאכטער פון א גרויסען גוט, און דער ארימער יוד, וואס איז דערנאך אריינגעקומען, איז געווען זיינער א פארחבר. דער ארימער יוד האט דאס גאנצע לעבען געארבייט ביי דעם רייכען יודען און יענער האט איהם קיין גראשען שכירות נישט בעצאהלט. איצט זענען זיי ביידע מגולגל געווארען. דער ארימער יוד האט גאר קיין אוצר נישט געפונען, ווייל ער האט אין דער אמת'ן בלויז אבגענומען זיין געלד, דאס געלד, וואס איז איהם געקומען פון רייכען יודען.

— און וואס איז געווען מיט מיר? — האט דער חסיד ווייטער געפרעגט.

— יא, וועגען דיר איז א פערוויקעלטער ענין. דא איז אויך א מעשה מיט א גלגול. אבער איך טאר מעהר נישט רעדען, ווייל דו און יענער, וואס האט צוריקגעבראכט דעם טייסטער מיט געלד, דארפען נאך א סך נסיונות דורכגעהן אין לעבען און מען טאר נישט אלץ אויסזאגען. אבער וואס איז דיר א נפקא־מינה? דער עיקר איז,

און א צייט ארום איז געשעהען א מעשה גע־ראַ מיט ר' יעקעלע'ן, וואס האט איבערגעהערט אלע יודען אין פוילען.

ר' יעקעלע ראדזימינער האט, נעמליך, געהאט א משמש, עפעס א יוד א גראבען יונג, וואס האט אבגעמאכט א סך צרות די חסידים און האט פערשאפט ר' יעקעלע'ן גרויס צער, ביז ער האט שוין פון איהם מעהר נישט געקאנט אויסהאלטען און ער האט איהם געהייסען אבשאפען.

דער משמש איז בייז געווארען אויפ'ן ראדזימינער רבי'ן, וואס האט איהם צוגענומען די פרנסה, און דא האט ער צוגעטראטען א מורא'דיגען פלאן. ער האט אנגערעדט זיין ווייב, וועלכע האט געבאקען יעדען שבת חלות פאר'ן ראדזימינער רבי'ן זי זאל אריינטהון אינ'ם טייג סם.

די נארישע יודענע האט זיך געלאזט אנרעדען פון איהר מאן און זי האט אזוי געטהון. דער ראדזימינער האט פרייטאג־צו־נאכטס ביים טיש געמאכט א המוציא איבער די חלות און ביים אויפעסען א כזית חלה, האט ער גלייך דערשפירט אזעלכע שרעקליכע ווערטאגען אין בויך, אז ער איז פאר'חלש'ט געווארען. עס איז באלד געווארען א גוואלד, עס איז אנגעקומען דער יודישער פעלדשער מיט דעם שטאדטישען דאקטאר, און מען האט דעם רבי'ן מיט גרויס מיה דערמונטערט. נאכדעם, ווי ער האט א פאר מאל געבראכען און די רופאים האבען איהם געגעבען פערשידענע רפואות, איז איהם אביסעל בעסער געווארען. דער רבי איז אבער דערנאך געלעגען א פאר וואכען געפעהרליך קראנק. דער רופא מיט דעם שטאדטישען דאקטאר זענען אבער דערגאנגען, אז דער ראדזימינער רבי האט זיך פער'סמ'ט, האבען זיי אנגעהויבען נאכצופארשען די זאך, ביז מען האט ענטדעקט, אז אין די חלות איז אריינגעטהון געווארען סם. דער שטאדטישער דאקטאר האט די גאנצע זאך איבערגעגעבען דעם פראקוראר און מען האט באלד דעם משמש מיט'ן ווייב ארעסטירט און פערפיהרט געגען זיי א פראצעס.

דער ראדזימינער רבי האט בעקומען אן אויפפאדערונג צו קומען קיין ווארשא עדות־זאגען אויפ'ן פראצעס. ער האט זיך אבער נישט געקאנט קיין עצה געבען, וואס צו טהון. זאגען ליגען האט ער נישט געוואלט. ווידער זאגען אמת — האט ער דאך געוואוסט, אז דער יוד וועט דאן בעשטראפט ווערען מיט א הארבער שטראף.

דער ראדזימינער רבי האט [illegible] בעשלאסען זיך צו ווענדען צום „חידושי־הרי"ם" מיט א בריף און איהם פרעגען אן עצה, וואס צו טהון. ער האט איהם גלייכצייטיג געבעטען, ער זאל אויספועל'ן אין ווארשא ביי די ריכטער, זיי זאלען ארויסטראגען א גרינגערע שטראף.

דער בריף, מיט וועלכען דער „חידושי־הרי"ם" האט געענטפערט ר' יעקעלע ראדזימינער, געפינט זיך נאך היינט אין גערער הויף און איז געווארען אבגעדרוקט אין א חסידישען ספר, וואס די גערער חסידים האבען מיט א פאר יאהר צוריק ארויסגעגעבען.

דער בריף טראגט די דאטע: יום ה' י"ה למב"י (למספר בני ישראל), תרי"ז. דער טיטול איז: „החיים והשלום וכל טוב לכבוד אהובי ידיד נפשי, חביבי ה"ה המאוה"צ הצדיק החסיד, בוצינא קדישא המפורסם מ' יעקב שיחי'."

אין בריף שרייבט דער „חידושי־הרי"ם": „עכ"ז ודאי לתפיסה ושאר עונשים ראויה מרשעת הזאת ואין לרחם על אכזרים כאלו ופטרם לגמרי, אם עכ"פ (על כל פנים) ברור הדבר שעשתה כן".

און ער ענדיגט דעם בריף מיט'ן צוזאג, אז „מה שיהי' באפשרי להשתדל ולהקל — אעשה"

דער פראצעס איז פארגעקומען אין איינעם פון די ווארשאווער געריכטען. דער ראדזימינער רבי האט אליין געמוזט זיך שטעלען צום פראצעס. דאס געריכט האט פון אנפאנג פערלאנגט, אז דער ראדזימינער רבי זאל אבגעבען זיין עדות־זאגען אונטער א שבועה, אבער דער ריכטער האט גענומען אין אכט דאס גרויסע אנזעהן, וואס דער ראדזימינער רבי האט צווישען די יודען אין פוילען. ער האט זיך אויך גערעכענט מיט זיין אלטקייט און דערפאר איהם בעפרייט פון דער שבועה.

דאס עדות־זאגען פון ראדזימינער רבי'ן איז פערוואנדעלט געווארען פשוט אין א פערטיידיגונגס־רעדע פאר די אנגעקלאגטע. דער ראדזימינער האט זיך אינמיטען רעדען שטארק צעוויינט, אז ער האט אויף דער עלטער געדארפט ברענגען דערצו, א יוד זאל דורך איהם דארפען קומען צו אזעלכע זינדיגע מחשבות...

דאס געריכט האט זיך שטארק גערעכענט מיט דעם עדות־זאגען פון דעם ראדזימינער רבי'ן און מסתמא האט אויך מיטגעווירקט די פראטעקציע, וואס דער „חידושי־הרי"ם" האט אויסגענוצט און — מען האט די אנגעקלאגטע געגעבען זעהר א גרינגע שטראף. אינגאנצען האבען זיי בעקומען צו 5 חדשים זיצען.

און ווען דער ראדזימינער איז אבגעפאהרען, האט דער „חידושי־הרי"ם" געזאגט צו זיינע חסידים: „דער ראדזימינער רבי, וועלכער מאכט מענשען זעהענדיג, האט דאס מאל אליין נישט געזעהן, אז אלץ האט אזוי געמוזט זיין, ווייל אלץ ווערט געפיהרט מיט דער השגחה העליונה"...

די חסידים האבען א סך אריינגעקלערט אינ'ם „חידושי־הרי"ם'ס" דבורים, אבער קיינער האט נישט געוואגט צו פרעגען, וואס דער „חידושי־הרי"ם" האט דערמיט געמיינט...

דר. א. זאמלער

אלטע יודישע געשטאלטען

רב כהנא ביי ר' יוחנן

אז רב כהנא האט געמוזט צוליב א מעשה אוועק פון בבל קיין ארץ־ישראל, האט איהם זיין רבי, רב, אנגעזאגט „אז דו וועסט קומען אין ר' יוחנן'ס שולע, זאלסטו זיבען יאהר נאכאנאנד זיך איינהאלטען און נישט פרעגען ר' יוחנן ביים לערנען מיט די תלמידים קיין קשיות". געקומען אין ר' יוחנן'ס בית־מדרש, טרעפט דארט רב כהנא ווי תלמידים זיצען און ריש־לקיש לערענט מיט זיי איין ר' יוחנן'ס שיעור פון יענעם טאג. רב כהנא אבער האט נישט געוואוסט ווער דאס איז, פרעגט ער זיך: „וואו איז דא ריש־לקיש?" — פרעגען איהם די תלמידים: „צו וואס דארפסטו איהם?" — ענטפערט ער זיי: „אזוי פרי און די ווערטער פון ר' יוחנן קאן מען אבפרעגען אזוי און אזוי און אבענטפערן אזוי און אזוי". גיט מען עס איבער ריש־לקיש'ן.

געהט ריש־לקיש און דערצעהלט ר' יוחנן: „א לייב — זאגט ער — איז אנגעקומען פון בבל; צו דער מארגענדיגער דרשה דארפסטו זיך גוט צוגרייטען".

אויף מארגען ביים שיעור האט מען רב כהנא'ן אנידערגעזעצט פאר ר' יוחנן אין דער ערשטער שורה תלמידים. זאגט ר' יוחנן אב איין הלכה — און רב כהנא פרעגט איהם נישט אב, א צווייטע — און ער פרעגט אלץ נישט אב. האט מען איהם אנגעהויבען אראברוקען צוריק, וואס ווייטער — מיט א שורה נידריגער, ביז מען האט איהם איבערגעזעצט אין דער זיבעטער, גאר דער לעצטער, שורה.

רופט זיך אן ר' יוחנן צו ריש־לקיש'ן: „פונ'ם לייב דיינעם האט זיך אויסגעלאזט א פוקס".

קאן זיך שוין רב כהנא מעהר נישט איינהאלטען און טראכט זיך: „זאלען די זיבען שורות בעשטעהן פאר די זיבען יאהר, וואס רב האט מיר אנגעזאגט". און באלד שטעלט ער זיך אויף די פיס און זאגט:

— זאל דער רבי מוחל זיין אנהויבען דעם שיעור נאכאמאל פון דאס ניי.

זאגט ר' יוחנן איבער נאכאמאל די ערשטע הלכה — און רב כהנא פרעגט איהם אב. די צווייטע, און ער פרעגט איהם ווידער אב — און אזוי ביז מען האט רב כהנא'ן איבערגעפיהרט צוריק אין דער ערשטער שורה. דער אלטער ר' יוחנן איז געזעסען, ווי דער שטייגער, אויבען־אן אויף זיבען קישעלעך. און ווי רב כהנא האט גענומען איהם אבווענדען מיט הארבע קשיות, האט ער נאך יעדער קשיא ארויסגעשלעפט פון אונטער זיך צו איין קישעלע — ביז ער איז געבליבען זיצען גלייך מיט אלע תלמידים אויף דער ערד.

ר' יוחנן האט געהאט גרויסע ברעמען, רופט ער זיך אן צו די תלמידים: „הויבט מיר אויף די ברעמען מיינע, לאמיך אויף איהם א קוק טהון". האט מען איהם אויפגעהויבען די ברעמען מיט א זילבערנעם אויגען־פוץ־שטיפט. דערזעהט ער, ווי ביי רב כהנא'ן זענען די ליפען צענומען. מיינט ר' יוחנן, אז יענער לאכט פון איהם, ווערט ער ביי זיך ארבגעפאלען — איז רב כהנא געשטראפט געווארען און געשטארבען.

אויף מארגען זאגט ר' יוחנן צו זיינע תלמידים: „האט איהר בעמערקט, וואס יענער בבל'ער האט אבגעטהון?" ערקלערט מען איהם, אז דאס איז ביי רב כהנא'ן געווען אזא נעוואוינהייט, האלטען שטענדיג די ליפען צענומען. געהט ר' יוחנן אוועק צו דער הייל, וואו רב כהנא איז געלעגען בעהאלטען, געפינט ער א שלאנג פערוויקעלט ארום דעם אריינגאנג. רופט ער זיך אן צו דער שלאנג:

— עפען דיין מויל און לאז אריין דעם רבי'ן צום תלמיד.

עפענט זי נישט.

— לאז אריין דעם חבר צום חבר.

עפענט זי נישט.

— לאז אריין דעם תלמיד צום רבי'ן.

האט זי געעפענט. איז ר' יוחנן אריין אין הייל און האט דארט אזוי לאנג געבעטען גאט, ביז רב כהנא איז אויפגעלעבט געווארען. רופט זיך אן ר' יוחנן: „ווען איך וואלט ווייס פריהער, אז דאס איז ביי דיר אזא געוואוינהייט — וואלט עס מיך נישט געארט. איצט הויב זיך אויף און קום מיט אונז".

זאגט איהם רב כהנא: „אויב דו קאנסט גאט בעטען פאר מיר, איך זאל נאכאמאל נישט שטארבען — געה איך מיט אייך; אויב אבער נישט — געה איך נישט; גענוג פאר מיר, אז איך האב איינמאל פערזוכט דעם טעם פון שטארבען".

האט איהם ר' יוחנן אויפגעמונטערט און געשטעלט אויף די פיס.

דערנאך האט ר' יוחנן געפרעגט ביי רב כהנא'ן יעדע הארבע שאלה, וואס ער האט געהאט, און ער האט איהם אויף אלץ געגעבען א קלארע תשובה.

הומאָר, שאַרזש און קיבעץ פון מ. נאָדעלמאַן

ענטשולדיגט!

פון אַ הומאָריסטישען דיכטער־צו די לעזער

איך וויל ביי אייך, לעזער,
אַ קליינטשיקע טובה:
היות ווי ס'איז זומער,
און היים, און אזוי ווי
כ'בין, ליידער, אַ מענש אַ
בעלייבטער, קאַטאַרע
זועגט צווי הונדערט פונט
אינ'ם העמד, אהן עידהרע, —
זאלט איהר נעפעלינסט
נישט זוכען קיין טעם און
קיין ריח אין די דאזיגע
„וויצינע“ גראַמען!

י. מ—ק.

אַ גוטער איינפאַל

— איך ווייס נישט וואָס מיר זאָלען מאַכען מיט אונזער אַדעס'ן. מ'קאָן זיך אויף איהם נישט פערלאָזען פון האַנטען ביז אהין!

— איך מיין, אז מיר וועלען איהם אריינגעבען אלס אנגעששטעלטער אין „פּיס“. האַרט וועלען מיר איהם פערצוקערען!...

אין ליטעראַטען־פעראיין (אונטערגעהערט)

— שוין מעהר ווי אַ יאָהר ווי איך האָב געמאַכט ליטעראַטור פאַר מיין איינציגע בעשעפטיגונג.

— נו, האָסט שוין עפּעס פערקויפט?

— יאָ, מיין זייגער, מיין ווינטער־מאַנטעל און אַ רינגעל.

דראַביאַזג

אַ רעסטאָראַטאָר אין גאַליציען איז געשאָסען געוואָרען פון אַ מענשען, וועלכען ער האָט נישט געוואָלט געבען צו עסען.

מיר קענען אַ סך רעסטאָראַטאָרען, וואָס וואָלטען געמוזט געשאָסען־ווערען פאַר יא געבען מענשען צו עסען.

*

וועגען אַ געוויסער פרימאַדאָנע האָט אַ געוויסער קריטיקער אזוי זיך אויסגעדרוקט:

„מאַדאַם איקס־אינרעס
האָט זעהר נעלונגען,
פערקיהלט זיך און וואונ־
דערבאַר נישט געזונגען“.

*

הימלער האָט זיך ענטזאָגט אויפצונעהמען אַנ'אויסלענדישען פילם־קאָמיקער, נישט אַכטענדיג אויף דעם — זאָגען קריטיקער — וואָס דער פילם־קאָמיקער איז אַ סך אַ גרעסערער קאָמעדיאַנט!

ביים האַמאַק אין פענסיאָנאַט

אויפגעכאַפּטע שמועסלעך

— וואָס זענען זי אזוי האַיר?
— ווייל איך האָב עגמת־נפש!
— פון וואָס?
— דערפון וואָס כ'בין אזוי האַיר!

*

— זי זעהען אויס יעדען טאָג שענער!
— געהען זי שוין... זי טרייבען איבער!
— נו שוין, זאָל זיין יעדען צווייטען טאָג!..

*

— אָה, כ'וואָלט אזוי געוואָלט פאַלען אייך צו די קניה און ערקלערען זיך אין ליבע. נאָר איך האָב נישט קיין דרייסטקייט!
— פאַרוואָס?
— ווייל כ'האָב מורא, אז די שעלקעס זאָלען מיר נישט פּלאַצען!

צום קאָנגרעס אין פּראַג

זשאַבאָטינסקי איז געקומען צום קאָנגרעס מיט אַ מוהל.
אַ קשיא אויף אַ מעשה.... ער האָט שוין געמאַכט אזוי פיל ברית'ן: אַ ברית־שלום, אַ ברית־טרומפּעלדאָר, אַ ברית־החיל, — מסתמא ווייל ער שאַפען אין פּראַג נאָך אַ ברית!

פּליאַטקעס וועגען היימישע מענשען

דער זשורנאַליסט ה. איז געוועזען קראַנק. אַנומלעט איז ער אַריינגעכאַפּט אין דער „בוחי־קע“ פּנ'ם סקווער אויף פּלאַץ מעאַטראַלני און האָט געזעסען אַנ'ערך 10 מינוט.

אַרויסגעהענדיג פון דאָרט האָט ער די „אונטער־בעטין“ פערלאַנגט אַנ'אַכצאָהל פון צוואַנציג גראָשען.

דער זשורנאַליסט האָט דאַן אַרויסגענומען פון פּאָרטפעל די לעגיטימאַציע איהר געוויזען און אַ זאָג־געטהון:

— פּראַסאַ!...

*

דער הומאָריסט נ. איז געווען איינגעלאַדען אויף אַ וויעטשאָרעק. די בעל־הבית'טע האָט איהם געוואָלט אָנטהון פערגעניגען, האָט זי געהייסען איהר דערוואַקסענע טאָכטער, אַז זי זאָל עפּעס איינשפּילען אויפ'ן קלאַוויר.

די שאָכטער האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטען און האָט „רעזלאַנגט“ אַ שטיקעלע בעטהאָווען.

נ., וועלכער איז גראָד געזעסען נעבען קלאַוויר, האָט זיך גענומען שפּילען מיט אַ קליין פּאָרצע־לאַן־פיגור'ל וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן קלאַוויר.

די בעל־הבית'טע האָט דאַן אויפמערקזאַם געמאַכט דעם גאַסט:

פיגור, בעת מיין טאָכטער גיט קאָנצערט?

— איך שפּיל זיך נישט — האָט זיך פערענטפערט נ. — איך פערשטאָפּ נאָר בלויז די אויערען בעטהאָווען'ען!..

אַ נייער קבצן...

— שענקט'ס עפּעס אויף אויסצולייזען מיין ווייב פון פענסיאָנאַט, שענקט'ס!..

אינגאַנצען ערהליך...

אַ גרוס פון די בערג

דא, אין די
כאַסנעס,
ליפּעס און
דעסבעס,
מאַכען די
פיינעל
נישט צו די
נעסטעס,
פּוקט ווי
די גרילען
און זשוקעס
פערשידענע,
און (זאָל זי
געזונד זיין)
מיין איינענע
יודענע.

אַנ'עצה

אין אַ קאָנפעקציע־געוועלב אויף קאַרמעליצ־קע קומט אַריין אַ קונה און הייסט זיך ווייזען אַנ'אויבער העמד.

מען ווייזט איהם אַ העמד און דער קונה פרעגט:

— וויפיל איז דער פּרייז?
— זיבען זלאָטעס!
— זיבען זלאָטעס? עס איז דאָך אַ גלמיינער סאָרט. נאָך דער ערשטער וועש וועט דאָך ווערען פונ'ם העמד אַ תל!
— מאַ וועד הייסט עס אייך וואַשען? — עצה'ט דער קאָנפעקציאָנער.

אין שטייער־אמט

— וואָס איז אייער פאַך?
— אַ פּאָסטער!
— איהר פּאַסט אין ציריק?
— גיין, אינדערהיים!

אין געריכט

ריכטער: איהר ווערט בעשטראָפט מיט 5 יאָהר שווערע תפיסה!

אנגעקלאָגטער (צו איינעם פון פּובליקום): כ'בעט אייך, זייט אזוי פריינטליך, גיהט אהיים צו מיר און זאָגט מיין פרוי, אַז כ'וועל היינט נישט אהיימקומען אויף קאָלאַציע!

פון די פרעהליכע מצבות

אַנ'איינזאַמע

אט די וואס ליגט
אין קבר דא —
אנ'איינזאַמע,
פערלאזען,
האט שטענדיג
אויף דער מענער־וועלט
מיט מאדנע קעלט
געבלאזען.

זי האט דעם
מענליכען געשלעכט
קיין צערטליכקייט
נעגעבען,
דערפאר איז איצט
איהר „לאנע“ דא
אַ קאפּיע פון
איהר לעבען...

ביים פריזירער

— זי אזוי, פּאַניע שאַנאָוני, זאָל איך אייך שערען?

— איהר קאָנט מיך שערען ווי אזוי איהר ווילט אַבי נישט רעדען וועגען פּאָליטיק, וועגען קריזיס און וועגען היטלער'ן.

קאָמוניקאַט!

צו די צענדליגער מיליאָנען פאַטריאָטען פון דער „שד“־רעפּובליק

איך מאַך בעקאַנט די צענדליגער מיליאָנען לעזער און אַנהענגער און בירגער און סתם פריינד פון דער „שד“־רעפּובליק, אַז די אורלויב־אינוואַזיע אויף דער טעריטאָריע פון „שד“ איז אויס. דער אָקופּאַנט האָט געמאַכט „ויברח“ און פון היינט אָן נעהם איך, נעבעך, צוריק איבער די לייטונג איבער דער דאָזיגער הומאָריסטישער רע־פּובליק.

איך בעט זיך צו בעציהען ערנסט צו אונזער אַרבייט און למען־השם נישט לאַכען פון אונזערע לידלעך, קאַריקאַטורען און וויצען...

הייל וויצלער!

(—) מ. נאָדעלמאַן.

אַנ'איינלאַדונג

אין אַ ביורא פון דינסטען קומט אַריין אַ יונגערמאַן און ווענדעט זיך צום בעאַמטען:

— איהר האָט מיר רעקאָמענדירט די קעכין יאַדוויגאַ לוסטיג!

— יאָ, נו איז וואָס זענט איהר געקומען זיך בעקלאָגען אויף דאָ?

— ניין, כ'בין אייך נאָר געקומען בעטען אויף מיטאָג צו מיר!

צווייטע רעדע פון נחום סאָקאָלאָוו

(פון זייט 3).

דאגעגען איז פאר די יודען דער קריזיס א קאַ־טאַסטראָפע, וועלכע האָט קיינמאָל נישט געהאַט איהר גלייכען. די יודען האָבען זייער ביסעל געלד פערלוירען. דער מיטעלקלאַס איז גאַנץ רואינירט, פאַר'ן האַנדעל איז נישטאָ אָדער כמעט נישטאָ קיין אָבראָטקאַפּיטאַל, און אויב די תבואה־פּריי־זען זאָלען אפילו שטייגען, איז זעהר צווייפעל־האַפט צי האָט וועט די יודען בעדייטענד העלפען, דערהויפּט קומט נאָך האָט זיך שנעל פערשפּרייטענ־דע סיסטעם פון פערגעזעלשאַפטליכען און בער־שטאַטליכען מעהרערע אינדוסטריע־צווייגען, — א סיסטעם, וועגען וועלכען מען קאָן קוים בעהויפּ־טען מיט בעשטימטקייט, צי עס איז פון שטאַנד־פּונקט פון די שטאַטס־אינטערעסען נוצליך אָדער שעדליך. עס איז אָבער א פאַקט, אז יעדער אי־בערגאַנג פון אַן'אינדוסטריע־צווייג אין רשות פון שטאַט אָדער פון א גרויסען קאָנצערן ציהט נאָך זיך נויטווענדיגערווייז שטענדיג א גרויסע פערמי־נערונג, אויב נישט די פערשווינדונג פון דער יודישער בעשעפטיגונג און יודישער אַרבייט. דער עקספּאָרט קיין רוסלאַנד האָט זיך אָבגעשטעלט. מזומן געלד איז געוואָרען א יקר־המציאות. מען צאָהלט מיט וועקסלען נישט בלויז אין געשעפט, נאָר אויך אין האַנדעלס־קאַבינעט אָדער פאַר'ן צוי־טונגס־אַבאָנאַמענט, זאָגאַר פאַר די שטעמפּעל־מאַרקען צום וועקסעל, וועלכען מען שטעלט אויס. ווען עס טרעפען זיך צוויי מענשען, מעג מען זי־כער זיין, אז אין רוב פאַלען בעט איינער דעם אַנדערען א גמילות־חסד, אָדער ווענינסטענס א זשי־רא. דער כּח איז אַן'אונגעהויערע שטייגערונג נאָך פּראָטעסטירטע וועקסלען ביים נאָטאַר. דאָס געלד פון אַמעריקאַנער קרובים האָט אויפגעהערט צו קומען.

פון וואָס זאָלען די פּוילישע יודען לעבען? עס איז א ווירטשאַפטס־וואונדער אָהן גלייכען, וואָס דאָס פּוילישע יודענטום לעבט נאָך, וואָס עס צאָהלט נאָך אַלגעמיינע און יודישע שטייערען, ליישטעט נאָך פילאַנטראָפּישע אַרבייט און גיט בעדייטענדע ביישטייערונגען פאַר ציוניסטישע און אַלגעמיין־יו־דישע צוועקען. דער כּח פון דער האַרציגער ווידערשטאַנד בעשטעהט דערין, וואָס דאָס פּוילישע יו־דענטום, ווי אַן'אָרגאַנישער קערפּער גיט זיין סטרוקטור פון איבערווערטיג, איז בעשאַפען מיט אַן'ענערגיע, און ווייטאַליטעט, וואָס האָט נישט איהר גלייכען, פון א מיניאַטור־קונסט אַראָבצורייקען אונטער א מינימום די בעדערפעניסען פון עלעמענ־טאַרען לעבען, פון א כּיטרעלער ערפינדונגס־קראַפט, יעדען שאַטען פון אַן'אויפריכטיגען מא־מענט, יעדע אויסזיכט און יעדע אָנרעגונג אויסצו־נוצען פאַר גרויסע לעבענס־איבערהאַלטען. ביי דער גאַנצער מאַטעריעלער חתקות האָט דאָס פּוילישע יודענטום דעריינגעבראַכט דעם הענכסטען פּונקט פון יו־דישער קאָמבינאַציאָנס־פעהיגקייט און פון יודישען לעבענס־פּאַטאָס, און דעריבער קומט דעם האָזיגען יודישען קיבוץ א ספּעציעלער פּלאַץ ווי אין א פער־טרעטונגס־שפּיגעל.

די מאַטעריעלע וואָרן פון פּוילישען יודענ־טום מיט אַלע בעגלייט־ערשיינונגען פון עלענד און יאָמער, וועלכע קענען בעצייכענט ווערן אַלס הונ־גערנויט, מאַכט אילוזאָריש די עמאַנציפּאַציע. דער האָזיגער קאַטאַסטראָפאַלער צושטאַנד האָט געבראַכט בעווענגען דעם שטאַט עקאָנאָמיש צו שטיצען די לעבענס־אינטערעסען פון דעם האָזיגען בעדייטענדען בעפעלקערונגס־טייל, גאַרנישט אַנ־טערנעהמען אַזוינס, וואָס זאָלטען געווען עלי־אַרויסצושטויסען די יודען פון וועלכען עס איז אַרבייטסגעביט, און זיי העלפען אַריינצודרינגען אין אַנדערע געביטען. דער זין פון דער גלייכבע־רעכטיגונג בעשטעהט אין א גלייכמעסיגער בע־ריקזיכטיגונג פון אַלע אינטערעסען פון אַלע בע־פעלקערונגס־קלאַסען און פערזענליך אויף עקאָ־נאָמישען געביט. אויב די יודען זאָלען מאַכען פון שטאַט דעם סימבאָל פון זייער שוץ און שירם, מוז זיין קודם־כּל מאַכען די ערפאַהרונג, אז דער שטאַט איז עקאָנאָמיש בעוואָרענט ווענען זייער עקזיס־טענץ און וואוקס פון אַנדערע שטאַטס־בירגער. די יודען ווילען נישט קיין פּריווילעגיעס, זיי ווילען אָבער אויך נישט זיין דאָס שטיפקינד. דאָס האָזיגע לאַנד האָט נישט צו טהון נישט מיט'ן וועלט־קרי־זיס און נישט מיט דער עקאָנאָמישער נויט אין לאַנד. די יודען ליידען דערין גלייך מיט אַנדערע, דאָס איז בעגרייפליך, אָבער עס געהערט נישט צו דער יודען־פראַגע. צו דער יודען־פראַגע געהערט דאָס, וואָס יודען דאַרפען נאָך חוץ דעם ליידען אַלס יודען. דער האָזיגער מצב פון פּויל. יודענטום ליגט ווי א שווערע לאַסט אויף'ן געוויסען פון וועלט־יו־דענטום, און וואָס העכער האָט וועלט־יודענטום שאַצט די פּוילען'ס גרויסע טראַדיציעס און הומאַ־נע טענדענץ, אלץ זיכערער ערוואַרט עס אַן'עקאָ־נאָמישע פּאָליטיק, וואָס וועט זיך רעכענען מיט דער ספּעציפיש־יודישער נויטלאַגע.

ג. ענטוויקלונג פון ציוניזם אין פּוילען

די א"י־אײַנשטעלונג פון צאָהלרייכע פּויליש־ע יודען איז פון לאַנג אַלט, דאָס זיי זיינען זי־כער וועגען דעם „אַז“ פון זייער אייגענער צו־קונפט אין א"י, זיי זיינען אָבער דאַגעגען נישט זיכער וועגען דעם „ווען“. עס וואָלט פּשוט נישט מעגליך געווען פאַרצושטעלען זיך די לעבענס־איינשטעלונג פון פּוילישען יודענטום אָהן דער אויסזיכט אויף ארץ־ישראל. איינער פון מיינע פריינד האָט זיך וועגען דער האָזיגער קאָנסטעּ־לאַציע אויסגעדריקט איינגעפעהר אַזוי: „וויפיל בעסער וואָלט געווען דער ציוניזם, ווען מען וואָלט זיכער געוואוסט, וויפיל יודען מען וועט אין משך פון די נעכסטע צוויי יאָהר — דער קאָנגרעס־פּעריאָד — געקענט ברענגען קיין א"י האָן וואָלט מען זיך געקענט איינריכטען די עמיגראַנטען צוועקמעסיג צום אָרגאַניזירען, מען וואָלט נישט געדאַרפט אַלע אַנדערע וואָס מוזען בלייבען אין לאַנד, מען וואָלט נישט אָנגעהויבען קיין אונמעג־ליכעס, מען וואָלט אָבער אויך געקענט געפינען די מאָס פון די א"י־מעגליכקייטען. עס איז בעסער, ווען מען ווייס, אַז וואָס מען קען זיך האַלטען און מען ווייס קלאָר וואָס עס איז מעגליך און וואָס אונמעגליך, בעסער ווי דאָס האַלטען זיך בליינדערהייד אַן פאָרמולעס, וואָס ענטשפּרע־כען נישט קיין שום היפּאַלימען פון מאָמענט“.

אָבער געקוקט פון דער אַנדערער זייט, וואָלט אין דעם פאַל וואַהרשיינליך פאַר דאָס רוב ציו־ניסטען זייער לעבען געשטאַנען אונטער אַן'אַנ־ערהטרעגליכען דרוק פון דער האָזיגער פעסטער צי־פער. מען טאָר נישט פערגעסען, אַז א נאַציאָנאַ־לע בעוועגונג קאָן נישט קאַלקולירט ווערען מיט'ן בלייפעדער פון אַן'אַקציאָנס־געזעלשאַפט. זי זאָל געבען דעם אימפּולס פאַר דער גרינדונג פון אַק־ציאָנס־געזעלשאַפטען, אָבער אַז זי זאָל זיך אַליין פערוואַנדלען אין אַן'אַקציאָנס־געזעלשאַפט, וואָלט געווען פּונקט אַזוי מאָנסטרעז ווי אונמעגליך. עס איז אָביעקטיוו און סוביעקטיוו בעסער, ווי עס איז נישט אַזוי.

נעבען דער נויטווענדיגער קלאָרקייט, פּראַק־טישקייט און בערעכענטקייט פון יעדער איינצעל־נער אונטערנעהמונג, שפּילט אין א פּראָצעס פון פּאָלקס־בעפרייאונג יעדער רעוואָלוציאָנס־ענטוזיאַ־זם גרויסע ראָל האָט אונבעוואוסט. נאָר איינס איז זיכער: די אויסברייטערונג, שטאַרקונג און פער־טיפונג פון דער ציוניסטישער בעוועגונג וועלען ערמעגליכען וואַקסענדע פאָרטשריטען אין דער איבערפיהרונג פון א בעדייטענדען טייל פון פּוי־לישען יודענטום קיין ארץ־ישראל.

צופיל פּאַרטייען און צו־פיל קאָמיטעטן־גייסט און פּאַרטייאישע ענגהאַרציגקייט, וועלכע שטעהן אין קיין שום פערהעלטניש צו דער זאַך, און א קאָמבינאַציע פון די אַלטע פּאָליטיקער מיט מאָ־דערנער פּראָבלעמאַטיק, און וועלכער יעדער ני־אַנס און יעדער זייטען־בלעטעל ווערט אויפגעהוי־בען צו דער מדרגה פון א וועלט־אַנשויאונגס־פּראָ־בלעם...

און די יוגענד, אויף וועלכער עס בויט זיך די צוקונפט, ווערט אַריינגעריסען אין דעם דאָזי־גען קאַמף צו־פּרי'ה און על־כּל־פּנים — צו־רויה, טייל פון דער דאָזיגער, און גרינג, אויסגעצייכ־נעטער יוגענד לערנען צו קענען בלויז קאַריקאַ־טורען פון דער ווירקליכקייט, זיי לערנען צו האַ־סען די פּאָלס־גענאָסען, וועלכע שטעהן אין אַנ־דערע לאַגערן. זיי ווערט ערצויגען צו פעראַכטען יעדע בעדענקלעכקייט, יעדעם רעכענען זיך מיט דער סביבה.

אָבער טראָץ די דאָזיגע איבערטרייבונגען און דעם וואַהקס פון פּאַרטיי־מחלוקת איז די פּאָפּולאַ־ריטעט פון ציוניזם אין פּוילען א גרויסער אַק־טיוו. און עס מוז ווייטער געאַרבייט ווערען אין דער ריכטונג צו פעראייניגען אַלע פּוילישע יודען און בעזונדערס די יוגענד אונטער דער פאָהן פון ציוניזם. דער לעצטער גרונד און דער לעצטער אָנשפּאַר פון אונזערע חלקים איז דאָך סוף־כּל־סוף אונזער אייגען פאָלק. עס וועט אָבער זיין אבסאָ־לוט נויטווענדיג צו פערגרעסערן אויך די פּאָזי־טיווע מעגליכקייטען, מחמת די בענקשאַפט קען נישט לאַנג זיין דער איינציגער געגענשטאַנד פון זיך גופא און מען קען נישט דורשטען נאָך דורשט.

(פאָרזעצונג קומט).

די מכבי'אַדע אין פּראַג

דער ערשטער טאָג פון דער מכבי'אַדע אין פּראַג האָט געבראַכט פאָלגענדע רעזולטאַטען:

פוטבאָל

טשעכיען האָט בעזיגט ליטע מיט 0:2 ערשט נאָך א פערלענגערונג.

טעניס

רומעניען — עסטרייך 0:2. טשעכיען — ענג־לאַנד 0:2. אין איינדיווידועלען טורניר האָט דייי־ליבלינג (פּוילען) בעזיגט צום רומענער סימאָ, 4:6, 6:2, 7:5.

שווימען

100 מעטער פריי־סטיל, מענער: 1) האַראַ (טשעכיען) 1.06.4.

100 מעטער רוקען, מענער: לייזער (עס־טרייך) 1.24.8.

100 מעטער ברוסט — מענער: 1) אַפּע־לעס (טשעכיען) 1.23, 2) פּאָלאַק (פּוילען) 1.25.6.

4×50 שטאַפעטען־לויף 1) „דזשיבאָר“ (טשעכיען) 2.03.2.

3×50 שטאַפעטען־לויף 1) „הכח“ (ווין) 1.48.3.

200 מעטער פריי־סטיל — מענער: באַ־לאַקאָוו (טשעכיען) 2.34.5.

200 מעטער פריי־סטיל, פרויען: 1) וואַ־ראַקאָווא (טשעכיען) 3.45.

וואַסערבאָל

טשעכיען — עסטרייך 4:4 (2:1).

פּינג־פּאָנג

אין איינדיווידועלען טורניר האָט ערליך (פּוי־לען) בעזיגט זיקערען (טשעכיען) 17:21, 21.23.

אין לענדער־קאַמף האָט רומעניען בעזיגט טשעכיען 1:2.

בעגריסונגס־אָווענד צום אָנהויב פון דער מכבּי'אַדע

פּראַג, (יט"א). אין איבערפולטען סמעטאַנאַ־זאַל פון פּראַגער רעפּרעזענטאַציאָנס־זאַל איז פאַר געקומען א בעגריסונגס־אָווענד צום אָנהויב פון דער מכבי'אַדע. נאָך די רעדעס פון דר. א. ראָזענ־פעלד (תּל־אביב) און דר. אַנדזשעלאַ גאָלדשטיין (פּראַג) האָט געהאַלטען א גייסטרייכע רעדע דער מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע בראָדעצקי.

ז. בראָדעצקי.

ערשט מיט איין יאָהר צוריק — האָט ערקלערט בראָדעצקי — האָט זיך אויסגעדאַכט, אז דאָס יודישע פאָלק איז טויט, די שפּראַך איז טויט און די האָפנונג איז טויט. מען האָט זיך געפרעגט, צי זיינען יודען בכלל א פאָלק. די מכבּי־בעווע־גונג זאָגט עדות וועגען לעבען פון אונזער פאָלק. צום סוף האָט בראָדעצקי אויסגעדריקט די האָפנונג, אַז דער קאָנגרעס ווי אויך די מכבּי'אַדע וועלען בעדייטען א שריט פאָרויס צום הייל פון יודישען פאָלק.

נאָך די רעדעס זיינען אויסגעפיהרט געוואָרען א רייהע טורן־ און מאַגען־נומערען.

וואַרשאַווער בערזע

אין דער וועלט־פינאַנציעלע האָבען זיך ווידער־פערשפּרייט שטאַרקע קלאַנגען, אז כּמעט כּל סוף ווערט זיך אָפהויבען די אַמעריקאַנער וואַלוטען־אינפלאַ־ציע. אין רעזולטאַט איז דער דאָלאַר אויף די וועלט־בערזעס געפאַלען. וועלט־בערזע געשטימען פּלוצלונג געפאַלען ביז 6.48, די באַנק־פּאָלסקי האָט געצאָהלט 6.40 און פּריוואַט איז 6.41 בריה. אויך אויף דער וואַלו־טען־בערזע האָט מען פערקויפט נויאָרק ביז 6.47 און קאַבעל ביז 6.48. ביי א אומזאַץ פון 660 טויזענד זל. האָט מען נאָך געהאַנדעלט מיט בערלין 213.30, בעלגיען 124.85, האָלאַנד 361, לאָנדאָן זעהר שוואַך 29.37, פּאַריז 35.02, פּראַג 26.50, שטאָקהאָלם 151.80, צוריך 172.92, אי־טאַליען 47.10. פּריוואַט דייטשע מאַרקען 211.50, פונטען 29.35, טשעכישע קראָנען 25.86, עסטרייכישע שילינג 100.25, טשערוואָנעץ 1.02, גאָלד־רובל זעהר פעסט 4.75, גאָלד־דאָלאַר 9.05, זילבער־רובל נישט געענדערט.

זעהר שוואַך זיינען אויך די פּראָצענט־פּאַ־פּירען. ביי־הלוואה נישט געהאַנדעלט, האָלאַנד־בי־קע 48.25, אינוועסטיציע 103.50, קאָנווערסיע 48.50, קליינע באַהן־הלוואה 44, 6 פּראָצ. דאָלאַר־הלוואה קליינע ביז 61.50, שלאַכטע 47.50, מאַגיס־טראַט 44.50, דילאָן פון 70 ביז 71, 4½ זשעמ־סקע 42.25, 7 פּראָצ. זשעמסקע דאָלאַר 40 און 39, 100־ער 46, 4½ וואַרש. 100־ער 93 און 93.50, 5 פּראָצ. וואַרש. 56.25, 200־ער 65, 100־ער 66, 50־ער 68, 8 פּראָצ. וואַרש. ביז 42.88, 8 פּראָצ. לאָדזשער 40.75, 6 פּראָצ. וואַרש. אָבליג. 8 און 9 עט. 38.

נאָך שוואַכער זיינען אַקציעס. באַנק־פּאָלסקי 89.50, לילפּאָפּ 11.35, סטאַראַכאָוויצע 30 געלד, סטאַראַכאָוויצע ביז 10.50, האַבערבוש 40.50 געלד.

תּבואה־בערזע:

נעכטען האָט מען ווייטער אָפיציעל ביליגער נאָטירט קאָרן 13.50—13, האָבער 14—13, גער־שטען 13—12.50, פּיטליאָווע קאָרן־מעהל 25—24, ווייצען־קלייען „שאַלע“ און שרעדניע 10 — 9.50, קובי לניאַנע 17—17.50, זשעפּאַקאָווע 13—13.50. ביי א אומזאַץ פון 1985 טאָן אין דעם 1055 קאָרן, האָבען זיך די רעשט פּרייזען נישט גע־ענדערט.

ענגעל.

י. בערנשטיין

די יודישע טראַגעדיע

עס שטעהט אויף דער טריבונע אין פּראַג דער אַלטער מייסטער נחום סאָקאָלאָוו און רעדט מיט אַן'אַיידעלער שפּראַך צו די פעלקער. ער גיט צו פערשטעהן דער מענשהייט, וואָס פאַר א טראַגע־דיע עס לעבען איבער יודען, ווי זיי ווערען פער־פאָלגט און ווי זיי קעמפען פאַר א בעסערע צו־קונפט. עס שטעהט פּראָפ. בראָדעצקי, וועלכער האָט געדאַרפט האַלטען בלויז א פאָליטישען רע־פעראַט, און אויך פון זיין רעדע הערט זיך מעהר דער וועהטאָג און צער פונ'ם יודענטום, עס הערט זיך די טרויעריגע מעלאָדיע פונ'ם יודישען לעבען.

עס בעקומט זיך דער איינדרוק, ווי אויפ'ן ציו־ניסטישען קאָנגרעס ווערט דעפינירט די יודישע טראַגעדיע. יעדען טאָג לעבען יודען איבער גרויסע געשעהענישען. פון צייט צו צייט ברעכט אויס א קאַטאַסטראָפע אָבער ביסלעכווייז ווערט שפּיל און דאָס גרויאַמע ווערט פערוואַנדעלט אין מאָנאָטאָנ־ליכקייט, אין גרויע ווירקליכקייט. מען ווערט צו אַלעם צוגעוואוינט. וועגען דעם טראַגישען ריעדט מען מיט א פּשוט'ען, זאַכליכען טאָן, מיט א כמעט גלייכגילטיגער זעלבסטפערשטענדליכקייט. עס קאָן נישט לאַנג האַלטען די שפּאַנונג. ביסלעכווייז קומט די ענטשפּאַנונג און עס ציהט זיך איין טאָג נאָכ'ן צווייטען, אָהן שום ענדערונגען, אָהן דער האָפנונג אויף א בעסערונג.

אָט איז, צום ביישפּיל געקומען די קאַטאַסטראָ־פע אין דייטשלאַנד. האָבט זיך, אז עפּעס אַזוינס איז נאָך נישט געשעהען. עפּעס אַזוי אונהיימלי־כעס, גייסטעסגעוועהנליכעס, מורא'דיגעס. דער מיי־וועל אַליין איז, דאַכט זיך, געקומען און האָט גע־נומען די יודישע זאַך אין זיינע הענד. דאָס, וואָס עס טראַכטען אויס היטלער און זיינע חברים, קאָן ענטשטעהן נאָר אין א קראַנקהאַפטער, פּסיכיש־אונבאַלאַנסירטער פאַנטאַזיע. עס איז, ווי מענשען, וואָס וואָלטען געדאַרפט זיצען אין א שפּיטאָל פאַר גייסטיג קראַנקע, זיינען אַרויסגעלאָזט געוואָרען אויף דער פריי און, איבערנעהמענדיג די מאַכט אין זייערע הענד, האָבען זיי אָנגעהויבען צו הער־שען אין לאַנד און צו קאָמאַנדעווען מיט דער יו־דישער בעפעלקערונג.

פּונקטעטווענן ווערט מען אויך דאָ צוגע־וואוינט. מען ליינט שוין כּמעט גלייכגילטיג ביי דער פערהאַנדלונגען וועגען יודישע האָקטויירים, וואָס מען רעדן נישט הייסען קיין „אַריער“, וועגען דעם, אַז יודען טאָרען זיך נישט באָדען אין עפענטליכע בע־דער, וועגען יודישע אַדוואָקאַטען, וואָס ווערען פער־שטויסען און אַרויסגעטריבען פון די געריכטען, וועגען די אורטיילען פון די דייטשע געריכטען, וועלכע האַלטען, אַז עס איז א נאָרמאַלע ערשיינונג צו האַבעוועען די יודישע געשעפטען, ווייל די שטו־דענט דערפון האָפען אַריינטעהן „אין חשבון פון דער נאַציאָנאַלער רעזיקע“....

מען ווערט צוגעוואוינט. דאָס טראַגישע קאָן מען נאָר פערשטעהן אין געוויסע מינוטען, אין איינצעלנע מאָמענטען. דאָס טראַגישע איז הויך, ערהאָבען, וואָס קאָן אויפּגעפּאַסט ווערען נאָר אין געוויסע מאָמענטען און נישט יעדע מינוט פונ'ם טאָג.

אויפ'ן ציוניסטישען קאָנגרעס, וועלכער איז זיך איצט צוזאַמענגעקומען אין פּראַג און וועלכער איז געוואָרען, ווילענדיג צי נישט ווילענדיג די אַל־וועלטליכע טריבונע פונ'ם גאַנצען יודענטום, הערט זיך דאָס טראַגישע אינ'ם יודישען לעבען. עס הערט זיך דער רוף פונ'ם יחיד צו דער מענשהייט, צו די פעלקער. עס ווערט געגעבען די דעפיניציע פונ'ם יודישען צער. עס הערט זיך דער רייגער, אויסגעלייטערטער טאָן פון דעם, וואָס יודען לע־בען־איבער יעדען טאָג און וואָס ווערט פערפאַלען אין דעם גרויסען רעש פונ'ם טאָגטעגליכען, אין דער נרויסקייט פון דער ליפערנדער שעה.

אמת, ווען נחום סאָקאָלאָוו האָט גערעדט וועגען דער לאַגע פון די יודען אין דייטשלאַנד, איז זיין טאָן געווען שטיל, איינגעהאַלטען, פערשליי־ערט, צניעות'דיג. עס האָט זיך נישט געהערט דאָס געשריי, וואָס האָט זיך געריסען אַרויס פונ'ם פערבלוטיגטע יודישען האַרץ. עס האָט זיך נישט געהערט דער טרויעריגער פּראָטעסט, אויף וועלכען יודען פון דער גאַנצער וועלט האָבען געוואַרט. מיר פערשטעהען די סיבה דערפון: עס איז געווען פּשוט א מורא פאַר'ן לעבען פון דער גאַנצער יו־דישער בעפעלקערונג אין דייטשלאַנד. די היטלע־ריסטען האָבען געדראָהט און די הראַהנג, פון די האָזיגע פּאַרטייען האָט געקאָנט לייכט פערווירקליכט ווערען. אָבער פונדעסטוועגען זיינען געווען שטיל, שוין צו־שטיל סאָקאָלאָוו'ס ווערטער וועגען דער טראַגעדיע פונ'ם דייטשען יודענטום. עס איז נישט געווען קיין שום פּראָפּאָרציע צווישען דעם, וואָס עס קומט פאָר אין דייטשלאַנד, און צווישען דעם, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרען אין פּראַג. אָבער נישט קוקענדיג דערויף, זיינען די עמליכע צוי־צונגען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין פּראַג, איינגעהילט געווען אין טרויעריגע טענער, און א מעלאָדיע, וואָס האָט אויסגעדריקט דאָס אמת־טראַגישע, וואָס ליגט בעהאַלטען אינ'ם תּוך פונ'ם יודישען לעבען.

דאָס וואַרשאַווער לעבען

דרייסטע גנבים-איינשלעפער האָבען בעצאַרבייט א וואוינונג אויף נאַוואָליפּקי

דורכ׳ן לאָד אויפ׳ן בוידעם און דורכ׳ן אָפענעם פענסטער אין שטוב

פערטאָגנגעגנע נאַכט האָבען גנבים אויסגעפיהרט א חרייכמע גנבה אינ׳ם הויז אויף נאַוואָליפּקי 12.

דורך די דעכער זענען די גנבים אריין אין בוידעם און פון דאָרט — אויפ׳ן הויף. די גנבים זענען דאַן אריין דורכ׳ן אָפענעם פּאַרטער-פענסטער אין דער וואוינונג פון אהרן לעשטשינסקי. אלע שטוב-מענטשן זענען נאָך געשלאָפען. די גנבים האָבען אויסגעשפּריצט איבער דער שטוב א נאַרקאָטיש שלאָף-מיטעל, אזוי, אז אַלע זענען ווייטער געשלאָפען אין א טיפען שלאָף און די גנבים האָבען אונגעשטערט „געאַרבייט".

די גנבים-איינשלעפער האָבען דאַן איינגעפּאַקט אלע זאַכען: מענער- און דאַמען-מלבושים, וועש און ווערטפולע חפצים; זיי האָבען אויך גענישטערט אין דער דינסט׳ס קוישעל און — זיי זענען אונגעשטערט אוועק.

קענטיג, אז די גנבים האָבען אַרויסגעטראָגען די זאַכען שוין דורכ׳ן טויער, ווען עס איז געקומען די מיטאג-פחד. דער געליטענער שאַצירט דעם שאַדען אויף 3.000 זל.

ערשט אַרום 4 פאַרטאָג, ווען די פרוי לעשטשינסקי האָט זיך אויפגעכאַפּט און דערזעהן די אומאָרדנונג אין שטוב, האָט זי געמאַכט א געוואַלד, אָבער עס איז שוין געווען צו-שפּעט. אלע שטוב-מענטשן האָבען זיך דאַן אויפגעכאַפּט מיט שטאַרקען קאָפּ-ווייטאָג פון דעם אויסגעשפּריצטען נאַרקאָטישען מיטעל.

פּאָליציי זוכט די דרייסטע גנבים.

פערשלאָסען אין א קאַמער א יודישען שאַכער און איהם בעגאָסען מיט וואַסער

דער שאַכער אבוהם נאַברעט, ניזקאַ 33, 56 יאָהר אַלט, איז נעכטען אַוועק קיין מאַקאָטאָוו איבער די האַרשיגע הויפען אויפקויפען א ביסעל אַלטוואַרג. ווען ער איז אריין אין הויף 57 אויף מאַגדעלינסקאַ גאַס און אויסגערופען: „האַנדעל, האַנדעל", איז צו איהם צו א קריסט און פאָרגעלעגט צו געהן מיט איהם, דען ער האָט צו פערקויפען א פּאָר מאַלעטאָס. ער האָט דעם אָרימען שאַכער אריינגעפיהרט אין א קאַמער און דער יונגער קריסט איז דאַן שנעל אַרויס און אויף דער קאַמער אָנגעהאָנגען א שלאָס. דאָס איז איהם אָבער, ווייניג געווען, האָט דער „אידעלער" קריסט אויפ׳ן שאַכער אין קאַמער אַרויפגעגאָסען עטליכע קיבלעך וואַסער. ערשט אויפ׳ן געוואַלד פון דעם שאַכער איז אָנגעקומען דער הויזווירט, אויך א קריסט, וועלכער האָט אָבגעריסען דעם שלאָס און בעפרייט דעם יודען פון קאַמער. די פּאָליציי האָט צוזאַמענגעשטעלט א פּראָטאָקאָל.

דער אידעלער קריסט הייסט צגיעל.

אגענטור פון מלוכה׳שע וועלדער וויל קאָנקורירען מיט יודישע האָלץ-סוחרים

דער הויפּט-ראַט פון פעראַבאַנד פון האָלץ-סוחרים און האָלץ-אינדוסטריעלער אין פּוילען איז לעצטענס אַלאַרמירט געוואָרען פון א גאַנצער רייה האָלץ-סוחרים אין פּוילען, אַז די מלוכה׳שע האַנדעלס-אַגענטור „פּאַגער" האָט לעצטענס זיך אָנגעסירט אין א רייה ציימונגען, אַז זי פּערברייטערט איהר טעטיגקייט מהרין פון די מלוכה׳שע וועלדער און וועט אויך האַנדלען מיט האָלץ פון נישט מלוכה׳שע וועלדער.

צוליב דער גרויסער בעאונרוהיגונג, וואָס די דאָזיגע ידיעות האָבען אַרויסגערופען אין דער גאַנצער האָלץ-בראַנזשע, וועלכע לעבט סיי ווי סיי איבער א שווערען קריזיס, האָט א דעלעגאַציע פון הויפּט-ראַט אין די פעריאָנען פון פּרעזעס גראָססמאַנאָוויטש, דירעקטאָר ד״ר משעהאָווינסקי זיך געווענדעט צום מיניסטעהריום-ראַט און בעלעגט א געגוי בעאַרבייטעטען מעמאָריאַל וועגען דעם גאַנצען ענין.

גלייכצייטיג האָט א דעלעגאַציע פון האַטמאַן לעאָפּאָלד מילשטיין און דירעקטאָר ד״ר משעהאָווינסקי אָבגעהאַלטען א קאָנפערענץ מיט׳ן געוו. מיניסטער קלאַרנער, וועלכער איז דער פּרעזעס פון די האַנדעלס-קאַמערן אין פּוילען. זיי האָבען איהם געבעטען זיך פעראינטערעסירען מיט דער שווערער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפען פאַר דער האָלץ-בראַנזשע א דאַנק דער טעטיגקייט פון „פּאַגער".

אין די ביידע ערטער האָט מען דער דעלעגאַציע צוגעזאָגט זיך צו פעראינטערעסירען מיט דעם ענין.

די יודישע היסטאָריקער אויפ׳ן 7-טען אינטערנאַציאָנאַלען היסטאָריקער-קאָנגרעס

אין נאָמען פון אויספיהר-קאָמיטעט ביים אינטערנאַציאָנאַלען היסטאָריקער-קאָנגרעס האָט פּראָפ. דר. מ. באַלאַבאַן געעפענט די ערשטע זיצונג פון דער יודישער סעקציע אויפ׳ן קאָנגרעס. אלס פּרעזידענטען פון דער יודישער סעקציע איז אויסגעוועהלט געוואָרען פּראָפ. סאַלאָ באַראָן (ניו-יאָרקער קאָלומביע-אוניווערזיטעט) און פּראָפ. דר. מאיר הלוי (בוקארעשט). אלס סעקרעטאַרען — דר. דיקקער (אַסיסטענט פו זדער קאָלומביע-אוניווערזיטעט), און דר. רינגעלבלום (וואַרשאַ). דעם ערשטען רעפעראַט האָט געהאַלטען פּראָפעסאָר באַראָן א. ה. ט. „יודען און יודענטום, דער אינערליכער צוזאַמענהאַנג פון סאָציאַלער און רעליגיעזער געשיכטע ביי יודען". דעם צווייטען רעפעראַט האָט געהאַלטען פּראָפ. דר. מ. הלוי א. ה. ט.: „די השפעה פון פּוילען אויף דעם רומענישען יודענטום אין 17 און 18-טען יאָהר-הונדערט". דעם דריטען רעפעראַט האָט געהאַלטען פּראָפ. מ. באַלאַבאַן וועגען די וואַנדערונגען פון יודישען קולטור-עלעמענט פון רהיין ביז דער ווייסעל און דניעפּר.

אַרום די רעפעראַטען האָט זיך אַנטוויקעלט א ברייטע דיסקוסיע אין וועלכער עס האָבען אָנטיילגענומען פּראָפ. באַלאַבאַן, פּראָפ. הלוי, דר. שיפּער און דר. רינגעלבלום. בשונדערס לעבהאַפט איז געווען די דיסקוסיע אַרום דעם רעפעראַט פון פּראָפ. באַלאַבאַן, בעת וועלכע דר. שיפּער האָט פערטיידיגט זיין טעאָריע וועגען דער בעדייטונג פון כוזרישען עלעמענט פאַר דעם אָנהויב פון דער יודישער קאָלאָניזאַציע אין פּוילען.

די צווייטע זיצונג פו זדער יודישער סעקציע קומט פאָר שבת דעם 26-טען ה. ח.

שנעל-צוג לויפט-אַרויף אויף א מענשען און דער מענש בלייבט לעבען

אויסערגעוועהנליכע פּאַסירונג אויף דער מיעדזעשינער סטאַציע

(א) די פּאַסאַזשירען פון דעם צוג וואַרשאַ—אָטוואָצק, וואָס געהט-אָב 8.55 אין אָוונט זענען דעם פאָריגען דינסטאָג געווען עדות פון א פאַל, וואָס טרעפט זיך גאַנץ זעלטען. א שנעל-צוג איז מיט דעם גאַנצען אימפּעט אַרויף אויף א מענשען און איהם איבערגעלאָזט א לעבעדיגען!

די פּרטים דערפון זענען פאָלגענדע:

מיט דעם אויבענדערמאָהנטען צוג איז פון וואַרשאַ קיין מיעדזעשין געפאָהרען דער מיעדזעשינער איינוואוינער, דער 23-יעהריגער באָלעסלאַוו פּאַוולקאָווסקי.

ווען דער צוג האָט זיך אָבגעשטעלט אין מיעדזעשין איז פּאַוולקאָווסקי אַרויסגעשטיגען פון צוג. אנשטאָט אָבער אויף דער רעכטער זייט פון צוג, אויפ׳ן פּעראָן, איז ער אַרויסגעשפּרונגען לינקס — צווישען די שינעס פון דעם צווייטען באַהן-טאָר אָטוואָצק—וואַרשאַ.

אין דעם מאָמענט איז אָנגעלאָפען דער שנעל-צוג לעמבערג—וואַרשאַ אין דער ריכטונג פון אָטוואָצק קיין וואַרשאַ.

דער מאַשיניסט האָט, בעמערקענדיג דאָס פאַרשטעהענדע אומגליק, געפּרובט אין דער לעצטער מינוט דעם צוג צו פערהאַלטען; עס איז שוין אָבער געווען צו-שפּעט. דער שנעל-צוג איז מיט דעם גאַנצען אימפּעט אַרויף אויף דעם אומגליקליכען.

צווישען די פּאַסאַזשירען פון דעם הינטערשטאַדטישען צוג ווי אויך פון די פיל צוגעלויפענדע אויפ׳ן פּעראָן איז געוואָרען א שרעקליכע מהומה.

ווי גרויס איז אָבער געווען די איבערראַשונג, ווען נאָכ׳ן דורכלויפען פונ׳ם שנעל-צוג האָט מען דעם „איבערגעפאָהרענעם" געפונען ליגען אויפ׳ן פּעראָן א לעבעדיגען.

עס האָט זיך געמאַכט אַרויסגעוויזען אַט וואָס:

ווען דער צוג איז אָנגעלאָפען האָט זיך שוין דער פּאַסאַזשיר געפונען נישט אויף אין מיטען טאָר נאָר אויף דער צווייטער שינע, האַלטענדיג ביים אַרויפגעהן אויפ׳ן פּעראָן. ווען דער צוג וואָלט געגאַנגען לאַנגזאַם וואָלט ער בלי-ספק צעריבען געוואָרען אונטער די רעדער. דער טעמפּאָ איז אָבער געווען אַן אויסערגעוועהנליך שנעלער. ער האָט דעריבער בעת דער צוג איז דורכגעלאָפען בעקומען מיט דעם א. ג. בופער פון די לאָקאָמאָטיוו אַזאַ האַסטיגען זעץ, אַז ער איז מיט א שרעקליכען אימפּעט געוואָרען אַרויסגעשליידערט אויפ׳ן פּעראָן, פאַלענדיג א גרויסען שטח ווייט פון דעם טאָר.

דער אומגליקליכער, אָבער גלייכצייטיג אויסערגעוועהנליך מזל׳דיגער פּאַסאַזשיר האָט פון דעם שרעקליכען „ויתרוצצו" מיט דעם שנעל-צוג בלויז בעקומען צעבראָכענע די גלעקען פון געזעס.

די אַרויסגערופענע „פּאָגאָטאָוויע" האָט איהם אָבגעפיהרט אין שפּיטאַל אין וואַרשאַ.

דער דאָקטאָר, וועלכער האָט איהם ערטיילט די ערשטע הילף, האָט ערקלערט, אַז אַזאַ פאַל קען טרעפען איינמאָל אויף טויזענד יאָהר.

וואַרשאַווער דאָקטאָר פערגוואַלדיגט זיין דינסט

נעכטען האָט די פּאָליציי, לויט א בעפעהל פון דער פּראָקוראַטור, אַרעסטירט און איינגעזעצט אין תפיסה דעם בעקאַנטען וואַרשאַווער דאָקטאָר יעזשי מאַרגוליס-האַלפּערן.

ער ווערט בעשולדיגט אין פערגוואַלדיגען זיין דינסט.

די רעגענס וועלען דויערן נאָך עטליכע טעג

לויט ווי עס ערקלערט דער מלוכה׳שער מעטעאָראָלאָגישער אינסטיטוט וועלען די רעגענדיגע וועטער נאָך אָנהאַלטען עטליכע טעג. שפּעטער וועלען צוריקקומען די שיינע וועטערן, עס וועט זיך מאַכען דער אמת׳ער שיינער, פּוילישער הערבסט.

אזוי זאָגט „פּים". אויב עס וועט טאַקע אזוי זיין, וועט עס הייסען, אַז „פּים" ווייסט עפּעס....

קאָנפיסקירט סאָדע-וואַסער-באַלאָנען

מיר האָבען שוין מיט א צייט צוריק געמאַלדען וועגען דעם, אַז אין עטליכע סאָדע-וואַסער-פאַבריקען זענען פאָרגעקומען אויפרייסען פון די גאַז-באַלאָנען. בעת אַזאַ אויפרייס איז אפילו איין אַרבייטער דערהרג׳עט געוואָרען.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז אַהערגעפיהרט געוואָרען א רעוויזיע אין די סאָדע-וואַסער-פאַבריקען קודם-כל אין יודישען קוואַרטאַל.

אין רעזולטאַט פון די רעוויזיעס זענען קאָנפיסקירט געוואָרען 23 סאָדע-וואַסער-באַלאָנען, ווייל ס׳איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז די באַלאָנען קאָנען אויפרייסען.

געפאַלען פון הונגער

פאַר׳ן הויז סמאָטשע 28 איז אַן עלטערער יוד אָוועקגעפאַלען אין חלשות. די אַרויסגערופענע ניטע-הילף האָט פעסטגעשטעלט, אַז דער פער׳חלש׳ט׳ער האָט שוין א פּאָר טאָג נישט געגעסען. מ׳האָט איהם אָבגעפיהרט אין שפּיטאַל אויף טשיסטע. דער פער׳חלש׳ט׳ער הייסט חיים מישאַפ, א לעמבערגער, 50 יאָהר אַלט.

געשטאָרבען אין קאָמיסאַריאַט

אינ׳ם אַרעסט פון 4-טען קאָמיסאַריאַט אויף ניזקע 10 איז מיטאָמאָל קראַנק געוואָרען און האָט פערלוירען דאָס בעוואוסטזיין איינער פון די אַרעסטירטע דער 41-יעהריגער אַרבייטער יוזעף פּיעקאַרסקי.

דער אַרויסגערופענער דאָקטאָר פון דער „ניכער הילף" האָט פעסטגעשטעלט דעם טויט צוליב א נישט-בעוואוסטער סיבה.

דאַנציגער זשורנאַליסטען אין וואַרשאַ

אין די אַפּאַרטאַמענטען פון האָטעל „אייראָפּעיסקי" האָט דער פּרעסע-שעף פון מיניסטעריום-קאַבינעט אויפגענומען די דעלעגאַציע פון די דאַנציגער זשורנאַליסטען און געהאַלטען פאַר זיי א רעדע.

דער „אַמאַטאָרען-באַלאַגאַן" אין „מאַרסקע-אָקאָ"

איז נעכטען פער׳חתמ׳עט-געוואָרען דורך דער פּאָליציי

אין וואַרשאַ האָט זיך לעצטענס געטומעלט מיט דעם „אַמאַטאָרען-קאָנקורס", וואָס איז פאָרגעקומען אין זאַל פון טעאַטער „מאַרסקיע-אָקאָ".

האַרט זענען אויסגעשטרעקט האַלבע און גאַנצע משוגעים, וועלכע האָבען געזונגען קופּלעטען, געטאַנצט און — דער עולם, וואָס האָט געקויפט בילעטען, האָט זיך געקאַטשעט פון געלעכטער.

פאָריגע וואָך האָט פּאָליציי שוין געהאַט פערמאַכט די „משוגענע אימפּרעזע". די דירעקטאָרען האָבען זיך אָבער אָבגעבעטען און מען האָט צוריק ערלויבט דעם „קאָנקורס", ביי געוויסע בעדינגונגען, ההיינו: אַז די אַמאַטאָרען מוזען בעקומען בעצאָהלט פאַר זייער אַרבייט, אַז עס מוז זיין א צענזור אויף די לידלעך א. ד. גל.

דערווייל איז אָבער דער קאָנקורס ווידער געוואָרען א באַלאַגאַן און נעכטען האָט דער רעגירונגס-קאָמיסאַר ענדגילטיג פערבאָטען דאָס ווייטערדיגע פיהרען די „משוגענע אימפּרעזע". ווען די אַמאַטאָרען זענען געקומען צו חער „אַרבייט", האָבען זיי געטראָפען דעם זאַל פער׳חתמ׳עט.

בעפאַלען און צעשלאָגען דעם וואורשטען-האַנדלער פרידמאַן

מיר האָבען שוין געשריבען וועגען דעם איינגעטימער פונ׳ם וואורשטען-האַנדעל אויף נאַלעווקי 15, ישראל-לייב פרידמאַן, וועלכער האָט געהאַט א קאָנפליקט מיט זיינע אָנגעשטעלטע. ער האָט, געמיינט, אָבגעזאָגט עטליכע אָנגעשטעלטע פון דער אַרבייט, בלייבענדיג זיי שולדיג געלד און ווען די אָנגעשטעלטע האָבען געפאָדערט דאָס זייעריגע, האָט ה׳ פרידמאַן זיי געלאָזט אַרעסטירען אלס... טעראָריסטען.

נעכטען איז יצחק-לייב פרידמאַן אויף עק זאַמענהאָף און קופּיעצקאַ בעפאַלען געוואָרען דורך עטליכע פערזאָנען, וועלכע האָבען איהם מקיים-פּסק-געווען: פרידמאַן האָט בעקומען עטליכע שווערע וואונדען אין קאָפּ און אין דער נאָז.

„פּאָגאָטאָוויע" האָט דעם פערוואונדעטען ערטיילט הילף.

נקמה פון אַן אָבגעזאָגטען שייגעץ

אין ראַזענבוים׳ס מאַנופאַקטור-געשעפט אויף רימאַרסקאַ 16 האָט 2 וואָכען צייט געאַרבייט אויף פּראָבע דער שייגעץ יוזעף-אַנטאָני קאָמאַראָווסקי (וואָלסקאַ 22). צוליב דעם, וואָס ער האָט נישט געטויגט צו דער אַרבייט, האָט מען איהם אָבגעזאָגט.

נעכטען איז קאָמאַראָווסקי געקומען אין געשעפט, כדי אָבצונעהמען זיין אַרבייטס-מאַדינאַרקע. ווען ער האָט שוין געהאַלטען ביי באַרעקעלאַן, האָט ער זיך געוואָרפען אויף דער ביכהאַלטערקע פּעליציאַ גוטמאַן (מוראַנאָווסקאַ 15) און זי גענומען שלאָגען, וואַרפענדיג איהר כסדר ראַלקעס מאַכען אין קאָפּ.

דער אָנפאַלער איז אַנטלאָפען. פרל. גוטמאַן האָט בעקומען הילף פון דער „פּאָגאָטאָוויע".

גאָרגאָן-פּראָצעס קומט פאָר אינגיכען אין וואַרשאַ

אין עטליכע וואָכען אַרום הויבט זיך אָן אין וואַרשאַווער העכסטען געריכט דער פּראָצעס געגען דער פרוי ריטאַ גאָרגאָן, וועלכע ווערט בעשולדיגט אין ערמאָרדען דאָס מיידעל לוסיאַ זאַרעמבאַ, אין בושויסאַוויץ.

נעכטען האָבען געווייעלט אין וואַרשאַ די אַדוואָקאַטען וואַשניאַקאָווסקי און אַקסער, וועלכע האָבען קאָנפערירט מיט׳ן אַדוואָקאַט עפינגער און זיך בעקענט מיט די צוגאַב-אַקטען פון פּראָצעס.

בעשטראפט די שולדיגע אין אנפאלען אויף יודען אין ווישעגראד

דער סיים-קלוב פון יודישען נאציאנאל-ראט האט בעקומען א בריף פון דער ציוניסטישער אר־גאניזאציע „מרכז" אין ווישעגראד (שלעזיען) מיט דער בימע צו אינטערווענירען ביי דער מאכט וועגען די „מעשים" פון די מיטגלידער פון ארמיגען „אבוויעהאל". עס זענען צוו. אנד. צע־שלאגען געווארען עטליכע יודען. עס ווערען סיס־טעמאטיש זיים עטליכע הדשים אויסגעהאקט שוי־בען אין די יודישע הייזער. עס זענען געווען פאלען פון ארויסווארפען קונים פון יודישע געוועלבער. ווים א לענגערער צייט ווערט געפיהרט א אנטי־זירמע באיקאט-פראפאגאנדע געגען יודען א. אז. וו. צום בריף איז בייגעלעגט געווארען אלס אי־לוסטראציע א פלוג-בלעטעל, וואס ווערט פער־שפרייט מאסענווייז און שמארט און וואס ענט־האלט פערשידענע געמיינע בלבולים אויף יודען.

דער סיים-קלוב האט זיך תיכף געווענדעט וועגען דעם אויבענדערמאהנטען ענין צום אינערן-מי־ניסטעריום און געבעטען ארויסצוגעבען ענטשפרע־כענדע פעראָרדנונגען און קודם-כל פערשטארקען די פאליציייאישע שמירה אויפ'ן ארט, צוליב זי־כערהייטס-מאסנאהמען.

די מיט האט דעפ. גריגבוים בעקומען פאל־גענדען ענטפער פון אינערן-מיניסטעריום:

„אין ענטפער אויף אייער בריף פון 5-טען י. לי ד. י. טיילט מיט דאס אינערן-מיניסטעריום, אז אין רעזולטאט פון די ארויסגעגעבענע פעראָרד־נונגען הערשט אין ווישעגראד אבסאלוטע רוה. די שולדיגע אין די אנטי-יודישע ארויסטרעטונגען זענען בעשטראפט געווארען. בנוגע די לאקאלע אדמיניסטראטיווע מאכט-ארגאנען זענען אנגע־ווענדעט געווארען ענטשפרעכענדע שריט."

הכנות צו דער מזרחי-קאנפערענץ

ווי בעקאנט, ווערט תיכף נאך סוכות צונויפ־גערופען אין ווארשא די זעקסטע לאנדעס-קאנפע־רענץ פון מזרחי. עס ווערען שוין געמאכט די נויי־טיגע הכנות צו דער לאנדעס-קאנפערענץ. אין צו־זאמענהאנג מיט דעם ווערט דורך די מזרחי-אָר־גאניזאציעס דורכגעפיהרט די רעגיסטראציע פון די חברים אויפ'ן גרונד פון חברים-לעגיטימאציעס, וועלכע עס ווערען ארויסגעגעבען דורך דעם צ. ב. דער פרייז פון אזא לעגיטימאציע איז 1 זלאטי. דער וואהל-קאמפאניע צו דער קאנפערענץ וועט בא־זירען אויף דער איצט דורכגעפיהרטער רעגיסטרא־ציע.

מעלדונג

די געזעלשאפט „עזרה לחולים" (נאלעווקי 32), מאכט בעקאנט דאס נאך 2 מאנאטען איז די געזעל־שאפט יעצט שוין צוריק מקיים. עס איז בעשטימט געווארען א קוראטאר פון ... קאמיסאר ה' ליף אפאלד פעדרצאווסקי און מ'בעט די מיטגלידער צו קומען אויסצאהלען דעם מיטגלידס-אפצאהל.

פייערונגען אין די „יבנה" שולען אין פוילען

די פאריגע יאהר איז אין אלע רעליגיעז-נאציאנאלע שולען, וועלכע זענען אונטערגעאָרדנט מיט'ן צ. ק. פון „יבנה", פארגעקומען פייערונגען אין צוזאמענ־האנג מיט דעם סיום פון די לימודים צום נייעם שול-יאהר.

אין די פייערונגען האבען אנטייל גענומען די תלמידים, דאס לעהרער-פערסאנאל ווי אויך די מיט־גלידער פון די ארטיגע „יבנה" ארגאניזאציעס. אין די גרעסערע שטעדט האבען אויך אנטייל גענומען פאר־שטעהער פון וועד „המרכזי".

א פערברעכערישע האנד רופט-ארויס קאטאסטראפעס

אויף די ווארשאווער הינטער-שטאדטישע קאלייקעס

אין משך פון די לעצטע וואכען זענען שוין פארגעקומען אויף די ווארשאווער הינטער-שטאָט־טישע קאלייקעס ביי א 10 קאטאסטראפעס. בעת דער ערשטער קאטאסטראפע זענען אפילו אומגע־קומען 3 מענשען.

און אזוי קומען פאר וויטערדיגע קאטא־סטראפעס כמעט מיט אַן אויסערגעוועהנליכער „פינקטליכקייט": 2 מאל אין וואך א קאטאסטרא־פע. פאריגע וואך זענען פארגעקומען צוויי באהן-קאטאסטראפעס אויף דער קאלייקע, נעכטען — ווידער א קאטאסטראפע.

די דירעקציע פון די הינטער-שטאדטישע קא־לייקעס ערקלערט, אז דא האט מען זיכער צו טהון מיט א געהיימער האנד, וועלכע רופט ארויס די קא־טאסטראפעס. געוויסע גרופען וואלטען זיין פעראינ־טערעסירט, אז די בעפעלקערונג זאל מורא בעקו־מען צו פאהרען מיט קאלייקעס און, אז די קא־לייקעס זאלען אויפהערען צו עקזיסטירען.

די פאליציייאישע אויספארשונג האט נאך ביז איצט נישט געגעבען קיין שום רעזולטאט.

פע, חתן-בחור מאנטלאק!

א מארשעליק שלאגט מען?

יונה גראבליק איז א בעקאנטער בדחן. ער זינגט, ער טאנצט און ער דערצעהלט פיינע ווי־צען. איז יונה - מארשעליק איינגעלאדען-געווארען אויף דער חתונה פון פערנאנד מאנטלאק (סמא־טשא 10). דער בדחן האט הארט געוויללט דעם עולם ביז'ן גרויען טאג. ער האט געזונגען „רעד־בעקא", דערצעהלט וויצען וועגען הימלער'ן, גע־שאנ'ט קע-קוואק און — ווען עס איז געקומען צו בעצאהלען, האט דער חתן-בחור געזאגט: לא!

יונה בדחן האט גענומען ענערגיש פאדערן זיין לוין, אבער דער חתן האט זיך אויף איהם געווארפען און איהם שטארק צעשלאגען.

פאליציי האט צונויפגעשטעלט א פראטאקאל און דער ענין וועט פעטהאנדעלט ווערען דורכ'ן גע־ריכט.

ארעסטירט א פרוי פון אן אדוואקאט

נעכטען האט די ווארשאווער פאליטישע פא־ליציי ארעסטירט די פרוי פון איינעם פון די פא־פולערע ווארשאווער אדוואקאטען.

דער ארעסט זאל שטעהען אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואס די פרוי ווערט בעשולדיגט אין פער־נעהמען א פיהרענדיגען אמט אין דער קאמוניס־טישער פארטיי.

ביי דער ארעסטירטער זאל די פאליציי הא־בען געפונען א גרעסערע סומע געלד.

דעם נאמען פון דער ארעסטירטער ווערט דער־וויל געהאלטען בסוד.

פאליציייאישע רעוויזיע אין ליטעראטען-פעראיין

ארום 12 ביינאכט, ווען אין לאקאל פון ליטע־ראטען-פעראיין אויף טלאמאצקע 13 האבען זיך, ווי תמיד, געפונען מיטגלידער פון פעראיין, האט זיך פלוצלינג בעוויזען א פאליציאנט און פער־לאנגט א געשפרעך מיט'ן פרעזעס פון פעראיין. היות די מיטגלידער האבען איהם ערקלערט, אז דער פרעזעס איז נישטא איצט, האט דער פאלי־ציאנט אנגעהויבען א חקירה ודרישה וועגען פער־איין, בופעט, מיטגלידער א. ד. גל.

גראד איז אנגעקומען דער סעקרעטאר פון סטאטוס, ערלויבניש אויפ'ן בופעט און פערזיכערט ליציאנט, האט ער איהם געוויזען דעם פעראיינס־סטאטוס, ערלויבניש אויפ'ן בופעט און פערזיכערט איהם, אז אלץ איז אין בעסטען ארדנונג.

דער דאזיגער פלוצלינגער בעזוך פון פאליציי אין ליטעראטען-פעראיין האט ארויסגערופען פער־שידענע קאמענטארען.

גראנדיעזער אויספלוג קיין ירושלים דליטא

ווילנא איז כמעט די עלטסטע יודישע קהלה אין פוילען. א שטאדט מיט א טויזענד יעהריגער פערגאנגענהייט. א קהלה, וואס האט בערייכערט און צוזאמענגעבראכט א גרויסען אוצר דער יודיש-העברע־אישער קולטור. נישט אומזיסט איז ווילנא אנגע־רופען געווארען דורך אונזערע שריפטשטעלער און דענקער: ירושלים דליטא. וועלכער קולטורעלער יוד, וועלכער אמאליגער יודישער אינטעליגענט פלעגט נישט בעזוכען ווילנא?

נעהמענדיג דאס אין אכט, האט די ניי אר־גאניזירטע טוריסטען אבטיילונג ביים העברעאי־שען ליטעראטען און זשורנאליסטען פעראיין בע־שלאסען צו ארגאניזירען אן איינמאליגען טוריס־טען אויספלוג קיין ווילנא פאר דער פרייער יודי־שער אינטעליגענץ. די אנטיילנעהמער פון אויס־פלוג וועלען האבען די מעגליכקייט צו בעזוכען אלע היסטארישע ערטער ווי אויך צו בעוואונדע־רען די פרעכטיגע סביבה פון ווילנא. א ספעציעלען איינדרוק וועט אהן שום ספק איבערלאזען אויפ'ן בעזוכער דאס לעבען פון די קאראאימער.

דער ארויספאהר פון ווארשא קומט פאר דעם 7 סעפטעמבער ה. י. און דער צוריקקעהר ד. 11 ד. מ. די פרייזען זענען ביליגע און נעהמען אריין: רייזע-הוצאות, פולקאמע איבערהאלטונג און פער־שידענע העכסט אינטערעסאנטע בעזוכען אין שטאדט און סביבה. די צאהל פלעצער איז א בע־גרענעצטע.

איינשרייבונגען און אינפארמאציעס אין העב־רעאישען ליט-פעראיין נאלעווקי 2א וו' 8 פון 6—8 אוונד. די, וועלכע ווילען אנטייל נעהמען דארפען זיך תיכף ווענדען. — דער אויספלוג קיין גדיניע קומט פאר דעם 12 סעפטעמבער ה. י. אין קורצען וועלען איינגעארדנעט ווערען אויספלי־גען קיין הלענובעק (דאס העברעאישע קינדער דארף אין פוילען), פינסק, בריסק. אינפארמאציעס אין סעקרעטאריאט פון פעראיין, נאלעווקי 2א וו'8.

יודישער סוחר ארעגעשפרונגען פון 4-טען שטאק

און געבליבען טויט אויפ'ן ארט

נעכטען האלב 9 אין אוונד איז אויף מאקא־טאווסקא 40 ארעגעשפרונגען פון 4-טען שטאק דער 43-יעהריגער יודישער סוחר זיגמונט זאמער. ער איז געהרג'עט-געווארען אויפ'ן ארט.

מיט דער לויה פערנעהמט זיך „חסד-של-אמת" ווייל די סיבה פונ'ם זעלבסטמארד איז נישט פעסטגעשטעלט געווארען.

ציפערן, וואס רעדען א סך

סטאטיסטיק וועגען דער צאהל עקסמיטירטע אין ווארשא

די צאהל מענשען, וועלכע האבען פערלוירען דעם דאך איבער'ן קאפ וואקסט פון טאג צו טאג. פון 1-טען ביז'ן 19-טען זענען צו דער אבטיילונג פון סאציאלער שוץ ביים מאגיסטראט איינגעפלא־סען בקשות פון 108 פאמיליעס, וועגען צושטעלען דירות אין די היימלאזען-הייזער. צווישען די דאזי־גע זענען 54 פאמיליעס, וועלכע צעהלען 252 נפשות שוין עקסמיטירט געווארען און וואלגערן זיך ארום אונטער'ן פרייען הימעל. די איבעריגע פון די פאמיליעס דראהט אין דער נאהענטס־טער צייט עקסמיסיעס.

ביז'ן 1-טען יולי איז אין דער אבטיילונג פאר סאציאלער שוץ ביי דער שטאדט-פערוואלטונג אין ווארשא געווען פערגעיסטרירט 938 פאמיליעס וואס צוזאמען בילדען זיי א ציפער פון 3929 נפשות. צוזאמען מיט דער צאהל רעגיסטרירטע פון נאכ'ן 1-טען יולי מאכט עס אויס די צאהל פון 992 פאמיליעס וואס צעהלען 4175 נפשות.

ס'איז קלאר, אז די דאזיגע אפיציעלע ציפערן זענען קוים א טייל פון דער ריכטיגער צאהל. ווייל נישט אלע רעגיסטרירען זיך. בעזונדערס איז דאס נוגע די יודישע ארעמקייט.

גהאנדי בעפרייט פון תפיסה

פאאנא, 23 (פאט). היינט איז גהאנדי בע־פרייט געווארען פון דער ארטיגער תפיסה. די ענגלישע מאכט, וואס האט איהם בעפרייט, האט גהאנדי'ן קיין שום פאליטישע פאדערונגען נישט געשטעלט.

לאנדאן, 23 (פאט). פון סימלי מעלדעט מען, אז מען האט גהאנדי'ן בעפרייט פון תפיסה צוליב זיין שלעכטען געזונט-צושטאנד.

ווידער ארעסטירט יודענהעצערס אין טשענסטאכאוו

טשענסטאכאוו, 23 (פאט). אין שייכות מיט די אנטי-יודישע געשעהענישען אין טשענ־סטאכאוו האט די פאליציי ארעסטירט צוויי ענ־דעקעס: אינזש. יאזשי גרומעק און דעם גומבעווי־צער יאן באגהאנאוויטש. ביידע ארעסטירטע זע־נען איבערגעגעבען געווארען צו דער דיספאזיציע פון אויספארשונגס-ריכטער.

די רעוויזיאניסטען בלייבען אויף דעם קאנגרעס

פראג, 23 (יט"א). היינט אין אוונד נאך די וואהלען פון פרעזידיום איז פארגעקומען א זיצונג פון דער רעוויזיאניסטישער קאנגרעס־פראקציע, אויף וועלכער עס איז בעשלאסען גע־ווארען, דאס די רעוויזיאניסטען בלייבען אויפ'ן קאנגרעס און בעטייליגען זיך אין זיינע ארבי־טען.

די רעוויזיאניסטען האבען זיך אבער נישט בעטייליגט אין דער פייערליכער קאנגרעס-זיצונג לכבוד דעם 70-יעהריגען געבורטסטאג פון מ. מ. אוסישקין.

א פערזאמלונג פון די „וויעלאפאלער" סוחרים

דעם לעצטען זונטאג האבען די סוחרים פון „וויעלאפאלע" אבגעהאלטען זייער יעהרליכע אל־געמיינע פערזאמלונג.

אויף דער דאזיגער פערזאמלונג איז ברייט ארומגערעדט געווארען די שווערע לאגע אין וועל־כער עס געפינען זיך די הונדערטער יודישע הענד־לער פון דער „וויעלאפאלע".

צום שלוס פון דער פערזאמלונג איז אויסגע־קליבען געווארען א פערוואלטונג פון די ה"ה א. י. פראהמאן, י. פלידערבוים, ש. וואגנער, ל. האזענ־גארטען, א. נ. אינגער, א. כ. האלפערן, י. לעווין, י. גרינבערג און מ. מאשעוויטש. אין ראט זענען אריין: פ. מערקעלמויב, ב. פאלמענבוים, ז. אפענ־היים, ה. פייערשטיין, ש. שווארצבערג, ז. בלומ־בערג, ל. זאקהיים, י. העלפגאט און י. זאבערמאן.

פעסטיוואל אין קריניץ

גרויסע הנחות פאר די אלע וואס פאהרען קיין קריניץ

לויט'ן מוסטער פון די גרויסע אויסלענדישע קורערטער איז ארגאניזירט געווארען אין קריניץ אן ארטיסטישער פעסטיוואל.

אין דער צייט פון 20 אויג. ביז'ן 11 סעפט. וועלען אין קריניץ פארקומען די פערשידענסטע ארטיסטישע אונטערנעהמונגען: מיט'ן אנטייל פון סימפאנישע, פילהארמאנישע ארקעסטער, טאנץ לאוראטען, די בעסטע פוילישע ארטיסטען, ספארט-קאנקורסען מיט'ן אנטייל פון קוסאטשינ־סקי'ן, מלאשינסקי, העבדא, וויטבאן, סמאלא־ראוו א. א.

דאס באהן-מיניסטעריום האט אנערקענט פאר פאהרענדיגע אין דער צייט פון פעסטיוואל קיין קריניץ 70 פראצ. באהן הנחה אין ביידע זייטען, די קור-פערוואלטונג האט אלע אנערקענט 50 פראצ. הנחה פון בעטען-אבצאהל (פאר 10 בעטער) און א פרייע אדער זעהר ביליגע קורטאקסע (9.50 זל.).

די בעזיצער פון קארטעלען, וועלכע מ'קאן קויפען אין אלע ביוראס פון „ארביס" און „אי־קאר", בעקומען אויך 75 פראצ. הנחה אויף אלע אונטערנעהמונגען פון פעסטיוואל.

פעסטיוואל-קארטעלען קאן אויסקויפען יע־דער.

ר. שושנה און מאריס לאמפע שלאגען רעקארד מיט'ן „אורטייל" אין „סקאלא"-טעאטער

מאריס לאמפע'ס אויפפיהרונג פון דער סענסא־ציאנעלער סאוויעטישער פיעסע „דער אורטייל" שלאגט דעם רעקארד פון אלע יודישע טעאטערן אין דעם סע־זאן. טאג-טעגליך איז דאס טעאטער „סקאלא" אויס־פערקויפט ביז'ן לעצטען פלאץ און באלד אין דער פריה איז די קאסע פון טעאטער שוין בעלאגערט מיט מענשען, וואס בעדערען זיך צו קריגען א גוטען ארט. העכער 25.000 מענשען האבען שוין בעוואונדערט דאס שפילען פון די קינסטלער ר. שושנה און מאריס לאמפע. ווי אויך פון גאנצען קינסטלער-אנסאמבל. דער ערפאלג האלט אין איין שטייגען און ווען דאס טעא־טער וואלט געווען דריי מאל אזוי גרויס האלט עס אויך געווען פול.

דייטשע ערפינדער א נייעם קריגס-גאז געגען וועל־כען ס'זענען נישטא קיין שום פערהיטונגס-מיטלען

פאריז, 23 (פאט). „עקא דע פאריז" מעל־דעט פון פראנקפורט אם מאין, אז אין די לאבא־ראטאריעס פון דער פארבען-אינדוסטריע אין אפ־פו האט מען געמאכט עקספערימענטען איבער א ניי ערפונדענעם קריגס - גאז. זיינע בעשטאנד־טיילען ווערען געהאלטען בסוד. ווי מען האלט, קאן דער דאזיגער גאז אפילו אריינדרינגען דורך גאז - מאסקעס און עס איז בכלל נישטא קיין שום מיטלען, דורך וועלכע מען זאל זיך קאנען פערהי־טען געגען דער מערדערישער ווירקונג פון דאזי־גען גאז.

ביי די חלוצים אין ראדאם.

אין די לעצטע צוויי יאהר פאהרען נאך ארץ-ישראל טויזענדער יודען. מען געפונט צווישען זיי פערשידענע מענשען. עס פאהרען קאפיטאליסטען, סוחרים'לעך, אבער דער גרעסטער פראצענט פון זיי זענען חלוצים. ווער זענען דאס די חלוצים? די פראגע שטע-לען נאך היינט פיל מענשען אין יעדער שטאדט. אויף דעם וויל איך געבען א קור-צען ענטפער.

דאס זענען יונגע מענשען, וועלכע ריי-סען זיך אפ פון זייער משפחה, פון זייער היים, וואו זיי לעבען זיך זעהר בעקוועם, פערלאזען שולען און פילמאהל הויכשולען, פערליערענדיג אפטמאל זייער עתיד, בכדי אין פערשידענע שטעדט און שטעדטלעך אדורכצו-מאכען ביי די שווערסטע בעדינגונגען, ביי די שווערסטע ארבייטען די הכשרה. דאס איז די צוגרייטונג צו דער שווערער ארבייט אין ארץ-ישראל.

אנקומענדיג אין דעם לאנד פון אונזע-רע אבות, צעפאהרען זיי זיך איבער די יודי-שע קאלאניעס, וואו אין שווערער ארבייט פאר דער קלענסטער עגזיסטענץ בויען זיי דאס לאנד, נישט איינמאל נישט האבענדיג די קלענסטע בעדערפענישען פון א קולטור-לען מענש.

דארט זוכען זיי אויך נישט קיין ביז-נעס. ווייט פון דער גרויסער שטאדט, ווייט פון יעדער שטאדטישער פערוויילונג הארעווען די יונגע מענשען טאג-איין, טאג-אויס, האבענ-דיג נאר דאס איינציגע מאראלישע פערגעניגען, דאס זיי בויען בנין-הארץ לייגען זיי זייער אויך צו א ציגעל. עס איז קיין שום צווייפעל נישט, אז גרויס איז זייער פערדינסט ביים אויפבוי פון לאנד און דעריבער ברויך יעדער יוד האבען די גרעסטע פראנטערעסירונג פאר די יונגע מענשען-אידעאליסטען.

אין אונזער שטאדט ראדאם געפונט זיך אזא קבוץ פון חלוצים, און וועלענדיג פער-אינטערעסירען דאס ראדאמער יודענטום מיט די מענשען, האב איך זיי וויזיטירט בכדי צו קענען דערצעהלען וועגען זייער לעבען אין אונזער שטאדט. אזוי ווי ביי אונז געפונען זיך צוויי קיבוצים: איינער דער יונגערער „קיבוץ יעלעשניא", וואס צעהלט 30 מענשען און געפונט זיך דא 4 חדשים אויף מלעטשנא גאס און דער צווייטער „קיבוץ הגליל", וועל-כער צעהלט 80 מענשען, האב איך בעשלאסען וויזיטירען דעם עלטערען, מעהר צאהלרייכען, דעם צווייטען, באלד נאך זייער קומען פון דער ארבייט, דאס הייסט 4 אזייגער נ. מ. בין איך אהינגעקומען אין בית-יתומים, וואו זייער קבוץ געפונט זיך. עס נעמט מיך אויף דער לייטער פון קיבוץ, א זעהר פיינער און אינטעליגענטער בחור פון א יאהר 22 ה' יונג-פעלד. אליין איז ער א ווארשאווער. מיר קו-מען אריין אין זעהר-שטעהענדיגען הייזעל פון בית-יתומים, וועלכעס זיי האבען בעקומען בחנם פאר א וואוינונג'ס-ארט פון דער פער-וואלטונג פון בית-יתומים, פון וועלכער עס צייכענט זיך אויס פאר זיי מיט א ספעציעלער איבערגעגעבענהייט די פרעזעסין פון דער פערוואלטונג, פרוי ד"ר מוליער. מיר קומען אריין אין דעם עס-צימער, וועלכער דינט זיי אויך פאר א לעזע-זאהל. איך זעץ זיך מיט הערר יונגפעלד ארומרעדען וועגען זייער לע-בען אין אונזער שטאדט. ארום מיר זיצען צעהנדליגער חלוצים און חלוצות פון 18 ביז 23 יאהר. זייערע יונגע, איידעלע פנים'לעך צייגען מיר פון זייער גוטער אבשטאמונג און. אז שווער מוז זיין פאר זיי דאס נייע איצטי-גע לעבען...

צווישען זיי קלינגט א הערליך שעהן העברעאיש, אז עס איז א פערגעניגען צו הע-רען. ה' יונגפעלד דערצעהלט מיר: ערשטענס, אז דער „קיבוץ יעלעשניא" און „קיבוץ הגליל" בילדען צוזאמען איין קיבוץ. דאס וואס מען פערדינט, לעבט מען צוזאמען איין קאסע, איין לעבען, נאר צוליב דעם, וואס עס איז נישט דא קיין דירה, איז א טייל אויף דער מלעטשנע גאס. צוזאמען זענען זיי אין ראדאם 110 פערזאהן. דער „קיבוץ הגליל" גע-פונט זיך ביי אונז אין ראדאם שוין 9 חדשים. עס זענען אבער דא צווישען זיי א 20 מענ-שען, וועלכע זענען נאך פאר ראדאם געווע-זען אויף הכשרה, 3 חדשים אין נעלוויע — א קליין שטעדטעל אויף די קרעסען. די גרעסטע טייל פון די חלוצים זענען פון ווילנע און אומגעגענד א טייל איז אויך פון ווארשא. עס זענען פאראן א 40 יונגעלייט פון 40 פריי-לינס. די מעהרסטע טייל פון זיי האבען גע-ענדיגט א פאלק'ס-שול. 25 פראצענט פון זיי האבען געענדיגט תרבות-שולען און זיי טאקי קענען פערפעקט העברעאיש, 20 פראצ. זענען אביטוריענטען פון מיטעלשולען, צווישען זיי אויך דער לייטער ה' יונגפעלד. הגם די פער-וואלטונג האט זיי אפגעגעבען דאס הילצערנע הויז צו וואוינען בחנם, מוזען זיי דאך צאה-לען פאר בעלויכטונג און בעהייצונג.

פון וואס לעבט איהר, פרעג איך? און דא דערהער איך, אז פון 110 מאן ארבייטען קוים 45. זיי זענען בעשעפטיגט מעהרסטענס אין די גארבערייען ביי „קאראנא", „טאבאקס", „קארמאן", „צעמאך", א. ז. ג. זיי ארבייטען אויך אין פערשידענע אנדערע פאבריקען, וואו זייער טאג-לוין בעשטעהט פון 1 ביז 3 גילדען. עס איז כדאי צו בעמערקען, אז אזא פאבריק ווי „יאהאנן קאהן" וואו מיר האבען א היבש ביסעל ציוניסטען, ציוניסטען רעוו. אין דער פערוואלטונג, האבען געארבייט נאך נישט לאנג 8 חלוצים, ארבייט יעצט איינער אדער צוויי, אין אזא פאבריק, וואו מידלער איז אייגענטימער פעררינט, א חלוק, פאר א גאנצען טאג ארבייט 1 גילדען! איז דאס ריכ-טיג? ברויך אזוי זיין? דאגעגען ליבען זיי זעהר די פערוואלטונג פון דער פאבריק פון „צעמאך" און הערר בלאטמאן, דעם אייגענטי-מער פון ברעטער-סקלאד.

עס זענען ביי זיי פאראן: שניידער, סטאלאר און איינבינדער-ווארשטאטען, אבער זיי האבען זעהר ווייניג ארבייט, ווייל זייער וואוינארט איז זעהר ווייט פון דער שטאדט. עס געפונען זיך צווישען זיי מאלערס און אנ-דערע פאכלייט, אבער זיי האבען קיין אר-בייט. און אט אזוי פערדינען 110 מענשען: 45 גילדען א טאג. נעמענדיג אין אכט, אז פון די ראדאמער יודען בעקומען זיי נישט די קלענסטע מאטעריעלע שטיצע, קען מען שוין פערשטעהן, ווי דאס לעבען ביי זיי זעהט אויס.

דער קולטור-ניוואו איז ביי זיי אויף א הויכער שטופע. מען לערנט ביי זיי ארץ-ישראל-קענטשאפט. גאנץ אפט ווערען געפירט ביי זיי זעהר אינטערעסאנטע דיסקוסיעס אי-בער סאציאלע פראגען. זיי בעקומען בחנם טאג-טעגליך „דאס ווארט", „היינט" און יעצט וועלען זיי אויך בחנם בעקומען דעם „ראדא-מער עקספרעס". ביכער צו לעזען בעקומען זיי פון דער ציוניסטישער און פרץ-ביבליא-טעק. זיי בעקומען אויך אנדערע צייטונגען העברעאישע, אבער די שוין בעצאהלט.

(ענדע זונטאג)

Najelegantsze i najwytworniejsze
Kino „APOLLO"
Od poniedziałku
wyświetla wielkie arcydzieło p. t.
Platynowa blondynka
z Jean HARLOW, Clarkiem GABLE
w rolach głównych.
Ceny wszystkich miejsc — za wyjątkiem lóż — 49 gr.

פעהיגע צייטונג'ס פערשפרייטער
ווערען געזוכט דורך דער אדמיניסטראציע פון „ראדאמער עקספרעס"

קינא-רעפערטואר

APOLLO — פלאטינאווע בלאנדינקע
CORSO — ציגיינער-בלוט
CZARY — מקרה פאראא און פליפ-פלאפ
ZNICZ — געפאנגענע נשמות

אפטייק-דיזשור

היינטיגע נאכט דיזשורירט די אפטייק מאלטשעווסקי פל. יאגיעללאנסקי

אבאנירט
דעם „ראדאמער עקספרעס"

גניבות

דעם 24 ד. מ. האט קאפושאק סטאניסלאוו פון טראוגוטטא 45, געמאלדען דער פאליציי, אז אין דער נאכט פון 23 אויפ'ן 24 ד. מ. האט זיך זיין שותף קאטשמארסקי יוזעף וואס וואוינט אויף גראניטשנא גאס, האבענדיג דעם שליסעל פון זיין סטאלאר-ווארשטאט, וועלכער געפונט זיך אויף טראוגוטטא 4 ארויסגע'גנב'עט פערשידענע סטאליאר-זאכען פאר 290 זל.

די פאליציי פיהרט אן אויספארשונג אין דעם ענין.

מען האט ליב יענעמס

שנייד וולאדיסלאווא, וועלכע וואוינט סטאראקראקאווסקא 19, האט געמאלדען דער פאליציי, אז בערגמאן הערשיל פון יאצקא מאלטשעווסקיעגא גאס 2 האט איהרס א שערם פאר 20 זל. זיך צוגעאייגענט און וויל איהם איהר בשום אופן נישט אומ-קעהרען.

ס'הויבט זיי אן צו רידרען...

היינט פרייטאג דעם 25 ד. ח. וועט פארקומען אין דעם געבייעט פון שטאדט-קאמיסאר אונטער דעם פארזיץ פון וויצע-קאמיסאר פולק. יאושדזינסקי א קאנפערענץ וועגען פערביליגערען דעם עלעקטרישען שטראם, מיט דער בעטייליגונג פון פארשטעהער פון דער בעפעלקערונג.

אין דער קאנפערענץ וועלען פון איין זייט אנטייל נעמען דער דירעקטאר פון דער עלעקטראוניע אינזש. כאנדזינסקי און פון דער צווייטער זייט פארשטעהער פון סוחרים האנדווערקער, הויז-אייגענטימער, בעאמטע און לאקאטארען-פאראיין.

מיר ווילען האפען, אז די קאנפערענץ וועט געבען פאזיטיווע רעזולטאטען.

אינטעליגענטע יונגעלייט

קענען גוט פערדינען ביי דער אקוויזיציע פון אנאנסען פאר דעם „ראדאמער עקספרעס" אינפארמאציעס ערטיילט די אדמיניסטראציע פון „ראדאמער עקספרעס".

וואס שרייבט
די ראדאמער פוילישע פרעסע?

דער „דזיען דאברי זיעמי ראדאמסקיעי" פערעפענטליכט א בריעף פון „אבסערוואטאר" אין וועלכען ער שרייבט, אז אין דעמזעלבען טאג, ווען יודען האבען אויף דער לובלינער גאס פראטעסטירט געגען דער דייטשער פירמע „עטקער" און געצווינגען דעם גרויסען רעק-לאמע-אויטא, צוזאמען מיט דעם אגענט צו פערלאזען דעם פלאץ — האבען יודישע קרע-מער און הורטאווניקעס פון וואהל געקויפט ביי דעם זעלבען „עטקער"-אגענט סחורה און געפאדערט מ'זאל די סחורה אריינטראגען אין געהיים דורך די הינטער-טהירען אין זיי-ערע סקלאדעס". דער בריף ענדיגט זיך מיט אנ'אויפרוף אויפ'ן אדרעס פון אזעלכע יודישע סוחרים:

„פע! יודישע סוחרים..! אויף דער לוב-לינער גאס דעמאנסטרירען אייערע ראדאמער ברידער געגען היטלער'ן און אויף דער וואל-לאווע קויפט איהר דייטשע סחורה. און אפשר וואוינט אויף דער וואלאווע אנ'אנדערער יו-דישער שבט, וועלכער סאלידאריזירט זיך מיט דעם היטלעריסטישען טערראר?.."

עס איז זעהר טרויעריג... אבער לײדער אמת... אפשר וועט דער מוסר פון דער פויל-ישער צייט האבען א גרעסערע ווירקונג אויף די אונפערשעהמטע יודישע הענדלער, וועלכע דערפיהרען מיט זייער האנדלונג דערצו, אז פרעמדע זאלען זיי מוסר זאגען. (רעד.)

למר יחיאל פרנקל אוהדנו החביב והמסור ולמשפחתו
(נשיא ההסתדרות הציונית ברדום)
שולחים אנו את ברכתנו החמה הלבבית לחתונת בתם מרת מרים
עם מר אינזש. מיכאל שורץ
ואחולינו שימצאו את ספוקם בעזרתם בבנין המולדת ובהתחיות המאושרת בה!
ברכתנו חזקו ואמצו!
קבוץ „הגליל" ברדום.

דערמיט מאכען מיר בעקאנט, אז די גענעראל-פערטרעטונג אויף דער קעלצער וואיעוואדזטווא פון אונזערע אויסארבייטונגען האבען מיר אנפערטרויט דעם ה'

סאלאמאן כוואט, ראדאם,
פיאסקי 14

TOWARZYSTWO
Parowej Fabryki Konserw
„BAŁTYK"
Wilno.

Druk N. H. Żabnera w Radomiu
Redaktor i wydawca: Jakób Chwat